STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01715

OYSGEHAKTE VELDER

Jechezkel Keitelman

*Permanent preservation of this book was made possible
by William & Dale Zalsman
in honor of
Irving & Davida Shipkowitz*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קייטלמאַן

אויסגעהאַקטע וועלדער

דערציילונגען

ניו־יאָרק — פילאַדעלפיע
1952

CHASKEL KEITELMAN

OISGEHAKTE WELDER

Dertzailungen

Copyright
CHASKEL KEITELMAN
1952

הילע פֿון מרים קייטלמאַן

Composition by F. MALINAK
Printed by ISAAC W. SHERMAN
Philadelphia, Pa.

New York—Philadelphia
1952

1930 — איך בין אין 25סטן לעבנס־יאָר. מיט 10 יאָר קריק האָט זיך געענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה. געענדיקט און נישט געענדיקט. ערגעץ וואו אָנט זיך שוין, אַז אָט די „קליינע שחיטה״ איז ערשט ווי אַן אַריינפיר, אַן אָנהויב, צו נייע שווערערע קאָנפליקטן, וואָס וועלן אויסברעכן. ווען און וואו האָט קיינער נישט געוואוסט.

דאָס יידישע לעבן אין פוילן איז אויפן שייד־וועג. דאָס פוילישע פאָלק דערוואַכט נאָך קנאַפּע צוויי דורות פאַרשקלאַפונג. עס פרואווט אויסגלייכן איר רוקן... מיט פּאָגראָמען אויף יידן, מיט רציחות און שנאה.

אין דער אַטמאָספער האָט זיך צעבליט יידיש לעבן. עס צעוואַקסט זיך אַ ליטעראַטור, אַ טעאַטער, שולן מיט אַן אייגן יידיש פּנים. עס צעוואַקסן זיך יידישע קאָנפליקטן.

אַ חיי שעה, אַ פאַרבלענדן זיך, אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון אויפלעבונג, פון אויפבליאונג, פון אויסרעכענונגען אויף יידיש לעבן; וואָס דאַרף זיך ממשיך זיין ווער ווייס וויפיל טויזנטער יאָרן...

און ווען טויזנטער יאָרן — איז דאָך נישט שייך צו איילן, איז דאָך נישטאָ וואָס פאַרויס צו זען... שטיל, אין מיטן פון אַ פוילען שטראָם שווימט דאָס יידישע לעבן אין פוילן. מיט גרויסע טאָג־טעגלעכע דאגות פאַר עקזיסטענץ, אָבער, אָן גרויסע דאגות פאַרן קיום האומה.

אין יענע יאָרן בין איך אַרויס פון דער ישיבה, אַרויס פון שול, געמאַכט זיך זעלבסטשטענדיק מאַטעריעל און געפּרואווט אַוועקשטעלן מיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור.

געמאָסטן און געוואויגן לויט דעם לעבן וואָס אַרום מיר. נישט האָבנדיק פאַרן בליק מיינעם דעם ברייטערן האָריזאָנט — האָב איך

אָנגעהויבן מיט אַ סקיצע. איך האָב געשילדערט אַ לעבן פון אַן אָרע־מער יידישער פרוי — אַ יידישע מאַמע אַן אַלמנה:

אַ יידישע מאַמע — אַן אַלמנה האָט אַן איינציקן זון אַ יינגל פון אַ יאָר 18. דאָס קינד אירס אַרבעט אין אַ גרויסער שטאָט אַלץ אַנ־געשטעלטער. די מאַמע שייערט שטול און טיש פאַר פסח און אין דער צייט פון איר אַרבעט, מיט דער פרייד פון דעם טואונג גייט אויף די פרייד פון אַ מאַמע וואָס דערוואַרט דאָס אַהיימקומען פון איר איינציק קינד.

די סקיצע האָב איך געדרוקט אין „ווילנער טאָג” אונטער דער רעדאַקציע פון זלמן רייזין. מיין צווייטע אַרבעט איז געווען אַן אָפּ־האַנדלונג וועגן אַ מאָדערנעם רוסישן שריפטשטעלער. געדרוקט אין די וואַרשעווער „פאָלקס צייטונג”.

אַ קורצע צייט איז ביי מיר געווען אַן איבעררייס פון שרייבן. איך האָב פשוט נישט געפונען דעם דופק פון לעבן, נישט געהערט איר גאַנג, נישט פאַרשטאַנען וואָס אַרום מיר טוט זיך.

אין יאָר 1931 האָב איך פאַרעפנטלעכט אין ווייסנבערגס „אונזער האָפענונג” אַ גרעסערע דערציילונג א.נ. „אונטער די צלמים”. אין די ליטעראַרישע קרייזן פון וואַרשע האָט זי צו מיר אַרויסגערופן אויפ־מערקזאַמקייט.

אין דעם זעלבן יאָר האָב איך געדרוקט אַ דערציילונג אין ניו־יאָרקער „די וואָך” אונטער דער רעדאַקציע פון לייוויק און אָפּט־טאָשו א. נ. „בלוטיקע אויגן”. אין אַ קורצער צייט שפּעטער זיינען דער־שינען מיינע צוויי ביכער דערציילונגען, ביידע אונטער דעם זעלבן נאָמען „מיטן פנים צו זיך”.

די דאָזיקע צוויי ביכער זיינען געווען די ערשטע חתימה, די ערשטע זאַלבונג צו ווערן אַ שרייבער ביי יידן.

*

נישט לאַנג האָט געדויערט די „אידיליע” פון יידשן לעבן, פון דעם „רענעסאַנס” אויף דער יידישער גאַס.

די שוואַרץ־בלוטיקע צייכנס וואָס דער היטלעריזם האָט אָנגע־הויבן צייכענען אויף די דייטשע הימלען האָט מיט דער זעלבער חשכות זיך אָנגעשלאָגן אויף די פוילישע. אין פוילן האָט אָנגעהויבן

בושעווען דער נידערטרעכטיקסטער פּאַשיזם. בויקאָט און חרם אויף יידן. צעשפּאָלטענע יידישע קעפּ און געזעצלאָזיקייט וואָס האָט פריער קיינמאָל נישט געהאַט איר גלייכנס.

אין יאָר 1932 בין איך געווען אין בערלין. פון ערשטן טאָג פון מיין זיין דאָרט האָב איך דערפילט; דעם גערוך פון שרפה, פון אומקום און פאַרטיליקונג. דער שטורעם האָט אָנגעריקט פון אַלע זייטן!

איך האָב פאַרעפנטלעכט צוויי דערציילונגען וואָס האָבן שוין אין זיך געטראָגן אַלע צייכנס פון בלוט מיט וועלכן מיין לייב, דאָס לייב פון מיין קינד, פון מיין פרוי און טאַטע־מאַמע האָבן שפּעטער אויף זיך געטראָגן.

איך האָב אָנגעשריבן אַ ראָמאַן (וואָס זיין מאַנוסקריפּט איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען) אין וועלכן איך האָב געפּרואווט מיט מיינע באַשיידענע כוחות צו געבן אַ בילד פון דעם; וואָס אונדז דערוואַרט פון דעם דייטשן מאָנסטער.

עס איז געווען אַ שרעקלעכע, אַן אומהיימלעכע פאָרויסזעאונג.

*

יאָרן מלחמה, יאָרן פאַרלענדונג.

איך האָב צום מזבח פון דייטשן מולך געשענקט מיין קינד, מיין פרוי, אַ ברודער, אַ שוועסטער, טאַטע־מאַמע, ברודערס קינדער, קוזינס פעטערס און מומעס.

ווער קען דעם גאַנצן ווייטיק שילדערן? אַרויסרופן דעם טרויער? די אומענדלעכע ליידן פון אונזער אומקום, איבערגעבן?

איך האָב עס געפּרואווט אין אַ מיליאָנסטל טייל צו פאַרפיקסירן אין מיין בוך א. נ. „אויסטערלישע געשיכטן” וואָס איך האָב אין יאָר 1948 אַרויסגעגעבן אין דייטשלאַנד. דער באַקאַנטער דיכטער און קריטיקער מלך ראַוויטש ענדיקט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דעם בוך מיט פאָלגענדע ווערטער:

„קייטלמאַנס בוך איז איינס פון די פּאָזיטיווע פּראָזע־ביכער אויף דער גרויסער אפשר גרעסטע טעמע וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַר זיך געהאַט. עס איז אַ קינסטלעריש בוך, שטאַרק לעזבאַר און ליטעראַריש ווערטפול”.

(דערציילונגען פון דעם בוך זיינען איבערגעזעצט און פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אין פויליש, ענגליש, העברעאיש.)

אָבער נישט בלויז מיט דעם בוך אַליין האָב איך אויסגעשעפּט די גרויסע טעמע פון אונדזער אומקום. אין אַנדערע דערציילונגען, אַרטיק־לען, אָפּהאַנדלונגען וואָס איך האָב אין משך פון מיין זיין, נאָך דער מלחמה, אין דייטשלאַנד פאַרעפנטלעכט, האָב איך מיינע פינגער ממש גע־טונקען אין בלוט פון מיינע נאָענטסטע.

אַצינד רבותי, קום איך צו אייך מיט די ווערטער און מיט דעם בוך „אויסגעהאַקטע וועלדער". דער סימבאָל פון פאַרשניטענעם מזרח־איראָפּעאישן יידנטום.

*

צום סוף וויל איך דאָ דערמאָנען יוסף פּאָהל. אַ ייד פון פילאַדעלפיע. אַ מענטש, וואָס שענקט אַוועק זיין גאַנצע פרייע צייט פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אַ מענטש, וואָס האָט זיך קונה עולמו געווען מיט זיין אומערמידלעכע אַרבעטן פאַר די ניי־געקומענע, פאַר אַלטע א. אַ. וו.

איינער פון די זעלטנסטע עקזעמפּלאַרן פון אַ יידישן כלל־טוער וואָס קומט פון די טיפענישן פון אונדזער פאָלק. מיט לייב און לעבן האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט הילף פאַר מיין בוך און געזען, אַז די אויסגאַבע זאָל קענען דערשיינען. מיין האַרציקסטן דאַנק אים פאַר זיין מענטשלעכע באַציאונג צו מיר אין אַ צייט ווען איך בין נאָך אַ פרעמדער אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

י. קייטלמאַן

מיטן טויט אויף דו

טעג, וואָכן זיינען פאַרגאַנגען, און מאָטל האָט נישט געהאַט טועם געווען קיין ביסן ברויט. געשפּייזט האָט ער זיך מיט אָפּפאַל, וואָס אימיצער צווישן די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען נעבן טאַשקענטער וואָקזאַל, האָט אַוועקגעוואָרפן.

צו אַלעם בייזן איז ער אויך געווען נאַקעט און באָרוועס. און שנעל האָט זיך צוגערוקט דער אוזבעקישער ווינטער, אַ נאַסער און קאַלטער.

ווי גרויס דער פּלאַץ אַרום דעם וואָקזאַל, אַזוי איז ער געווען פאַר־לייגט מיט מענטשן. משפּחות, משפּחות אַרום טאָבאָלקעס. אין דער לופט אַ טומל נאָר טויב צו ווערן. נישט בלויז פון מענטשן, פון קינדער־געשריי און פון הירזשעריי פון אייזלען, נאָר אויך פון באַנען, וואָס זיינען יעדער מינוט געקומען און געבראַנגט נאָך צוגן מיט מענטשן פון אוקראַ־אינע, וואָס זיינען אַנטלאָפן פונעם דייטש.

די טאַשקענטער מאַכט האָט זיך מיט אָפענער שנאה באַצויגן צו די עוואַקואירטע. קען זיין דערפאַר, וואָס חוץ סאָוועטישע בירגער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ווייטן אוזבעקיסטאַן, איז די שטאָט אויך פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ שטראָם מענטשן, יידן און פאָליאַקן, באַפרייטע פון די סאָוועטישע לאַגערן.

לאַמטערנס, נישט קיין מענטשן זיינען געווען די „לאַגערניקעס״. דורך יאָרן שקלאַפעריי האָבן זיי זיך צוגעוואוינט צו די עקלדיקסטע זאַכן: לויזן זיך אין אָפענע פּלעצער, בעטלען, גנבענען און אָפּטוען די אַלע באַדערפענישן ווען יעדער זעט.

די טאַשקענטער מושלים האָבן געפּרואווט פאַרהיטן, אַז דער דאָזיקער עלנט זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אין צענטער שטאָט. צוויי בריקן איבערן טייך וואָס פאַרבינדן דעם וואָקזאַל מיטן קערן פון טאַשקענט זיינען געווען שטאַרק באַוואַכט און דאָך האָבן די „לאַגער־ניקעס״ אָנגעפילט די גאַסן און די באַזאַרן.

אַלס שטראָף האָט די מאַכט נישט געגעבן דעם וואָקזאַל־פּלאַץ קיין הילף (ווי מען האָט זיך געוויצלט: קיין „פּריפּיסקע"). טיפוס, דיזענטעריע, שאַרלעך און דיפטעריט האָבן געבושעוועט איבערן וואָקזאַל. ווי פּרעהס פלאָגן, האָבן מיליאָנען לייז באַפאַלן די מענטשן. זיי, די לייז, זיינען געקראָכן אין דעם קליינעם סקווערל, אָדער „סאַדעק", אויף דיביימער, אויף די בענק. די לאַטרינעס, נישט גערייניקטע, האָבן פאַרשפּרייט אַן עיפּוש נאָר אומצוקומען!

אין דער טיפער פינצטערניש פון דער נאַכט איז דאָס אומגליק פון די מענטשן אויפגעגאַנגען עד לב השמים! קינדער האָבן געגוסט און געשטאָרבן פון קעלט, פון הונגער און שמוץ. פאַרטאָג, צום אויפגאַנג פון דער זון, איז דאָס בילד געווען אימהדיק ביז טויט! מען האָט געזען קופּעס מענטשן שלאָפנדיקע, זיינען געלעגן איינגעגעסן איינער אינעם צווייטן, לייב האָט זיך איינגעביסן אין לייב אויסצוזייגן פון דאָרט אַביסל וואַרעמקייט. הענט, פיס, פנימער און פּלייצעס פאַרוויקלט צוזאַמען. מיילער — אויפגעריסענע, ווי אין אַ פאַרגליווערט געשריי צו די הימלען. קאָלדרעס, קישנס, מיידלשע האָר און קינדערישע קעפּלעך — אַלץ אין מיסט און אין שטויב.

צו דעם אַלעם גוטן האָבן ביים וואָקזאַל גראַסירט באַנדעס פאַרברעכער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון די תפיסות אין אוקראַאינע פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן.

אָפט, אין מיטן העלן טאָג, זיינען זיי באַפאַלן די אומגליקלעכע, וועלכע זיינען פון קיינעם נישט באַשיצט געוואָרן.

איז קיין וואונדער נישט, וואָס יעדער האָט מיט אַלע מיטלען געפּרואווט פון דאַנען אַנטלויפן.

ווי נאָר עס האָט זיך באַוויזן אַ באַן, וואָס איז געגאַנגען ווייטער אַרויף, טיפער אין אוזבעקיסטאַן, איז מען איינגעזעסן און געפאָרן, איין האָט ווייסט וואוהין!

אַ צייט שפּעטער האָבן זיך אויפן פּלאַץ באַוויזן הונדערטער פאַרייקקומער. זיי האָבן דערציילט פון הונגער, וועלכער הערשט אומעטום, צום שאַרפסטן — אין די אוזבעקישע קאָלכאָזן, אין וועלכע מען אַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג און נישט בלויז גיט מען דאָרט נישט קיין שטיקל ברויט, נאָר אַפילו וואַסער איז נישט פאַראַן אין דער צייט פון דער אַרבעט אויף די בוימוואָל־פעלדער.

די פאַרצווייפלונג איז געשטיגן פון מינוט צו מינוט. כאָטש אַרום און אַרום האָט זיך געזען אַ הויכער בלויער הימל, די וואונדערלעכע פּימעער בערג מיט זייערע שניי־קעפּ, דאָך האָבן זיך אַלע געפילט ווי אין אַ שטייג, אין וועלכער מען וועט אויסגיין פון הונגער און דערשלאָגנקייט.

נישט אַלע אויפן פּלאַץביים וואָקזאַל האָבן געוואוסט, אַז אין די שטאָט־פּעריפעריעס, אין די אוזבעקישע טיי־הייזער קען מען אַמאָל פּאַר גוט באַצאָלט איבערשלאָפן אַ נאַכט. אין טאַשקענט זיינען פאַראַן הונדערטער טיי־הייזער. אין זיי פאַרברענגט דער אוזבעק זיין פרייע צייט. דאָרט ווערן געשלאָסן אַלע נישט דערלויבטע מסחרים. דאָרט פאַרקויפט דער טאַטע זיין טאָכטער. דאָרט קומען די פאָלקס־זינגער און פאָלקס־דיכטער מיט זייער מוזיק און גראַמען.

אינעווייניק, אַרום און אַרום די „טשאַיכענאַס"" ווענט, שטייען טישן צוגעדעקטע מיט שמוציקע טעפּיכער. אויף די טישן זיצט מען מיט די פיס אונטער זיך, מען טרינקט כסדר טיי און מען אונטערהאַלט זיך ביז האַלבער נאַכט.

ווען די אוזבעקן פאַרלאָזן די טשאַיכאַנאַס, ערשט דעמאָלט ווערן די „לאַגערניקעס" אַריינגעלאָזט אין טיי־הויז אויף אַ דריי־פיר שעה, ביזן פריען פאַרטאָג.

אָבער נישט תמיד איז דער פאַרוואַלטער פון דער טיי־שטוב געווען ווייליק אַפילו פאַר גוט געלט אַריינצולאָזן די „געסט". אָפט, אָן אַ פאַרוואָס, איז פון אים אַרויסגעקראָכן דער מדבר־מענטש און דערלאַנגענדיק מיט די פויסטן, אָדער דראָענדיק מיטן קינזשאַל, האָט ער פאַרטריבן די לעכצנדיקע נאָך רו. אין דעם ביטערן און פינצטערן דרויסן אַרויס.

נישט פיל בעסער איז געווען, ווען ער איז יאָ מרוצה געווען אויפ־צונעמען די פרעמדע. ווי נאָר מען האָט זיך אַנידערגעלייגט רוען האָבן זיך געפונען טונקעלע פאַרשוינען, וועלכע האָבן געריבעט אָן רחמנות. ווייט און ברייט אַרום איז קיין באַשיצער און שוץ נישט געווען.

נישט האָבנדיק מיט וואָס צו צאָלן פאַר אַ געלעגער אין אַ טיי־שטוב איז מאָטל זעלטן געגאַנגען שלאָפן. מיט די אַנדערע טויזנטער מענטשן איז ער געבליבן ביים וואָקזאַל. כדי צו פאַרטרייבן די קעלט

און דעם שלאָף, האָט ער שפּאַצירט אַרויף אַראָפּ איבערן פּלאַץ און געציילט די אייגענע טריט. ביז אָנגעלענט אויף דער ברוסט, איז ער איינגעשלאָפן גייענדיק.

דער טאַשקענטער וואָקזאַל איז איינער פון די שענסטע בנינים פון דעם מין אין רוסלאַנד. אַ ברייטער, פּרעכטיקער בנין, מיט אַ סך ציכטיקע זאַלן. זיי זיינען אָבער תמיד פאַרשלאָסן פאַרן איינפאַכן מענטש. אַ פּאַסאַזשיר, וואָס וויל זיך אין טאַשקענט באַנוצן מיטן וואָקזאַל, האָט צו זיין דיספּאָזיציע נישט מער ווי איין קליינעם זאַל, וואָס איז טאָג און נאַכט אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. זיי שטויסן זיך צום איינציקן קאַסע־פענצטערל, וועלכעס באַדינט אַזוי די פּאַסאַזשירן, אַז קיינמאָל זאָל קיינער נישט קענען פון טאַשקענט אָוועקפאָרן.

מיט מער אייפער איז דער וואָקזאַל געהיטן געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה, באַזונדערס גאָר שטאַרק קעגן די עוואַקואירטע און באַפרייטע פון די לאַגערס, אַז זיי זאָלן זיך נישט קענען שיצן אונטער זיין דאַך.

ביי דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דעם איינציקן קליינעם וואַרט־זאַל, איז געשטאַנען אַ פרוי, אַ שומרטע. זי האָט נישט געשמייכעלט. איר פּנים אַ קאַלטס, אַ שאַרפס איז געווען פון אַ שטיין־מומיע. די פרוי איז געשטאַנען און געהיטן עס זאָל קיינער נישט אַריינקומען אין וואַרט־זאַל, מיטן אויסנאַם פון געציילטע מענער — נאַטשאַלניקעס, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער צוג.

אַרום דער פרוי, דער היטערין, האָבן זיך געדרייט מענטשן, מוטערס מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט ,און קראַנקע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן קוים אויף די פיס. מען האָט גערעדט צו איר מיט אַלע רייד, וואָס עס איז נאָר פאַראַן אין דער מענטשלעכער שפּראַך פאַר תחנונים. ווען מאָטל האָט געשפּאַנט אַרויף־אַראָפּ אויפן פּלאַץ, האָט אים דער ווינט געברענגט זייערע רייד, — געבייזער און געוויין.

אַזוי האָט עס געדויערט וואָכן. פּלוצעם, אין איינע פון יענע נעכט, איז די פרוי פאַרשוואונדן. עס איז געווען די נאַכט, ווען איבער טאַשקענט איז געפאַלן דער ערשטער שניי אין יענעם יאָר. דער פרישער בלענד האָט געשראָקן און געוועקט האָפענונגען. פּלוצעם, אַ פרייד: „דער וואַרט־זאַל איז אָפן!״

די שמחה, ווי טויזנטער מענטשן וואַלטן מיט איינמאָל אַרויס פון אַ תפיסה. אַ געשריי ביז אונטער דעם זיבעטן הימל, דאָס האָבן נאָענטע זיך אַריבערגערופן צו פאַרנעמען בעסערע פּלעצער.

מענטשן האָבן שווער געשוויצט און געהויבן זייערע טאַבאַלקעס. מען איז אַנטלאָפן פון נאַכט, פון קעלט, פון היימלאָזיקייט און פאַר־צווייפלונג.

פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט:

— מיר לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. ביי אונז לאָזט מען נישט מענטשן אויסגיין ווי די ליכט!

אַנדערע האָבן געוואוסט צו דערציילן פון אַ „פריקאַז”, וואָס איז געקומען אַזש פון מאָסקווע: „עפנט די טויערן!”

די וואַרעמקייט אין זאַל כאַטש אַ פּולע מיט נעץ און געשטאַנק, וואָס די אַריינקומערס האָבן מיט זיך מיטגעברענגט, איז געווען אָנ־גענעם און געמאַכט שלעפעריק. וויפיל מאָל האָט נישט געפּרואווט ווערן זיך קעגן שלאָף איז זיין מאַכטלאָזיקייט געווען שטאַרקער. פאַלנדיק אויף וועמענס אַן אַקסל איז ער איינגעשלאָפן.

נישט לאַנג האָט געדויערט און אַ טרעוואָגע האָט מאָטלען אויפ־געוועקט. מענטשן זיינען געשפּרונגען דורך די פענצטער, באַהאַלטן זיך אונטער די בענק.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער גאַנצער וואָקזאַל איז אַרומגע־שטעלט מיט הונדערטער מיליציאָנערן. אַלע וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל זיינען אַרומגערינגלט, פאַרשלאָסן און אַ צוג וועט זיי אַוועק־פירן פון טאַשקענט.

די וואַגאָנעס אין וועלכע די מענטשן זיינען געוואָרן אַריינגעטריבן זיינען נישט געווען ליידיק. אין זיי האָבן זיך געפונען פאַרשוינען, וואָס האָבן די אַריינקומערס באַגעגנט מיט שלעק, באַפאַלן זיי און גערויבט, געריסן פון די לייבער דאָס לעצטע שטיקל מלבוש און איבערגעלאָזט זייערע קרבנות האַלב נאַקעט. די באַפאַלענע, וואָס האָבן זיך געפּרואווט ווערן זיינען מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן ביז באַוואוסטלאָזיקייט.

נישט קיין באַן, נאָר אַ געשריי איז געלאָפן איבער די אוזבעקישע מדבריות אין יענער נאַכט. מיט אַ שווינדלענדיקער געשווינדקייט זיך געטראָגן אַלץ ווייטער פון טאַשקענט און ווי נעענטער צו אַ לאַנד פוןליידן, פון פּיין, וואָס האָט מער קיין גרענעץ נישט.

ערגעץ, אויף אַ קליינער דאָרפֿס־סטאַנציע האָט די באַן זיך אָפּ־געשטעלט. מענטשן האָבן אויפֿגעבראָכן די טירן, פֿענצטער און אַרויסגעשפּרונגען פֿון די וואַגאָנעס, ווי פֿון אַ שׂרפֿה.

אַ גערעטעוועטער איז מאָטל מיט אַלע גלייך שטיין געבליבן אויף אַ פּאַרטאַגיק פֿעלד.

נישט ווייט פֿון וואָקזאַלעכל האָבן די צוויי צענדליק מענטשן געפֿונען אַ קליינע „טשאַיכאַנאַ". דער פּאַרוואַלטער, אַן אַלטער אוזבעק, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן איידעלן מענטש. ער האָט אויף אוזבעקיש אויסגעדריקט מיטגעפֿיל און יעדן מכבד געווען מיט אַ שטיקל אמת־דיקער בוכאַרער דינע, און הייס וואַסער אַנשטאָט טיי.

מידע, צעבראָכענע, דערשלאָגענע, זיינען אַלע אַוועקגעפֿאַלן אויף די טישן און איינגעשלאָפֿן.

ווען מאָטל האָט זיך איבערגעוועקט איז געווען נאַכט. ווייזט אויס, אַז אַ גאַנצער מעת־לעת איז אַדורך און ער האָט אים געפֿילט ווי אַ מינוט. נישט געווען קיין איין אבר אין מאָטלען עס זאָל אים נישט ווי טאָן. גלייכצייטיק האָט אַן אָנגענעמע מידקייט, אַ צערט־לעכע וואַרעמקייט אין לייב געריזלט. וויפֿל וואָכן איז ער שוין נישט געשלאָפֿן? וויפֿל וואָכן האָט ער איבערן קאָפּ קיין דאַך נישט געהאַט? ערשט אַצינד האָט אים דאָס פּנים געפֿייערט ווי אַלע קעלטן, ווינטן, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען, אין משך פֿון דער צייט, וואָס זיין היים איז געווען דער טאַשקענטער וואָקזאַל־פּלאַץ, וואַלטן פֿון אים אַרויס.

לעבן מאָטלען איז געזעסן אַ מענטש, אַן אויסגעדאַרטער ווי אַ שפּין. ווי ער, אַ פּוילישער ייִד, פֿון שטעטל זגערזש, ווי ער, אַ קרבן פֿון דעם צוג, אַ „לאַגערניק" פֿון וואָלאָגדע.

„מירן זיך האַלטן צוזאַמען" — האָט דער זגערזשער געזאָגט. „ביי מיר וועט איר נישט פֿאַרלוירן גיין. איך קען זיך אַן עצה געבן אין אַזעלכע צייטן" — האָט ער מאָטלען פֿאַרזיכערט און ביידע האָבן באַשלאָסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריקגיין קיין טאַשקענט און נישט אויסגיין דאָ אין ווייסטן פֿעלד.

דאָס רוב באַפּרייטע פון די לאַגערס, כדי זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, האָבן געמסחרט אויפן פּלאַץ אַרום וואָקזאַל אין טאַשקענט.

מען האָט געהאַנדלט מיט אַ קאַרטאָפל, אַ שטיקל ציבעלע, אַ פּע־נעץ ברויט. אויך אויסזאָגן אַ פּלאַץ, וואו מען קען שלאָפן, איז גע־ווען אַ סחורה. מייסטנס האָט עס זיך געהאַנדלט וועגן קעלערס אין נישט אויסגעפּערטיקטע בנינים, פון וועלכע די מיליץ האָט נאָך נישט געוואוסט, אַז „לאַגערניקעס" שלאָפן דאָרט.

דער זגערזשער איז געווען פון די ערשטע „סוחרים" אויפן פּלאַץ. ער האָט אָנגעהויבן ביי אַ שטיקל ציבעלע און אין אַ וואָך שפּעטער האָט ער זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט אַ פלאַש שנאַפּס. באַלד מיט אַ שטיקל זייף, דריי נאָדלען און — אַ, הימלען עפּנט אייך! מאָטל האָט אַליין געזען אין זגערזשערס הענט אַ שטיק קאָלבאַס, וואָס יענער האָט ביי אַ סאָוועטישן אָפיציר אָפּגעקויפט!

און פּלוצעם אַ נייעס: דער זגערזשער האָט אַן אָרט, וואו ער קויפט הונדערטער פּיראָזשקעס *)! דער וואָקזאַל־פּלאַץ האָט אויפ־געשטורעמט: „דער זגערזשער! דער זגערזשער!"

אָבער אַלע האָבן זיך פון זגערזשער אָפּגערוקט. אַזאַ מסחר האָט אַ חוץ שווערע תפיסה, געשמעקט מיט טויט. געגנוג געווען, אַז באַנ־דיטן זאָלן זיך דערפון דערוויסן, איז דעם זגערזשערס לעבן נישט ווערט געווען קיין שפּענדל. בלויז מאָטל האָט זיך געהאַלטן נאָענט צום זגערזשער און פון צייט צו צייט ביי אים פאַרדינט אַ שטיקל ברויט צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן.

מאָטלס אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע. ברענגען די „סחו־רה" פון צוויי ווייערסט ווייט, און זען, אַז די מיליץ זאָל אים נישט כאַפּן. באַהאַלטן זיך אין אַ פינצטער געסל, ערגעץ, נישט ווייט פון וואָקזאַל, און דאָרט, פול מיט סכנות, אַזוי לאַנג זיצן, ביז דער זגער־זשער האָט זיך געוויזן און איינציקווייז גענומען ביי אים צו צוויי, דריי פּיראָזשקעס.

געצאָלט האָט ער מאָטלען מיט „בראַק", מיט די איבערבליי־בעכצן פון זיין סחורה. אַזוי, אַז אַ חוץ שרעק, געפאַר, וואָס עס האָט יעדער

---

*) פּיראָזשקעס — געקאָכטע אייל־פּלעצלעך.

ווײלע אים געדראָט, האָט ער געמוזט אַ הונגעריקער וואַרטן ביז דער מסחר האָט זיך גליקלעך אָפּגעוויקלט.

אויך אָט די פאַרשאָלטענע אַרבעט האָט מאָטל געהאַט נישט אַזוי אָפּט. פיל מאָל זײַנען זיי אַוועק נאָך האַלבער נאַכט צום זגערזשערס ליפעראַנט. שעהן געוואַרט אין דער פינצטערניש אויפן צושטעלער און אויב יענער האָט איבער עפּעס אַ מניעה זיך נישט געוויזן, איז מאָטל געבליבן אַ הונגעריקער, אַן אויסגעשעפּטער פון שרעק.

אָפּט האָבן זיך דעם זגערזשער אונטערגערוקט אַנדערע מסחרים, צו וועלכע ער האָט נישט באַדאַרפט מאָטלס הילף, איז מאָטלען נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה ווי צו הונגערן.

דערווײַל זײַנען טאָג נאָך טאָג געפאַלן נאַסע שנייען. די טעג זײַנען געווען סכנהדיקע, קאַלטע. בײַטאָג האָט מען נאָך געפונען אַן עצה זיך צו באַהאַלטן פון דער נעץ און קעלט. אין די מיטאָג־שעהן זײַנען די טראַמווייען געווען שוואַך באַזעצט מיט פּאַסאַזשירן און אַזוי ווי דער אָפּצאָל איז געווען אַ גראָשנדיקער, איז מאָטל אַרײַן אין טראַמוויי און געפאָרן אַהין און צוריק — אָן אַ ציל.

נישט בלויז מאָטל האָט עס געטאָן, אויך אַנדערע האָבן עס פּראַקטיצירט. אַזוי, אַז די קאָנדוקטאָרס האָבן גלײַך דערשנאָפּט אין וואָס עס גייט און אָן אַ פאַרוואָס האָבן זיי די „פּאַסאַזשירן" אַרויסגע־וואָרפן פון וואַגאָן. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די דערפינ־דערישקייט פון די אומגליקלעכע. גלײַך איז מען אײַנגעזעסן אין אַן אַנדערן טראַמוואַי און געפאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג. געפאָרן אַהין און צוריק ביז האַלבער נאַכט, ביז דער צייט, ווען די טראַמוואַיען זײַנען שטיין געבליבן.

אין יענע טעג האָט מאָטל געפּרואווט לעגאַליזירן זײַן אויפ־האַלטן זיך אין טאַשקענט. „אויב מען איז צוגעשריבן, קען מען קריגן אַרבעט ביי קאַנאַלן גראָבן, ביי קברים גראָבן", — אַזוי האָט מען גערעדט ביים וואָקזאַל.

גאַנצע טעג האָט מאָטל פאַרברענגט אין די קאָרידאָרן פון דער מיליץ. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער האָט געמוזט אונטער־שרייבן אַ פּאַפּיר: „ביז דריי טעג וועל איך פאַרלאָזן דעם „רעזשימנע גאָראָד טאַשקענט". דאָס אײנציקע גוטע, וואָס איז אים דערפון געבליבן איז געווען, דאָס, וואָס אין די טעג, אין וועלכע ער האָט

זיך משתדל געווען האָט ער נישט געמוזט זיך ווייקן אין קעלט און נעץ פאַרן וואָקזאַל.

מאָטלס לאַגע האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט. אין טעג, ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט און אין די וואָלקנס האָט זיך באַוויזן אַ פּיצל זון, האָבן אוזבעקן געבערענגט אויפן פּלאַץ צו פאַר־קויפן וויינטרויבן. טראָץ דעם, וואָס פון עסן בלויז טרויבן האָט מען באַקומען דיזענטעריע, וואָס האָט אַרויסגעטריבן די קישקעס פון לייב, האָט מען זיי אין מאַסן פאַרצערט און געפּרואווט אויף דעם אופן צו שטילן דעם הונגער. דער אָפּטער רעגן האָט אָבער פאַר־טריבן די אוזבעקן פון פּלאַץ אַראָפּ. אַזוי, אַז מיט זייער פאַרשוואונדן איז בײַ די מענטשן אַוועק די לעצטע מעגלעכקייט צו האָבן וואָס צו עסן.

מאָטלען איז דער קאָפּ פון שוואַכקייט און אויסגעצערטקייט געוואָרן ווי אַ בלאָזזאַק. ער האָט זיך אין זיינע הענט געקנאָטן ווי אַ ווייך טייג. אַמאָל רונד ווי אַן עפּל, אַמאָל שפּיציק, ווי אַ היטל־צוקער.

עס האָט זיך באַוויזן דער זגערזשער. ער איז צוגעלאָפן צו מאָט־לען אַ פאַרסאָפּעטער און גערעדט מיט טויזנט זיסקייטן:

— וואו זייט איר געווען? איך זוך אייך דאָך שוין אַרום צען טעג! איך האָב אייך געוואָלט געבן ברויט, איך האָב אויך פאַר אייך געהאַט אַ פּאָר שיך. איך האָב דאָך שוין איין מאָל געזאָגט: איך וועל אייך נישט לאָזן פאַלן. קומט מיט מיר!

ווייזט אויס, ער האָט שוין געזען דעם טויט אין מאָטלס אויגן, ווייל אַ שרעק האָט פאַרצויגן דעם זגערזשערס פּנים:

— נעמט אייך אין די הענט — האָט דער זגערזשער געשריען מיט באַנומענע קולות — ווייניק מתים צווישן אונז? ווער וועט אַהיימ־קומען? וואָס טוט זיך דאָ! וואָס האָבן מיר זיך גענומען שטאַרבן ברצון? איך פאַרשריי זיך מיט האַנדל־וואַנדל. איך דאַרף נישט שלאָפן, איך דאַרף נישט עסן! די געוואַגטקייט מיינע דערהאַלט מיך ביים לעבן. אָבער וואָס וועט פון אייך ווערן, אַז איר וועט זיך אינגאַנצן אָפּלאָזן, אינגאַנצן זיך איבערגעבן אין רשות פון טויט? איר זעט דאָך, מאָטל, אַלע האָבן אונז פאַרלאָזט! אַלע האָבן אונז פאַרראַטן! נישטאָ קיינער וואָס זאָל פאַר אונז עפּעס טאָן! אויב איר

וועט לעבן, וועט איר זען וויפל סנגורס זיי, אונזערע פייניקער, וועלן האָבן. געדענקט אין גאָט, האַלט אייך! ראַטעוועט אייך! קומט! קומט! שנעלער! די „פּיראָזשקעס" ליגן שוין אין פעלד באַהאַלטן. אָט, גיט אַ צי — דער זגערזשער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש שנאַפּס און זי געשטופּט מאָטלען צום מויל — גיט אַ צי! — האָט ער באַפוילן.

מאָטל האָט געפאָלגט. די משקה האָט אים אַ ברי געטאָן אויפן האַרצן. אַ היץ האָט אים אַרומגעכאַפּט און שיעור נישט פאַרברענט.

— זעסט, ווי עס האָט דיר גוט געמאַכט — האָט דער זגערזשער געזאָגט. — מירן תמיד האַלטן ביי זיך שנאַפּס. בראָנפן מאַכט לעבע־דיק. זאָלן מיר נאָר פאַרדינען פיל געלט, וועט מען טרינקען, שיכורן און שעלטן די וועלט: אַ רוח אין איר האַרץ אַריין! אַ רוח אין איר טריפהנער זעל, אַז אויסגערינען האָט זי באַדאַרפט ווערן אין באַ־שעפערס בויך, איידער ער האָט זי געבוירן! אַזאַ זונה, אַ פאַרקויפטע! היינט מוזן מיר זיין פאַרזיכטיק. די מיליץ היט אַלע גאַסן אַרום דער בעקעריי. אָבער דאָס זעקל סחורה ליגט שוין אין פעלד, אין אַלט־שטאָט. מירן צולויפן, דו וועסט עס אַ כאַפּ טאָן און אַנטלויפן. איך וועל ווי תמיד אויף דיר וואַרטן ביים בריקל נעבן וואָקזאַל.

זיי זיינען געגאַנגען איבער אַ פעלד אַ פאַרוואָרפענעם מיט בוי־מאַטעריאַלן. אַרום איז געווען שטאָק־פינצטער. פון דער וויטנס האָט זיך געזען הונדערטער לעמפלעך פון דעם צענטער־שטאָט. דאָס ווייטע ליכט האָט נאָך פינצטערער געמאַכט דעם אַרום. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער זגערזשער זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַן אָנגעפילט זעקל. ער האָט עס אַ וואָרף געטאָן אויף מאָטלס פלייצע און צו אים אַ שטילן געשריי געטאָן:

— ו־י־ל־ד! ג־ע־ג־אַ־נ־ג־ע־ן!!!

די פּיראָזשקעס אין זעקל זיינען געווען הייס. אַוודאי נישט לאַנג פון אויוון אַרויס. דער אייל, וואָס האָט פון זיי געטריפט, האָט זיך צעגאָסן אויף מאָטלס פלייצעס און אַרומגענומען אים מיט אַ גילדע־נער וואַרעמקייט. דער ריח איז אים אַריין אין גאַנצן לייב און אים אונטערגעצונדן. וויפל כוחות ער האָט נאָך אין זיך געהאַט, האָבן זיי אים אַ הויב געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן אַנטלויפן פאַר דעם אָנ־געגנעמען ריח, וואָס האָט אים נאָכגעיאָגט און פאַרלאָפן דעם וועג.

אַ זויערקייט איז אַרויס פון מאָטלס געדערים און אים פאַרברענט דעם גימען. אַלע זיינע אברים זיינען אין די שרעקלעכע רגעס קעגן אים אויפגעשטאַנען און געשטעלט זיך דעמבעם. טויזנט מיילער האָט ער באַקומען און דורך אַלע הויט־עפענונגען איז דער טעם פון קאָכעדיקן אייל אין אים אַריינגערונען. די וועלט די גאַנצע האָט זיך אין אייל געטונקען. דער רעגן, וואָס האָט אויף אים געגאָסן איז געווען הייסער אייל, וואָס לעשט און צערייצט דעם הונגער, וואָס מאַכט משוגע און פון לעכצונג גליקלעך. און אָט דערשנאָפּט ער דעם ריח פון פּאַרנט. די נאָזלעכער רייסן זיך אים אויף. ווי אַ הירש איז ער מאָטל, וואָס שפּרינגט איבער פּלויטן און צוימען און פּלוצעם אַ געשריי:

— ס־ט־ו־י! ס־ט־ו־י! ני ש־אַ־ג־אַ!

דאָס געשריי איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שאָס און באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער. אַ לאַווע פון פייער האָט זיך אויף מאָטלען אַ גאָס געטאָן. צום גליק, אין דער זעלבער רגע, ווען דער ערשטער שאָס איז געפאַלן, איז מאָטל לויפנדיק אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב און אויף אים — דער זאַק מיט פּיראָזשקעס. די הענט אַליין האָבן דעם זאַק אויפגעריסן און דערלאַנגט דעם מויל די ערשטע, די צווייטע, די דריטע, די פערציקסטע פּיראָזשקע.

געשריי, עסן, רעגן, פינצטערניש און אַ צעגליט לייב — אַלץ צוזאַמען אין אַ ווייכן קאַלך־גרוב.

— — — — — — — — — — —

ווען איז מאָטל איינגעשלאָפן? ווען האָט ער זיך איבערוועקט? ווען האָט איבער אים געהאַנגען אַ קאַלטע ווינטער־זון און האָט אויף אים לעמעשקעוואַטע געקוקט? די אויגן־לעפּלעך זיינע זיינען צוגעפאַלן און ער האָט געפילט, אַז ער ליגט אין אַ קאַלוזשע וואַסער.

*

די פּאַלאַטע אין שפּיטאָל, אין וועלכער מאָטל איז געלעגן האָט ער געזען ווי אין אַ נעפּל. נעבן אים איז געשטאַנען אַ ווייבעריש באַשעפעניש אין אַ ווייסן כאַלאַט און אויף קולי קולות אויף אים געשריען:

ווי רופט מען דיך? ווער ביסטו?
אַוועקגעדרייט זיך, האָט זי צו ווּעמען געזאָגט:

— אין גאַס גייען אויס טויזנטער סאָוועטישע בירגער און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי און גראַד אַזעלכן האָט מען געפונען און אַהער געברענגט. מיר האָבן שוין נישט וועמען אַריינ־צונעמען אין די האָספּיטאַלס נאָר די פּאַלאַקעס...

אין מאָטלען איז דעמאָלט מער נישט געווען ווי אַ קערן פון לעבן און אַט דער רעשט איז געוואָרן פאַרטויבט פון דער מרשעת געשרייען.

מאָטל האָט דאָס מויל נישט געקענט עפענען איר צו ענטפערן. פאַרביסן האָט ער געקוקט אויף דעם עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס האָט געברענט איבער זיין קאָפּ.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די מרשעת איז אַוועק און צו אים איז צוגעקומען אַ יונגער מענטש, אויך אין ווייסן — אַ דאָקטאָר. ער האָט מאָטלען פּאַטערלעך געגלעט און גערעדט אין אַ ריינעם יידיש:

— הער, דו ביסט קראַנק, אַוודאי אַ טיפוס. מען האָט דיך געפונען אין פעלד אָדם נאַקעט. ווייזט אויס, אַז דערנאָך, ווי דו האָסט פאַר־לוירן דעם באַוואוסטזיין האָבן דיך גנבים אויסגעטאָן.

מאָטל האָט זיך צוגעהערט צו יענעמס ווערטער.

— איך וויל דיר העלפן — האָט יענער ווייטער געזאָגט, — זאָג, ווי רופט מען דיך?

אַלץ אין מאָטלען האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דעם דאָקטאָרס ווערטער „איך וויל דיר העלפן”, האָבן דעם קראַנקן אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פונעם געלעגער.

— באַרואיק זיך — האָט יענער ווייטער געזאָגט — זאָג מיר ווי דו הייסט.

מאָטל האָט אָנגעגעבן זיין פאַמיליען נאָמען.

די קראַנקע אין שפּיטאָל, אַפילו די מסוכן־קראַנקע, האָבן באַקור־מען טעגלעך — חוץ זופּ — 400 גראַם שוואַרץ ליימיק ברויט. מאָטל האָט פון שוואַכקייט זיין ברויט נישט געגעסן. און די קראַנקן־שוועס־טער האָט עס אַוועקגעלייגט אין שענקל, וואָס איז נעבן זיין בעט געשטאַנען.

טאָג און נאַכט האָט מאָטל וועגן דעם ברויט געטראַכט מיט אַן אויסטערלישן חיהשן פאַרגעניגן. נישט איין מאָל איז ער פול מיט אַנגסט איינגעשלאָפן פון מורא, אַז אין דער צייט פון שלאָף זאָל אים ווער דאָס עסן נישט צונעמען.

נאָך אַ פּאָר טעג איז געקומען צו מאָטלען דער יונגער מענטש, דער דאָקטאָר, און געזאָגט:

— איך בין מאָביליזירט, נאָך היינט פאָר איך אָפּ אין דער אַרמיי.

דער דאָקטאָר האָט זיך געזעגנט און איבערגעלאָזט דעם קראַנקן צוויי הונדערט רובל אַ מתנה.

נאָך ווייטערע פּאָר טעג, איז סיי דאָס ברויט, סיי דאָס געלט פאַרשוואונדן.

צו מאָטלס פאַרצווייפלונג איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. אָט דער פאַרלוסט האָט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון אַלע זיינע דאגות.

ער האָט זיך פאַרטרויערט פאַר זיינעם אַ שכן, אַ ייד, וואָס איז געלעגן אין אַ דערבייאיקן בעטל.

יענער האָט געעצהט: שווייגן. דאָ פּאַסירט עס יעדן טאָג. עס גנבענען די וואָס באַדינען די קראַנקע. אַ טומל קען דיך קאָסטן אַלץ — דאָס לעבן. מען וועט דיר מאַכן אַזוי דעם „אוקאָל"*), אַז נאָך פינף מינוטן וועסטו זיין געענדיקט. — האָט דער שכן געזאָגט.

מאָטל האָט פאַרשוויגן. דאָך איז די שוועסטער פון זיין פּאַלאַטע באַלד צו אים געקומען מיט אַ טענה:

— וואָס, דו ביסט מיך חושד אין דער גנבה? — האָט זי גע־פרעגט.

— נישט אמת, איך בין אייך אין גאָרנישט נישט חושד — האָט זיך מאָטל פאַרענטפערט.

— אָ, איר פּוילישע, איך קען אייך גוט! דו ביסט מיך גראָד יאָ חושד — האָט זי געענטפערט מלא רציחה און איז אַוועק.

צומאָרגנס, באַלד אינדערפרי, האָט די זעלבע שוועסטער מאָטלען געמאָלדן:

---

*) אוקאָל — אינעקציע.

— דו ביסט שוין געזונט. נאָך היינט וועסטו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.

דערווייל איז עפּעס אונטערגעקומען פון וואָס מאָטל האָט אויפגעציטערט. די טיר פון זיין פּאַלאַטע איז געשטאַנען האַלב אויפגעלענט און זי האָט געוויזן אַ שטיקל פון שפּיטאָל־קאָרידאָר. עס איז ווער דעם קאָרידאָר דורכגעגאַנגען און הויך צו וועמען געזאָגט אויף יידיש:

— העי, פּאַניע פּינק! איר האָט געקענט דעם זגערזשער? דעם גרויסן צעלייגער אויפן פּלאַץ? ער איז אָקאָרשט געשטאָרבן. איר קענט אים אַריינגיין אָנקוקן, ער ליגט שוין אין טויטן־שטיבל. גייט, וועט איר זיך אַליין זען. — כע — כע — כע — היינט איך, מאָרגן — דו!

אין מאָטלען איז אַלץ שטיין געבליבן. דער מוח פאַרשטאָרט און דורכגעצויגן מיט האַרטע, קאַלטע נאָדלען — היינט איך, מאָרגן דו. איך, דו, איך, דו, אַלע! די וועלט פּילט זיך אָן מיט טויט! די גאַנצע וועלט איז פול מיט שטאַרבן! מתים און טויטנשטיבער, קברים, קברים אָן אַן ענד! — צו מאָטלס נאָזלעכער איז דערגאַנגען אַ ריח פון פגירה, פון פייכטע פּאָדלאָגעס אָקאָרשט געוואָשענע מיט טהרה־וואַסער. דערנאָך איז די לופט פול געוואָרן מיט אַ שלעכטן ריח פון יאָדעפאָרם, פון געשניטענע לייבער. אַ וואָרעמקייט איז אַדורכגעגאַנגען פון נר־תמידס. די שויבן פון די צוויי פענצטער אין דער פּאַלאַטע זיינען געוועזן מאַט און קאַלט ווי שויבן, וואָס קוקן אַרויס צו אַ בית־הקברות. מאָטל האָט זיך אומגעקוקט. די קראַנקע אַרום אים זיינען געלעגן מיט אויסגעלאָשענע פּנימער, אויסגעמאַטערטע און אַרום זייערע אויגן האָט זיך געגאָסן אַ וואונדערלעכע בלויקייט, אַן איבערערדישע, די בלייכקייט געמישט מיטן בלויען האָט געשטראַלט מיטן ליכט פון אייביקייט, פון חלום און יסורים. טרערן האָבן זיך מאָטלען געשטעלט אין די אויגן.

צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג איז מאָטל שטיין געבליבן אויף דער גאַס פאַרן שפּיטאָל. זיינע מלבושים זיינען באַשטאַנען פון אַן אַלטע צעריסענע פּופּייקע *), אַ פּאָר הויזן, טאַפּעטשקעס **). אויפן קאָפּ האָט ער נישט געהאַט קיין צודעק.

---

*) פּופּייקע — רוסישער אויבערראָק.

**) טאַפּעטשקעס — שטעק־שיך.

דער דרויסן איז געווען אַ נאַסער, אַ פינצטערער, אַ קאַלטער. וואו צו גיין האָט מאָטל נישט געהאַט. ער איז געווען טויב אויף ביידע אויערן, פאַר די אויגן זיינען אים געשוואומען שוואַרצע פינטעלעך און די פיס — געשוואָלן ווי די פעסער.

מאָטל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די צעמענט־טרעפּלעך פון שפּיטאָל־אַרויסגאַנג, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין דער ברוסט און געטראַכט: „ביינאַכט וועט כאַפּן אַ פראָסט, איך וועל פאַרפרוירן ווערן אויף טויט. דאָס וועט זיין דער סוף".

אַקעגן איבער דעם שפּיטאָל האָבן זיך געפונען מלוכה׳שע מאַ־גאַזינען צו זאַמלען פוטער פאַר בהמות. לענג אויס דער גאַס זיינען זיי געווען פאַרשטעלט מיט אַ הויכן ליים־צוים — כמנהג אוזבעקסטאַן. אין צוים, זיינען געווען צוויי רויטע טויערן, וואָס זיינען די גאַנצע צייט, וואָס מאָטל איז געזעסן קעגן איבער די שפּיטאָל־טרעפּלעך, געווען פאַרמאַכט.

ס׳האָט גענומען נישט מער ווי אַ שעה צייט זינט מאָטל איז אַרויס פון שפּיטאָל — איז צו די רויטע טויערן צוגעפאָרן אַן „אַרבע"* צו וועלכער ס׳איז געווען איינגעשפּאַנט אַ קעמל.

די אַרבע איז געווען פאַרלאָדנט מיט שטרוי. ביז מען האָט פאַר איר דאָס טויער געעפנט האָט דער בעל־עגלה געשפּאַנט אַהין און צוריק אויפן שאָסיי. דערזעענדיק זיצן אַ מענטש אין אַזאַ אויסטער־לישע פּויזע איז ער צוגעקומען איינגעקוקט זיך און געפרעגט:

— נאָך אַ ייד אויף צרות?

— אַ ייד, — האָט מאָטל געענטפערט.

— פאַרוואָס זיצט איר דאָ?

— איך בין אָקאָרשט אַרויס פון שפּיטאָל.

— פאַרוואָס גייט איר נישט אַהיים?

— איך האָב נישט קיין היים.

— באַקאַנטע? קרובים?

—איך האָב קיינעם נישט.

דער פורמאַן האָט זיך פאַרטראַכט און נאָך אַ ווײַלע געזאָגט:

— איך וועל אַראָפּוואַרפן דאָס שטרוי, וועל איך אייך נעמען צו זיך אין קאָלכאָז. איך בין אויך אַ פּוילישער ייד — האָט ער צו־געגעבן.

דער בעל־עגלה איז אַריינגעפאָרן אין מאַגאַזין. באַלד, פון דאָרט אַרויס און מאָטלען מיטגענומען מיט זיך.

זיי זיינען געפאָרן איבער פעלדער, לענג אויס אַ ווילדן טייך. דער שניי איז געפאַלן געדעכט און שאַרף. פון אַלע זייטן האָבן זיך געזען ליים־הייזקעס, וואָס די רעגנס האָבן זיי אויסגעווייקט. איינגע־פאַלענע סטאָדאָלעס. הייף פון קאַלכאָזן, אַ ציגל־זאַוואָד און ווייטער איז אַלץ געלעגן וויסט. די בלאָטעס זיינען געוואָרן שווערער און שווערער. דער פורמאַן האָט נישט אויפגעהערט שינדן די בהמה און ריידן צו איר אין יידיש, פויליש און רוסיש. די חיה האָט זיך געווערט הייבנדיק פאַרצווייפלט דעם קאָפּ.

גלייך מיט דער נאַכט זיינען זיי געקומען אויפן אָרט. אין אַלע זייטן האָבן געברענט שייטערס, — דאָס האָבן די דאָרפס איינוואוינער אין דרויסן צוגעגרייט זייער אָוונט מאָל. קינדער זיינען געזעסן אַרום די טשיגונענע קעסלען, וואו נישט וואו האָט אַ פרוי פאַר אַ טיר גע־מאָלקן אַ קו. שאָף זיינען געשטאַנען צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער, הינט האָבן זיך געריסן פון די שטריק. ווערבעס האָבן מיט זייער ווייַ־נענדיקע צווייגן געפירט ערגעץ אין אַ פעלד.

דאָס בילד איז געוועזן שיין, דאָ, אין דאָרף, איז די צייט געגעבן אַ גיי צוריק אויף טויזנטער יאָרן. די שלוה, אַ בראשיתדיקע „און ס׳איז גע־ווען אָוונט, און ס׳איז געווען מאָרגן דעם ערשטן טאָג״ אָן געזעצן און אָן גרענעצן, אָן וועלט־דערלייזערס און אָן טעאָריעס. אַ וועלט, נישט מער! דאָס פייער פון די טשיגון קעסלען האָט זיך צעשריבן אויפן הימל, די פעלדער אַרום ליכטיק און פול מיט גלאַנץ, — מענטשן גרייטן אָוונט־מאָל!

דער ייד האָט מאָטלען אַריינגעפירט אין אַ גרויסן אומהיימלעכן צימער מיט זעקס פענצטער. אַלע שויבן אויסגעהאַקט, די לעכער פאַר־שטופּט מיט שמאַטעס, די פאָדלאָגעס פאַרלייגט מיט שטרוי. אויף אַ באַנק ביי אַ פענצטער זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פאַרשוואַרצטע טעפּלעך, אַן עמער אויף וואַסער, אַ שעפּ. אויף דער פאָדלאָגע בעטגעוואַנט, אָפּ־געשינדענע פון די ציכן. דעם יידס ווייב האָט אויסגעזען אַ מיידל קוים

*) אַרבע — אוזבעקישער וואָגן מיט גאָר הויכע רעדער.
*) שאַלע — נישט געשיילטע רייז.

פון אַ יאָר זעכצן. זי איז געזעסן מיט דריי קינדער אין דעם בעט־געוואַנט — דאָס האָט זי אויף דעם אופן געשיצט די עופהלעך פון דער קעלט.

מלא שטוינונג, האָט זי באַטראַכט דעם אומגעריכטן גאַסט וואָס דער מאַן האָט איר געברענגט.

מאָטלס גאַסטגעבער איז צוגעגאַנגען צום ווייב זיינעם און לאַנג מיט איר אין דער שטיל איינגעטענהט. באַלד צוריק צוגעגאַנגען צו מאָטלען און געזאָגט:

— האָט נישט פאַראיבל מיין ליבער ייד. מיין יידענע פאַרדריסט, וואָס איך האָב אייך געברענגט. פון צרות איז זי בייז! מיר באַקומען פון קאָלכאָז פאַר דער אַרבעט איין קילאָ שאַלע*) אַ טאָג. ברויט האָבן מיר שוין נישט געזען אַ לאַנגע צייט. אַ האַלבן טאָג דאַרף מען זיך פּאָרען מיט דער שאַלע ביז פון איר ווערט רייז. די קינדער גייען אונדז אויס פון הונגער. ווי לאַנג וועלן מיר קענען אויסהאַלטן אַזאַ לעבן? זיי, די קינדערלעך מיינע, קענען שוין קוים אויף די פיסלעך אַרומגייען און צו דעם אַלעם ווערן זיי אונדז געפרוירן. נאָר זאָרגט נישט! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! ביים דייטש איז דאָך ערגער. דאָ איז מען כאָטש זיכער מיטן לעבן — כאַ־כאַ־כאַ! ווי שטייט עס אין פסוק: אדם לעמול ילוד — דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו זיין אויף צרות. איך וועל אייך מאַכן אַן אָרט צו שלאָפן. איר וועט אייך אויסרוען און דער באַשעפער וועט געבן אַ רפואה!

דער ייד האָט מאָטלען אויסגעבעט אַ געלעגער אויפן שטרוי און צוגעדעקט אים מיט אַ בעטגעוואַנטל, וואָס ער האָט צוגערויבט פון די קינדער.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען אויף די ווענט פון צימער האָבן די אָפּשיינען פון די שייטערס פון דרויסן געצאַנקט; האָט דער ייד גע־וועקט מאָטלען:

— איר שרייט פון שלאָף, די קינדער שרעקן זיך. נעמט אַ ביסל וואַרעמע קאַשע! איר וועט אייך דערקוויקן. גיט אַכטונג, ס'איז פינצ־טער. אָט, דאָ, איז עס. פּאַמעלעך גיסט נישט אויס!

*

אַ וואָך נאָך אַ וואָך און מאָטלען איז נישט בעסער געוואָרן. זעלטן, ווען האָט דער באַלעבאָס געהאַט עפּעס פון עסן צו פאַראיבעריקן פאַר אים. דער פיבער איז געקומען און אַוועק, געקומען און אַוועק.

מאַטלען האָט אַ שרעקלעכער הונגער אויסגעהוילט, ווי אַ וואָרעם וואָס ווערט ליידיק, ווען ער לעבט נישט מער. בלויז מאַטלס קאָפּ האָט אַלץ באַנומען, געזען און געהערט.

אין שטוב, וואו ער איז געלעגן, האָט מען אָפּט וועגן מאַטלען גערעדט. צו דעם יידס אַרבעט אין קאָלכאָז האָט אויך געהערט דאָס קלעפּן אַלטע קאַלאָשן פאַר די קאָלכאָזניקעס. איז תמיד ווער געקומען און געגאַנגען און דער ייד, אָדער זיין ווייב, האָבן דערציילט ווי אַזוי דער קראַנקער איז צו זיי אין שטוב געקומען. — ער גוססט שוין וואָכן און קען נישט שטאַרבן, — האָט זי געזאָגט.

מאַטלען איז אָנגעוואַקסן אַ באָרד, האָר, וואָס צוזאַמען האָבן זיי נאָך שרעקלעכער געמאַכט זיין אויסזען.

אַמאָל איז אין שטוב געקומען שורא מעדוונאַ די חזרים ציכט־לערין פון קאָלכאָז. אַ יונג רוסיש מיידל. אַ פּויערטע פון קאָפּ ביז פּיס, זי האָט געברענגט אירע קאַלאָשן און געוואַרט ביז מאַטלס באַלעבאָס וועט זיי צורעכט מאַכן.

חזירים, אָדער בהמה־ציכטלערס זיינען אָנגעלייגטע געסט אין אַ קאָלכאָזנער שטוב, דאָס איז דער „גביר פון שטעטל״ — פאַר די חזירים אָדער בהמות גיט מען מעל און קאַרטאָפל.

ווען דעם קאָלכאָז־פּאַרזיצער ווילט זיך עסן פלייש מוז ער מיטן ציכטלער פון בהמות שותפות מאַכן. דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל, דער בוכהאַלטער, דער וועטרינאַר — אַלע צוזאַמען ווי איין מאַן קלייבן אויס דאָס בעסטע „שטיקל״ פון דער קאָלכאָז־סטאַדע, מען מאַכט „אַן אַקט״ אין וועלכן די עדות חתמענען, אַז דאָס „שטיקל״ איז געווען קראַנק, ווי אַ סימן לאָזט מען איבער דאָס פעלכל און מען עסט פלייש וויפיל דער מאָגן וויל. נו, איז אַ וואונדער, אַז די סטאַדע ציכטלערין איז דער מיוחס אין קאָלכאָז?

איז געקומען שורא מעדוונאַ.

פון געוואוינהייט האָט איר דער ייד דערציילט וועגן מאַטלען.

זי איז צוגעגאַנגען צום קראַנקנס געלעגער, אים באַטראַכט.

— „סטאַריק״ — האָט זי זיך געווענדעט צו מאַטלען — וואָס איז אייך?

— איך בין הונגעריק — האָט מאַטל געענטפערט.

— הונגעריק — האָט זי איבערגעחזרט און איז אַרויס פון שטוב.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוטן האָט שורהאַ געברענגט עסן; קלוסקעס מיט קאַרטאָפל־זופּ. זי האָט מאָטלען געקאָרמעט ווי מען גיט עסן אַ קינד. מיטן פאַרטוך אירן האָט זי געווישט זיין פּנים וואָס האָט זיך באַדעקט מיט שווייס.

— צום געזונט, צום געזונט — נאָ זדאָראָוויע — האָט זי איבער־געחזרט אומאויפהערלעך — איך וועל אייך יעדן טאָג עפּעס ברענ־גען.

טאָג נאָך טאָג האָט שורהאַ מאָטלען געשפּייזט. מיט ברויט, מיט זופּ. פון צייט צו צייט מיט מילך. זי האָט אים געשוירן די האָר פון קאָפּ. ראַזירט די באָרד, געברענגט אַ ריין העמד און אַראָפּגעקליבן די לייז פון לייב.

אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער. די קינדער צוויי מיידעלעך און אַ יינגל — צווישן פיר און אַכט — האָבן זיך, אָפּטערס דערנענ־טערט צו מאָטלס געלעגער. אין מיטן טאָג איז מאָטל אויפגעשטאַנען און האַלטנדיק זיך ביי די ווענט האָט ער אַרומשפּאַצירט איבער דער שטוב. דעם יידס ווייב האָט אים אָנגעהויבן רופן ביים נאָמען — זייט אַזוי גוט מאָטל, — ער איז געוואָרן צווישן די מענטשן היימיש.

פּלוצעם אָבער, האָט אַן אַנדער אומגליק זיך אונטערגערוקט. שיע, דער באַלעבאָס, איז געוואָרן אומרואיק און טרויעריק. נישט אַדורך אַ גאַנצע וואָך זיינען אים אַלע ציין פון מויל אַרויסגעפאַלן און דאָס צאָן־פלייש איז געוואָרן אָנגעשוואָלן. גאַנצע נעכט, ווען דער דרויסן האָט געגליט אין פראָסט און טיפע שנייען איז ער אַרומגעלאָפן און געזוכט מחדש צו זיין די לבנה. ביזן פריען פאַרטאָג האָט ער גע־קוקט אין דרויסן און ווען די לבנה האָט זיך געוויזן; האָט שיע געוועקט מאָטלען:

— קומט, קומט שנעלער! איך האָב זי!

די ווערבעס האָבן געלייגט זייערע שאָטנס אויפן שניי. ס׳האָבן ביטער געוויינט אַ מחנה שאַקאַלן. דער שניי האָט זיך געשפּיגלט אין טיפן הימל און צווישן זיי צוויי פאַרוואָגלטע יידן. קראַנקע, דורכ־געגומען מיט פרעמדקייט, מיט קעלט, מיט הונגער אין אַ וויסטן מדבר, צוויי אָדער דריי נאָך האַלבער נאַכט. געשאָקלט זיך האָבן זיי, געוויינט

און געבעטן, אַז דאָס ליכט פון דער לבנה זאָל ווערן אַזוי ווי דאָס ליכט פון דער זון. מיטגעוויינט האָט דער מדבר, די שאַקאַלן און דער ווינט.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

געבויגן זיך, געבוקט זיך, פון קיינעם נישט געשטערט, פון קיינעם נישט באַלעסטיקט, גליקלעכע און צונויפגעבונדענע מיט די הימלען, מיט די שטערן, מיט ווינט און מדבר.

מזרח, מערב, צפון, דרום.

— שלום עליכם!

— עליכם שלום! סימן טוב, ומזל טוב!...

שיע האָט געוועקט מאָטלען פון שלאָף. די שטוב איז געווען אין דער טיפקייט פון דער נאַכט אַ זילבער בריק, לבנה און פראָסט געוועבט. די בריק — שפּינוועבס, לייכט ווי רעיון. זי האָט געהאָנגען פון וואַנט צו וואַנט.

אין עמערל איז פאַרפרוירן דאָס וואַסער. דער אָטעם פון די שלאָפנדיקע קינדער אַ קאַלטער, אַ רעגלמעסיקער, האָט געטריפט איינס און איינס.

חלום און טויט אַרום.

— מאָטל, איר שלאָפט? — האָט שיע געוועקט — איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה וועגן רבין ר׳ בער.

— דערציילט, ר׳ שיע, איך שלאָף נישט, — האָט מאָטל געענטפערט.

און שיע האָט דערציילט אַ מעשה און מאָטל האָט נישט געהערט. נאָר אויף אַ וואונדערלעכן אופן האָט ער באַנומען רייד ווי אין חלום. מאָטל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס שיע האָט אים געזאָגט נאָר געפילט האָט ער די רייד בלויז מיט די חושים זיינע.

שיע האָט דערציילט: „דער רבי ר׳ בער איז געגאַנגען אין וועג״.

— און וואָס איז ווייטער געשען? — ר׳ שיע!

— נו, ער איז געגאַנגען בדרך רחוקה, איז ער געגאַנגען, געגאַנגען, גענגען, געגאַנגען, געגאַנגען...

שיע איז שטיל געוואָרן, מיט דער טיפסטער שטילקייט פון טויט.

פאַרטאָג האָט זיך די שטוב אויפגעוועקט פון אַ ביטער געשריי פון צילקען, שיעס ווייב, און פון אירע דריי קינדער:

— שיע דערבאַרעם דיך, שיע! ש־י־ע־!! וואָס האָסטו געטאָן? פאַרוואָס ביזטו אונז געשטאָרבן? דו ביזט דאָך אַ טאַטע, אַ טאַטע ביזטו דאָך!!!

די פאַרפרוירענע אוזבעקישע ערד האָט נישט געוואָלט עפענען איר טראַכט פאַר אַ פוילישן ייד. ביז העט אין נאָכמיטיק אַריין איז מען געשטאַנען און געריסן מיט גראָבאייזנס פון איר שטיקער. ביז זי, די ערד, האָט געגעבן שיען אַ „פריפיסקע" *) אין איר סאָוועטישן טראַכט.

מען האָט דעם בר־מינן אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיקל איינשיט פון לעצטן בעטגעוואַנטל, וואָס צילקע האָט צוגענומען פון אירע געפרוי־רענע קינדער און שיע איז צו קבורה געקומען אין געלבלעכע תכריכים, וואָס האָבן וואונדערלעך געפּאַסט צו זיין איינגעפאַלן קינדיש פנים.

מאָטל איז שוין אין דער אָנקומענדיקער נאַכט נישט געשלאָפן אין צילקעס שטוב. ער איז אַוועקגעגאַנגען בדרך רחוקה.

*) „פריפיסקע" — וואוינרעכט, צוגעשריבן.

יצחק פעניכל

אַ פּאַרטער הויז מיט דריי פענצטער צום פראָנט, איז געווען די היים פון דער משפחה פעניכל.

די שטוב אַ מויער געבויט אין זעלבן סטיל ווי אַלע געביידעס אין שטאָט. זי די שטוב איז געשטאַנען אין סאַמע האַרצן פון דער שמאַלער־גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער קראָם פון ראובן געמינדער אויף דער סאַנדאָמיערסקי און געלאָפן גראָד אַרויף ביז דער גוישער „שקאָטני".

ר' יצחק דער פאָטער פון דער משפחה פעניכל איז געווען אַ קראַנ־קער, פול מיט תרעומות צו דער גאַנצער וועלט. באַהויכט מיט קינסט־לערישער באַגאַבטקייט האָט מען עס דערקענט; אין גאַנג, און אין יעדער באַוועגונג וואָס ער האָט געמאַכט.

מאַלעריי און מוזיק האָבן אָנגעפילט די דריי קליינע צימערלעך פון דער משפחה. פּאָרטרעטן, געמאָלענע קוויאַטעס, פאַרבן און מו־זיקאַלישע אינסטרומענטן זיינען געווען אָנגעשטעלט וואו נאָר מען האָט זיך געגעבן אַ קער און אַ ווענד.

ר' יצחקס עלטסטער זון, שמעון, האָט זיין יוגנט און לעבן פאַר־טאָכלעוועט ביים מאָל־ברעט, ביים רעציטירן דעם פראַנצויז באָד־לער. דער טאַטע — ר' יצחק אַליין, ביים אויסמאָלן שטאָטישע שוהלן און ביים פּרואוון אַזוי שפּילן אויף דער פידל ווי עס האָט געשפּילט דער צדיק ר' יהושעלע פון דזשיקאָוו.

דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס די פעניכלס שטוב איז געווען די איינציקע וואו מען האָט יידישע לידער געזונגען „מיט האַרץ און זעלע". פון דאָרט ערשט, זיינען זיי זיך צעגאַנגען איבער דער שטאָט און וואו אַ היים האָט מען געהערט: „עס וועט קומען אַ צייט פון אייזנבאַנען", אָדער:

„ווען חוהלע איז צו דער אַרבעט געגאַנגען,
חוהלע האָט פון גאָר נישט געוואוסט,
האָט פייערשטיין געגעבן אַ קאָמאַנדע
און חוהלע דערשאָסן גאָר אומזיסט".

צום שענסטן מיט מער האָרץ האָט מען יידישע לידער געזונגען ביי די פעניכלס מוצאי־שבת. ר' יצחק האָט אויף אַ פידל באַגלייט.

גענומען די פידל, אויפגעהויבן זי אין דער הויך און איידער עס האָט זיך אַ טאָן געהערט האָט ר' יצחק די אויגן געשלאָסן און דערנאָך ערשט „אויף בלינד" אַ פאָר געטאָן מיטן בויגן איבער דעם אינסטרומענטס ברוסט.

די אַראָפגעלאָזטע אויגן־ווייעס האָבן אַ ציטער געטאָן. דאָס בלייכע פנים איז ראָזאָווע געוואָרן, דער דינסטער שוויס האָט געקילט זיין שטערן, ווען ער, ר' יצחק, איז געשוואומען אויף די וואַסערן פון שפילן.

ווי אַן אָטעם־הויך, קוים אָנצורירן, האָבן זיך די סטרונעס געוועקט. פאַמעלעך, ווי עס ווערן די איידלסטע זילבער־פעדים פון אַ טייערן געוועב אַרויסגעצויגן, אַזוי האָט ער דעם ניגון פון פידלס האַרץ אַרויסגעצויגן.

אָבער, נישט לאַנג האָט עס געדויערט. די זעלבע פינגער, און דער זעלבער בויגן, האָבן פלוצעם אומגערעכט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אינסטרומענט, מיט אַ לאַכן און געלעכטער, אַ פריילעכס, אַ זאָרגלאָזיקייט אַזאַ, וואָס נאָר מוצאי־שבת קען עס געבוירן ווערן. ווען דער שבת איז אַוועק, און דער אין דער וואָכן איז נאָך נישט געקומען:

„המבדיל בין קודש לחול
ווער ס'האָט געלט אין קעשענע דעם איז טאַקע וואויל".

וואויל איז ר' יצחקן נישט געווען. אַלע פיר זין און די בת־יחידה זיינען געווען געראָטן אין טאַטן. ווי ער, האָבן זיי נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולה, און ליב געהאַט אָפצוחוזקן פון גראָבע־יונגען און קאַריעריסטן.

צווישן הונדערטער מענטשן אין גאַס האָבן די פעניכלס גע־פאַקט די „מיוחסימלעך" און בלויז מיטן בליק געמאַכט פון זיי אויס־צודרענגען ... פאַרשטייט זיך, אַז קיין ליבשאַפט האָט עס דעם הויז נישט געברענגט.

אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע שוהל. פוןביידע זייטן שוהל זיינען געשטאַנען צוויי בתי־מדרשים — פון רעכט דאָס „גרויסע בית־המדרש", און פון לינקס די „מויער". אין די זומערדיקע פאַר־נאַכטן, צו מנחה־מעריב איז דאָ פול געווען מיט יידן. פון דער שוהל האָבן געפירט צוויי וועגן: איינער, צום מרחץ, דער צווייטער — איז געווען דער אָנהייב פון סוף. דאָרט זיינען דורך אַלע לוויות פון שטאָט. אַ ווײַלע איז מען פאַר די בתי־כנסיות שטיין געבליבן מיטן בר־מינן, ער זאָל זיך געזעגענען מיט דער שטאָט. כאָטש צום בית־עלמין איז נאָך ווייט געווען איז דאָ, לעבן דער שוהל, געווען דאָס לעצטע טויער וואָס האָט זיך פאַרמאַכט פאַרן מת. ווייטער, האָט מען בלויז געטראָגן אַ געשטאָרבענעם גוף. די נשמה איז סיי ווי סיי פון דאַנען נישט אַוועק ביז אויסגעגאַנגען איז דאָס יאָר פון קדיש זאָגן, און אַוועקגערינען איז ווי אַ וואַסער דער אָנדענק נאָכן נפטר.

אויף דער צווייטער זייט, קעגנאיבער, איז מען צו דער מקווה גע־גאַנגען. דאָרט האָבן, אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, יונגע ווייבלעך זייער ריינקייט דורכגעטראָגן, כדי מוטערס צו ווערן. אויף אַזאַ אופן זיינען די צוויי שמאָלע סטזשעשקעס געווען ווי צוויי טויערן — איינס צום לעבן דאָס צווייטע — צום טויט.

אָט די שוהל איז באַרימט געוואָרן דורך יצחק פעניכל און ר' יצחק דורך איר. פון ווי ווייט איז מען געקומען קוקן אויף דער מאַ־לעריי, וואָס האָט זיך איבער דער שוהלס ווענט צעשפּרייט, איבער וועלכע ר' יצחק האָט דריי יאָר געהאָרעוועט פאַר אַ לוין וואָס האָט אים געגעבן קוים ברויט בדוחק.

אָנגעהויבן האָט זיך די מאַלעריי ביים אָרון־קודש. געמאָלענע פּורפּור־וואָלענע פאָרהאַנגען. ווי די וואָלקנס עפענען זיך אין די פאַרטאָגן צו מאַכן פאַר דער זון אַ וועג, אַזוי זיינען זיי געווען געעפנט — כוואַליעסוויז, צעשפּרייט. פון שוהל־באַלקן האָבן אַראָפּגעקוקט די מזלות — אַלע צוועלף נאָך דער ריי. איינגעפאַסט אין געזימסן, אין אַ פעלד. אָט זיינען די „תאומים", — צוויי ברידערלעך — איין גורל

פאַרביידן. די אויגן פאַרבונדן, דאָס לייב אַרומגעוויקלט מיט אַ טיול, וואָס האָט אי צוגעדעקט די נאַקעטקייט זייערע און אי זי אויפגעדעקט און געגעבן האָט עס אַנצוהערן; אַז אַ חוץ דאָס נאַקעטע לייב האָבן די צוויי קינדער גאָרנישט מער אויף גאָטס־וועלט.

וואו אַהין וועלן זיי גיין ווען דער גורל האָט זיי די אויגן פאַר־בונדן?

צום בולטסטן מיט דער טיפסטער בענקשאַפט, ווייטיק און ליבע, זיינען דורך ר׳ יצחקן געוואָרן געמאָלן די מעשיות פון חומש. דער וועג קיין בית־לחם. דאָרט וואו עס שטייט רחלס־קבר, דעם ניגון פון די חדר־יאָרן האָט מען געקענט הערן אין זיי. — „ווען נבוזרדן וועט פאַרטרייבן די יידן אין גלות אַריין וועט רחל אויפשטיין פון איר קבר, וועט שרייען און וויינען...״

און אָט, איז רחלס קבר. צווישן גרינע מילדע בערגלעך קוקט פון בילד אַראָפּ אַ גרוי־שטיינערנע הייל מיט אַ רונדן בלויען דאַך. געטעסעטע שטיינער. די ווענט, יעדער געזימסל, און ווינקל, געשליפן און געהעמערט. ליכט און שאָטן. און אַרום — העלע גרינקייט פון אַ פעלד. עס שלענגלט זיך פון די היגלען אַראָפּ אַ שמאָלער גאָלדענער זאַמד־וועג. ליידיק איז ער. קיין מענטש נישט אויף אים. מ׳הערט נאָר דעם אָפּהילך פון טריט וואָס זיינען אָקאָרשט, ווי אין אַן אומענד־לעכער, פרעמדער ווייטקייט פאַרשוואונדן — הערט זיך דאָ. דאָס זיינען די בני־ישראל, געשמידטע אין קייטן, אויף דעם וועג געפירט גע־וואָרן אין דער טיפער לאַנגער גלות־נאַכט. און וואו איז די מאַמע רחל?

אויך זי איז דאָ. אָ, ווי זי איז דאָ! כאָטש אויפן בילד זעט מען זי נישט. אָבער אַ געוויין אויפן בראַך פון אירע קינדער הערט זיך. עס קלינגט אין דער שוהל אַרום. נאָך זעען זיך אין זאַמד די צייכנס פון אירע באָרוועסע טריט, און נאָך דאַכט זיך, זי שטייט אַ פאַרחלשטע, אַ פאַרוויינטע.

פון דער מזרח־וואַנט קוקן אַראָפּ דער לחם־הפנים, דער הר־סיני. ער ברענט דער באַרג אין גאַנצן, און גיט פון זיך אַרויס אַ טונקעלען געדעכטן פייער. דאָס זיינען די מינוטן, ווען די וועלט האַלט איין איר אָטעם. דער מענטש — ווי דער פויגל אין זיין פלי, ווי דער וואָרעם אונטער דער ערד; ווי די פיש אין די טיפענישן פון די וואַסערן.

לעבן יעדן בילד, האָט ר׳ יצחק אויסגעמאָלן קאַפּיטלען תהילים. אויף דעם באַלקן פון שוהל צעטיילט אין פעלדער — פּסוקים „אדם דואג על איבוד דמיו, ואינו דואג על איבוד ימיו. דמים חוזרים, ימים אינו חוזרים״ אַ שטאָך פאַר די רייכע, וועלכע ראַבעווען און גזלענען און זעען נישט ווי דאָס לעבן איז אַ צל עובר.

דאָס שרעקלעכסטע, דאָס וואָס האָט צוגענומען די שטאָטישע קינדער דעם שלאָף, איז געווען, וואָס ר׳ יצחק האָט אויסגעמאָלן אין סאַמע צענטער פון דער שוהל, איבער דער בימה.

אין אַ טיף שטיל וואַסער ליגט דער לויתן. עס איז אַ פיש אַן אונגעהייער! ער האַלט דעם עק אין מויל. מיט אַ ציטער האָבן די קינדער געריסן דעם קאָפּ אַרויף צו אים און געשראָקן זיך טאָמער לאָזט דער לויתן דעם עק פון מויל אַרויס — ווערט דאָך חרוב די וועלט. די ערד און די ימים דערטרונקען. שרעק, צוזאַמען מיט אַ רחמנות, האָט אַ יעדן קינד באַוועלטיקט; וואָס דאָס גאַנצע לעבן הענגט אָפּ פון אַזאַ קלייניקייט — דער פיש זאָל פון מויל דעם עק נישט אַרויסלאָזן. די קינדער האָט אין די אויגן געמיניעט דאָס פּערלמוטער־פייער פון דעם פישס שיפּן, דער אימהדיקער בליק פון זיין אויג און נישט איינמאָל האָבן די קינדער געשעפּטשעט אַ תפילה: „רבונו של עולם, גיב כח דעם לויתן און זע, אונדזער ערד זאָל נישט פאַרזונקען ווערן אין די תהומען...״

*

וויטיק און חרפּה מצד די שטאָטישע סנאָבן, איז געווען דער שכר פאַר ר׳ יצחקס מאָלערייען, פאַר אויפבויען, אין דער דאָזיקער שטאָטישער פאַרשטויבטער וואָכנדיקייט, אַ בנין פון שיינקייט, פאַר אַריינלייגן אין אים זיין גאַנץ דערהויבן געמיט, ליבע און איבערגעגעבנקייט.

דאָס אָרטשאַפט האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אינטימעס. אַ חוץ די סקאַרבאָווע ימים טובים און שבתים האָבן די מענטשן גאָר נישט געקענט אויסטראַכטן עפּעס וואָס זאָל זיי דערהויבן. יעדער זאַך וואָס איז אַרויס פון אָנגענומענער יידישקייט איז געווען אַן עבירה. מיט שפּיציקע קאַלטע אויגן האָט איינער דעם צווייטן אַריינגעקוקט אין האַרצן, און געזאָגט דעות אויף יענעמס התנהגותן.

איז אַ וואונדער, אַז דאָס אָרט פון אַ מאָלער, אַ מוזיקער, איז נישט געווען צווישן זיי?

נישט בעסער איז געווען דער גורל פון דער שוהל ווי דער גורל פון איר מייסטער.

זי איז נישט געווען בלויז אַ מקום־תפילה נאָר אויך אַן אָרט פאַר פאַרזאַמלונגען. אירע ווענט האָבן געהערט דעם אַנטיסעמיט סענ־קאָווסקי, ווען ער איז געקומען צו „זיינע זשידקעס", נעמען זייערע שטימען פאַר די וואַלן צום עסטרייכישן פאַרלאַמענט, דעם הרב שמעלקעס, וועלכער האָט דער ערשטער אין שטאָט געלאָזט פאַלן דאָס וואָרט „זעלבסטפאַרטיידיקונג". דעם באַרימטן סאָציאַליסט עמיל ברייטער פון לעמבערג, ווען ער האָט די שטאָטישע יידן פאַרטיידיקט פאַרן רשע דאַשאַט, ביז אַלע שליחים פון פילסודסקין — די סטאַראָס־טעס און פאָסטמייסטערס. אַזוי, אַז צוזאַמען מיט יידישן „אָמן", „יהא שמי רבא", האָט זיך דאָרט נישט זעלטן געהערט אַ „ניעך זשיע" פון איין זייט און פון דער צווייטער — אַ טראָציק געזאַנג פון דער יוגענט „עוד לא אָבדה תקותינו...."

אַזעלכע פאַרזאַמלונגען האָבן אָפט געבערענגט צו שלעגערייען אין שוהל, און כאָטש יצחק „מאַלאָזש" האָט תמיד געהאַלטן מיט די בונטאָווטשיקעס, האָט זיך אין מיטן דערינען געהערט זיין קול: „שעמען מעגט איר אייך! איר זענט דאָך אין אַ מקום קדוש!"

אַן אויפגעבראַכטער, האָט ער זיך געראַנגעלט קעגן מענטשן וואָס האָבן זיין הייליקייט אין אַ מאַרק, אין אַן אָרט פון פּאָליטיק און גבאות פאַרוואַנדלט.

*

ווער קען עס באַשרייבן די פאַרכטיקייט און פאַרגליווערטקייט פון דער נאַכט פונעם ערשטן סעפּטעמבער 1939? — די ערשטע נאַכט פון אָנהייב פון דער גרויסער וועלט שרפה.

מיט אַן אימהדיקע פינצטערניש האָט זיך דער טויט אַראָפּגע־זעצט אויף דער ערד. ער, דער טויט האָט צוגעדעקט מענטשן, הייזער, ביימער, פעלדער און וועלדער. געלעגן שווין טיף אין די מענטשן אין זייערע כלים און אין די מלבושים. אומצובערענגען און צו דערשטיקן און נישט אָפּגעלאָזט האָט ער ביז אַלע זיינען טאַקע אונטער אים אויסגעגאַנגען.

נאָך האַלבער נאַכט איז געוואָרן דאָס חשכות דורכזיכטיקער אָבער טויזנט מאָל שרעקלעכער. ערגעץ, ווייט און הויך האָט זיך אין דער צעצויגענער שמוציקער נאַכט־גרויקייט געהערט אַ פּאַר־רעטעריש זשומען פון אַן עראָפּלאַן, ערגעץ אין דער אומענדלע־כער שטימעניש האָט אויפגעבליצט אַ קאָליריקע ראַקעטע געוואָרפן פון אַ שפּיאָן.

אַלע וועגן — אָפּגעמעקט, אַלע בריקן — אויפרייס־טעפּ: יעדער טריט — ווי אין אַ תהום אַראָפּ.

רעדער קאָלערן זיך אומאויפהערלעך. — עס שווידערט פון אַזאַ קאָלערן! — דאָס אַנטלויפט די פּוילישע אַרמיי אין דער טיפסטער שטילקייט פאַרן שונא, וועלכן זי האָט נאָך נישט באַגעגנט. געטריבן פון אייגענעם פּחד.

דורך פעלדער, דורך טיפענישן פון וועלדער לויפן צענדליקער טויזנטער מענטשן איינע אַ הין, די צווייטע צוריק.

*

מערץ, 1942.

אַ שמוציקער שניי פאַרהענגט דאָס געטאָ.

אויפן מאַרק, אין אַ נעפּלדיקן פאַרטאָג, ליגן הונדערטער דער־שאָסענע יידן. די האַלב פאַרברענטע שטאָט איז אַ גליווער פון שרעק.

קיין מענטש, קיין הונט, קיין פויגל זעט זיך נישט אונטער די הימלען. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז יצחק פעניכל זאָל נישט אַרויס־געשלעפּט ווערן פון זיין קראַנקן־בעט — צוזאַמען מיטן זון שמעון, מיט ווייב און טאָכטער. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט ווען זיי זיינען פון שטוב פאַרשוואונדן. אַ שווער־קראַנקער איז ער געלעגן, אַ פאַר־טויבטער פון אָנקומענדיקן טויט.

אַרום צען אַ זייגער אין דער פרי, האָט זיך אויפן קליינעם מאַרק, אויף די שטיינער פון דער חרוב־געוואָרענער שוהל באַוויזן אַ זקן, אָדם נאַקעט. האָט ער מיט די הענט געטאַפּט דעם אויס־געמאָרדעטן אַרום — ווי ער וואָלט אַ טיר געזוכט — און, מיט די באָרוועסע פיס אויפן שניי געדרייט זיך, אַרום זיך, באַלד האָט זיך געהערט אַ שטילער געיאָמער:

— שמעון, פאַרוואָס איז עפּעס די שוהל פאַרשלאָסן? האָט עפּעס חלילה פּאַסירט? שמעון! עפן די שוהל! שמעון, די שוהל, די שוהל!...

ר׳ משה אַהרן

ס׳האָט זיך נאָר וואָס פאַרענדיקט די ערשטע וועלט־מלחמה.

אין דער שטאָט קאָלבושאָוו האָט מען אומגעברענגט צוועלף יידן. ביי אונז האָבן פויערים זיך געגרייט אָפּצוטאָן דאָס זעלבע. אַ פּאָגראָם איז אויסגעבראָכן אין אַ דאָנערשטיק, — אין אַ יאַריד־טאָג. מיט ניסים איז מען אָפּגעקומען אָן בלוט־פאַרגיסונג. בלויז שרעק האָט צוועלף שעה אָן אויפהער געווילדעוועט איבער די גאַסן אין געהייל פון רויבער, וואָס האָבן אויסגעפּלינדערט דעם גאַנצן דלות, וואָס די מלחמה האָט איבערגעלאָזט אין יידישע שטיבער.

דאָס איז געווען אָנהויב זומער. חדשים פריער האָט מען זיך געשראָקן פאַרן פרילינג ווי פאַר אַ נישט געבעטענעם גאַסט. ער האָט זיך דערנענטערט ווי אַן אומגליק פאַר וועלכן עס איז נישטאָ קיין אַנטרינונג. דערנאָך האָט אַ כליאַפּע געטאָן אויף דער ערד ווי אַ פייער, וואָס האָט אַפילו אין די נעכט געבריט.

אויף די פעלדער האָבן דאָס דריטע יאָר געפוילט פּגירות נאָך אַרמיי־פערד און מענטשן־ביינער. טויזנט מאָל האָט מען זיי באַגראָבן און די ערד האָט זיך געקרישלט און זיי צוריק אויפגעדעקט. ווי זי וואָלט לעיני־השמש געוויזן: „זעט מענטשן, דאָס איז אייער ווערק!״. מער פון אַלץ זיינען די טייכן געווען פאַרפעסטיקט. די פליסנדיקע וואַסערן האָט די היץ אויסגעטריקנט, זיי זיינען געלעגן גרינע, פאַר־עיפּושטע, פאַרצויגענע מיט שליים.. פון אַלץ, וואָס מ׳האָט גענומען אין מויל, האָט זיך דער בויך צעשרפּט מיט דיזענטעריע און „היש־פּאַנקע״. גאָר ביטערע זיינען געווען די נעכט. דער הימל האָט איבער זיי געהאָנגען אַן אַשיקער, אָן אַ שפּור פון סאַמעט אין זיין לייב. שטערן האָבן זיך נישט געזען. נאָר עס זיינען רק אויפגעגאַנגען פולע לבנות און אונטערגעגאַנגען. גליענדיקע, צאָרנדיקע, האָבן זיי אויפן האָרי־זאָנט געברענט.

אין יענע ביטערע טעג איז אונזער שטאָט צעטיילט געווען אויף צווייען: פון דער קישקעליצע־גאַס, פון דער קראָקאָווסקע און קוויאַ־טאָווע, האָט געצויגן אַ דחקות, וואָס זיינס גלייכן האָט מען פריער נישט געזען. מען האָט געלעבט אין שטובן אויף אַ ביסל ביטער־מעל, זעלטענער אַ קאַרטאָפל. פון מאַרק איז געריטן די רייכקייט, דאָרט האָט מען נישט געהאַט גענוג צייט צו קרענקען, טאָג און נאַכט איז מען פאַרקאָכט געווען אין שמוגל. אַזוי האָט טויט און ברויט געהויזט צוזאַמען. פון איין זייט זיינען עושרימלעך געוואַקסן ווי אויף הייוון (מען האָט זיי טאַקע גערופן די „וואַקסערס"). אַלט און יונג, קינדער פון צוועלף, זקנים ביים קבר־ברעט, האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר, און קינדער פון אַ טאָג און עלטער זיינען אויסגעגאַנגען אין עלנט.

אין יענע טעג איז פאַרגעסן געוואָרן די תורה אין ישראל.

ווער עס איז פריער געווען אַ מלמד איז געוואָרן אַ סוחר, און ווער עס האָט נישט געקענט מיט מסחר זיך פאַרנעמען, איז געשטאָרבן. אַוועק ווי אַן איבעריקער פון דער וועלט. נאָר איינער אין שטאָט האָט אויסגעקליבן פון די ביידע דאָס דריטע, לערנען מיט יידישע קינדער. אַ הונגעריקער, אַ קראַנקער, פאַר אַ באַצאָלטס, וואָס האָט נישט גע־סטייעט אויף וואַסער צו דער קאַשע, דאָס איז געווען דער רבי מיינער — משה אהרן.

גלייך ווי איך האָב זיין שוועל איבערגעטרעטן, האָט ער מיך באַ־געגנט מיט אַ שמייכל: „זעץ זיך, דער טאַטע דיינער האָט מיר געזאָגט, אַז ער שיקט דיך צו מיר אין חדר". ביים אַרויסזאָגן די ווערטער האָב איך דערפילט ווי ער, דער רבי, וואָלט מיט מיר כורת ברית געווען, „צו מיר", — דאָס איז געווען ווי אַן אָפשיידן זיך פון אַלץ אַרום, פונקט ווי אין שטאָט זיינען נישט געווען קיין מלמדים, וואָס זאָלן וועלן לערנען מיט קינדער, אַזוי זיינען אויך נישט געווען גענוג קינדער־בעלנים צו וועלן לערנען. צווישן די געציילטע, וואָס זיינען יאָ גרייט געווען דאָס צו טאָן — בין איך געווען. דאָס האָבן מיר, די געציילטע, געהאַלטן דאָס ליכט פון דער תורה איבער דער פאַרוויסטער שטאָט. אַ שטאָט, אַ דערטרונקענע אין מגפות, אַ דערוואָרגענע אין תאוות נאָך געלט.

מיין רבינס שטוב איז געשטאַנען אין סאַמע ראָג פון דער לעלע־וועלע־גאַס. אין סאַמע שפיץ פון קליינעם מאַרק, אונטער די בתי־

מדרשים. דאָרט, אין דריי קליינע צימערלעך האָט משה אַהרן מיט ווייב און קינדער געוואוינט.

באַשע, שמעון, יאָסל, ריווע, דעם רבינס קינדער, זיינען יעדער אויף זיין שטייגער פון אַן אַנדער טייג געווען געקנאָטן. צוויי געזונטע, צוויי קראַנקע, צוויי מוראדיק־פרומע און צוויי — פרייע.

די עלטסטע פון די פיר, באַשע, איז געווען אַ מיידל, וואָס האָט שוין הינטער זיך געהאַט די לעצטע האָפענונג באַמאַנט צו ווערן. דעם פאָטערס מלמדות מיט די תלמידים זיינע האָט זי פיינט געהאַט, ווי איר אייגן נישט איינגעגעבן לעבן. גאַנצע נעכט איז זי געלעגן אַ וואַכנדיקע אויף איר געלעגער און זיך איינגעהערט ווי עס לויפן די ווייבער פון באָד, וואָס האָט זיך געפונען קעגנאיבער דעם רבינס שטוב. זיי, די ווייבער, זיינען געלאָפן שורותווייז, אַ סטאַדע נאָך אַ סטאַדע. געלאָפן אין חשכות, אין צניעותדיקער פאַרלוירנקייט. באַשע האָט געהערט זייערע טריט, וואָס האָבן לייכט, ווייבעריש געכלופטשעט אין די בלאָטעס. אַן אַנגענעמע וואַרעמקייט האָבן זיי נאָך זיך איבערגעלאָזט. און אָט די וואַרעמקייט איז באַשען ביזן האַרץ צוגערונען און אַ געוויין האָט פון אירע טיפענישן צום האַרץ געשפּאַרט.

שמעון דעם רבינס, האָט זיין גאַנצן קוק אויפן לעבן, זיין גאַנץ וועזן, לעבנסשטייגער, אַרויסגעוויזן אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט זיך געקליידעט. שמעון האָט געטראָגן קורצע קליידער. דערפאַר האָט מען אים גערופן „שמעון דאַטש", כאָטש אין אונזער שטאָט האָט עס קיין רימל נישט געברענגט. האָבן ווייבער אים געטראָגן יאַכלעך צו דערמונטערן זיין שוואַך געזונט. מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז ער האָט אַ היתר צו עסן חזיר און נישט צו פאַסטן יום־כיפור. דאָס האָט אָבער אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, אַז מיר קינדער האָבן אַפילו מורא געהאַט וועגן דעם צו טראַכטן.

אָפט האָט שמעון באַקומען בלוט־שטורצן. ווען שמעון פלעגט אַוועקפאַלן, האָט אונז דער רבי באַפרייט פון חדר. אַ פאַרוויינטער, אַ צעטראָגענער, האָט ער זיך צו זיינע תלמידים געווענדעט: — „קינדער, גייט אייך, ווען גאָט וועט זיך דערבאַרעמען אויף מיין שמעונען, קומט צוריק!". דער ווייטיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון רבינס ווערטער איז געווען אַזאַ שאַרפער, אַז ווען מיר זיינען נאָר אַרויס אין גאַס פלעגן מיר לויפן ווי אָפגעשמיסענע. געלאָפן פון רבין,

פון זיין שטוב, פון שמעון דעם חולה מסוכן, וואָס האָט זיך געבאָדן אַ לעבן לאַנג אין אייגענעם בלוט און נישט אויפגעהערט שטאַרבן.

ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַרן פאָטערלעכן צער איז אַ מחיה געווען צו זען ווי שנעל דער קראַנקער טיוכעט זיך אויס פון דער קראַנקייט. ווי אַ שווימער טויכט אונטערן וואַסער אַרונטער און אַלעמען דאַכט זיך, ער איז אַ פאַרפאַלענער, און פלוצעם — „ער איז דאָ!" — אַזוי האָבן מיר שמעונען דערזען, אַן אַנגעטוענעם, אַ צוגעקעמטן, אַן אַרומ־ראַזירטן, פיין אַרומגעבונדן דעם קראַוואַט איבערן קאָלנער, און מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם. מיטן גרעסטן נייגער האָבן מיר, קינדער, דעמאָלט אויף שמעונען געקוקט, באַוואונדערט זיין שמייכל, גע־פּרואווט אַראָפּלעזן דעם גרויסן סוד וואָס עס פּילט אַ מענטש, וואָס קען אַזוי גייענדיק אַראָפּגעשליידערט ווערן אין פינצטערניש פון טויט, און גאָר אומגערעכט גיט ער זיך אַ קער צום לעבן און שפּאַצירט זיך אַוועק אין ציוניסטישן פאַראיין.

איך האָב ביי משה אהרנען געלערנט אַכט זמנים און קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז דער רבי האָט חוץ באַשען נאָך אַ טאָכטער, ריווע. קיינמאָל האָב איך איר נאָמען אין זיין הויז נישט געהערט דערמאָנען. ביז איין מאָל האָט זי זיך פלוצעם באַוויזן. אַ הויכע, אַ שוואַר־צע, געדיכטע זיידענע האָר האָבן איר פּנים אין אַ ראָם אַרומגענומען. די מיידעלשע פריזור פאַרבונדן פון אונטן אין אַ קאָקס, ווי אַ שוואַרצער עפּל. ריווע האָט פון דייטשלאַנד, וואו זי האָט יאָרן געלעבט, געבראַנגט אַ ניי־מאַשין. באַלד האָט זי אָנגעהויבן פאַרדינען ווי אַן „אויסלענדישע גייטאָרין". דעם רעדלס געדריי און דער נאָדלס געשטעפּ האָבן זיך פריילעך צעזונגען אין הויז. אָפּט האָט ריווע אויפגעפּראַלט די טירן צו דער גאַס, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער שוועל און אויסגעפּאַרטיקט די אַרבעטן, וואָס מען האָט געמוזט מאַכן מיט די הענט. זיידנס האָט געפלאַטערט אין אירע הענט, געגאָסן זיך פון איר שויס אַראָפּ. גרינע און בלויע פעדים זיינען געלעגן צעוואָרפן אויף איר ברוסט. האָט זי אַ קליידל אויפגענייט איז אַלץ אַרום, אין חדר, געוואָרן צו ענג, זי האָט דאָס „שטיקל אַרבעט" צעהאָנגען אין דער גאַנצער ברייט פון אויסלענדישן פאַסאָן און אונז געטריבן פון חדר. אינגאַנצן אַ צעפלאַמטע פון פרעס־אייזנס גלי, אַ באַשיינטע פון דעם גלאַנץ פון זייד, זיך צו־פייפן אַ לידל. דאָס פייפן אירס און דער מיידלשער דופט, וואָס האָט

געשפּאַרט פון איר, פלעגט אונז, חדר־יינגלעך, זיס באַטויבן און עפּעס געוועקט און געוועקט... ריווע איז אָבער לאַנג נישט געבליבן אין איר פאָטערס הויז. דאָס זוכן אַ תכלית האָט זי פאַרטריבן קיין אַמעריקע.

יאָסל איז געווען דאָס בן־זקונימל. יעדן פרימאָרגן איז ער ווי פון טויזנט וואָטעס אויפגעשטאַנען. ווי פריש און יונג האָט ער אויס־געזען! רך וטוב, — ווי אין פסוק שטייט — אַ ווייכס און אַ גוטס! די גאַנצע וועלט פרומקייט, שטילקייט, מיידעלשע פאַרשעמטקייט איז אין יאָסלען געווען פאַרמשכנט. דורך טעג גאַנצע האָט ער געניגונדלט. פרום, פאַרדבקהט, געדאַוונט האָט ער ביחידות אין גרויסן בית־המדרש, וואו מען האָט געלערנט ביז העט ווייט אין טאָג אַריין. אַראָפּגעשלונגען גאַנץ תחנון, אויסגעליידיקט אַלע 'אני מאמינס'. און אַזוי ווי ער האָט דאָס דאַוונען געענדיקט שפּעט נאָכמיטאָג, האָט ער, ווי אַן אַדערויף אויף מנחה, פאַרצוקט די קרבנות, און ערשט שפּעטער געגאַנגען אַהיים עפּעס איבערבייסן. נישט קיין וואונדער, וואָס דער פאָטער האָט אים געשענקט די גאַנצע ליבשאַפט פון זיין האַרץ.

דער רבי איז נישט געווען שוה מיט זיינע קינדער, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, מיט יאָסלען. סיבות זיינען געווען פאַרשיידענע. ראשית, ווייל די נויט האָט געשטעקט לאַנגע יאָרן ווי אַ פאַרזשאַווערט מעסער אין לייב פון גאַנצן הויזגעזינד.

קען אויך זיין, אַז אַ סיבה, נישט קיין קליינע, איז געווען דעם רבינס לייכט געמיט, זיין נישט נעמען דאָס לעבן ערנסט, וואָס האָט געמאַכט אַנוואַקסן אַ בייזקייט אין די קינדערס הערצער.

דער רבי אונדזערער איז געווען אַ שוואַכלינג אין עסן. אַן אַנצייניק מויל, וואָס קען עס פאַרדייען? דערפאַר אַ גיבור־חייל אין דער נאָז. אַ פלײשיקע, אַ פעטע, די נאָזלעכער — מענערישע, געעפּנטע און זשעדנע. מער ווי מיט די אויגן האָט ער מיט זיי געקוקט. דורך זיי האָט דער קאָפּ זיינער אויסגעזען מער אַן אויפגעהויבענער, אַ טראָציקער, — נישט אונטערצוגעבן זיך נאָר צו פאַרלאַנגען. אַנטקעגנשטעלן זיך אַ דעה — עס שאַדט נישט אַפילו קעגן אַ גרעסערן תלמיד־חכם ווי ער איז. דעריבער איז די נאָז ר' משה אהרנס ביי אים געווען דער לעבעדיקסטער אבר. די פּילבאַרסטע און, חלילה, אין אַן עת צרה, די צום מערסטן איבערגעשראָקנסטע. פולע זשמענעס שמעק־טאַבאַק האָט ער אין דער נאָז אַריינגעשטופּט — „נעם דיר, פרעס זיך אָן!", און

זי האָט אַלץ מער און מער פאַרלאַנגט, — אַ מעשה אָן אַ סוף! — דער טאַבאַק איז געווען משה אהרנס גאַנצע לעבנס־פילאָזאָפיע, האָבן מיר זיינע ענטפערס פאַרשטאַנען אויף אונזערע קשיות לויט דעם ווי ער האָט מיט דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט דעם טאַבאַק אַריינגעשטופּט אין דער נאָז. אַלץ, אַלץ האָט מען געקענט פון דעם באַוועג מיט זיין גראָבן פינגער אָפּלערנען. מיט אים האָט ער אונז צו־וויסנגעטאָן פון זיין גוטן אָדער שלעכטן לוין.

אָבער איין איינציקע זאַך איז יאָ אַרויס פון גדר פון זיין „שמעק־טאַבאַק פילאָזאָפיע", אַ זאַך, וואָס ער האָט געגומען טויט־ערנסט, און געחלומט דערפון אַ לעבן־לאַנג, — דאָס איז געווען די איינרעדעניש, אַז ער איז אַ גרויסער דאָקטאָר... אַ דאָקטאָר, וואָס העלפט דעמאָלט, ווען אַלע רפואות האָבן פאַרפירט. אָט יענער „וואונדער־באַווייזער", וואָס קומט צום חולה אין דער לעצטער רגע, פאַר יציאת נשמה, ווען דער מלאך המוות שטייט צוקאָפּנס מיטן אויסגעשטרעקטן חלף און זאָגט: — „קומט איר, ר' משה אהרן, איז הרי טוב, אלא נישט — מוז איך מיינס טאָן". כדי דאָס צו באַווייזן פלעגט דער רבי נישט מיד ווערן אונז, חדר־ייגגלעך, צו דערציילן מעשיות איינע אויסטערלישער פון דער צווייטער און אַלע האָבן געצילט אַהין, וואו עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז משה אהרן דער מלמד איז גאָר קיין מלמד נישט! נאָר גאָר אַ באַרימטער פּראָפעסאָר, „הער פּראָפעסאָר גרין", וואָס האָט אַלע דאָקטוירים אין וועסטל־קעשענע וואו ער האַלט אַ שטיקל צוקער צו די צענעס־טיי, וואָס ער טרינקט פאַר אַ רפואה צו זיינע פּוילע גע־דערים פאַרן שלאָפן גיין.

*

ווי באַוואוסט, געשעט דאָך אַלץ „אין אַ שיינעם העלן טאָג". אַזוי דאַכט זיך הויבן זיך אָן אַלע געשיכטעס. ביי מיין רבין האָט עס זיך אָנגעהויבן „ווען איך בין נאָך אַ יונגערמאַן געווען", אָדער „וואו נעמט מען די אַמאָליקע צייטן", אָדער — „וואו נעמט מען די אַמאָ־ליקע מענטשן?"

אָוועקגעזעצט זיך ביים טיש פלעגט ער מיט די פינגער זיך צעקע־מען די באָרד. פון אומגעדולד אַרויסרייסן פון איר אַ האָר, צוויי און זיי אַריינלייגן אין דער גמרא. די נאָז פלעגט אָן אויפגערעגטע אַ שמעק טאָן די לופט און זיך לאָזן אָנטרינקען פון אַ פעסטן שמעק טאַבאַק.

דערנאָך האָט זי זיך, די נאָז הייסטע עס, געגעבן אַ דריי, ווי זי וואָלט צו משה אהרנען געזאָגט: „נו, איך בין גרייט, דו ווי האַלסט?" אָבער אַזוי בחפזונדיק איז דער רבי אונזערער נישט גרייט געווען. אַזוי איז דער רבי דווקא געווען אַ שנעלער, אַן אומגעדולדיקער. ווען ער פלעגט פון ערגעץ אַהיימגיין, פלעגט ער ממש לויפן. תמיד אַ פאַר־שוויצטער, אַ פאַרטרודעטער, די זשיפּיצע אַ צעקנעפּלטע, ס'העמד צע־כראַסטעט. דער ווינט פלעגט פונאַנדערבלאָזן די ציצות פון זיינע ארבעה כנפותן, דאָס פאַרגרינטע קאַפּעלושל, וואָס האָט אויסגעזען ווי מאָך, צעקנאָדערט און שקאַצעוואַטע צעדרייט. אַזוי אָבער, ביים דער־ציילן, פלעגט ער מאַכן גרויסע הכנות. אָפּט האָט ער געוואָלט תלמידים פון אַ צווייטער כיתה און זיי צווישן אונז, די עלטערע, צוגעזעצט — „זאָלן זיי אויך הערן", אָדער, אַן סיבה, עמיצן פון אונז פאַרטריבן פון טיש — „דו דאַרפסט עס נישט וויסן, גיי דיר!"

„אויב איר וועט שטיל זיין, וועל איך אייך עפּעס דערציילן", פלעגט ער אָנהויבן. דער רבי פלעגט נישט אָנהויבן אַ מעשה ער זאָל דערביי נישט דערמאָנען די שטאָט ווין. ווי ביי יעדן גאַליצישן ייד, איז ווין אים געווען טיף איינגעבאַקן אין האַרצן. ווין איז פאַר אים געווען דאָס העכסטע. אי דאָרט וואוינט דער קיסר, ירום הודו, אי ווין האָט געשמט מיט אירע דאָקטוירים, מיט וועלכע אונזער רבי פלעגט האָבן אַ גרויסע קרובישקייט.

— אין ווין האָט זיך אַ פּראָפעסאָר דערקענט אויף מיר. אָך, קינדערלעך, ווען איר זעט דעם גוי, וואָס מען רופט פּראָפעסאָר, וואָס כאַליעט אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, וואָס שלאָפט אין בעטן פון סאַמע שפּיגלען און עבנהאָלץ. ווען איר זעט, ווי ער האָט דאָס אויפ־געשלאָסן זיין „פייערקאַסע", די שענק און שופלאָדן, אָט האָסטו, — האָט ער געזאָגט, — קייזערלעכע ווערט־פּאַפּירן, איז דיר ווייניק, וועל איך בעטן דעם קיסר ער זאָל דיך מאַכן פאַר אַ באַראָן, נישט קלענער ווי עס איז דער באַראָן הירש, ווי באַראָן גוטמאַן, נאָר גיב מיר איבער די סודות הרפואה!... נו, פאַרשטייט זיך, עפּעס האָב איך יאָ געזאָגט, עפּעס נישט. פאַר שמחה, האָט ער מיך אין זיין „קאַלעס" אַוועקגעפירט צום קיסר. ווי מיר זעמער אַריין אין שענברון איז מיר דער מאַנאַרך אַליין אַנטקעגנגעגאַנגען. אויסגעשטרעקט די האַנט, — שלום עליכם, רבי! — עליכם שלום, אדוני קיסר! און איך האָב הויך, אויפן קול, געמאַכט די ברכה — „ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם". דער קיסר,

פאַרשטייט זיך, האָט געענטפערט — אָמן, און גלייך, „זמיעסצאַ״, אַוועקגעשטעלט תיקון ווי ס׳געבירט זיך, און מיך געפרעגט: — וואָס מאַכסטו, משה אַהרן? מיינע שרים האָבן מיר שוין דערציילט דיינע קלאָפּאָטן, ווי מען רייסט פון דיר שטייערן. האָב קיין אַנגסט נישט, איך בין מיט דיר! אָט שיק איך אַ שליח־מיוחד מיט אַ באַפעל מען זאָל דיר רו געבן. איך ווייס ווי שווער עס קומט אָן אַזאַ גאַטינג ווי דו ביסט, שטייערן צאָלן. די צייטן זיינען שלעכטע, די באַלעבאַטים צאָלן קיין מלומד־געלט נישט. וואָלט נאָך דיינעביילע געלעבט איז עפּעס אַנדערש! וואָס דאָס ערשטע ווייב איז, ווייס איך, דאָס איז נישט די פערטע! יאָ, זעסט, גאָר פאַרגעסן. ווי גייט עס דיין שמעונען? אַלץ נאָך מיט די בלוטשטורצן? זאָרג נישט, גאָט וועט העלפן! — אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ אַ לעבעדיקן זיצן — אַזוי האָט צו מיר דער קיסר געטענהט״.

ווי אַ שווערע מידקייט וואָלט דעם רבין פּלוצעם באַפאַלן, האָט ער פאַרשלאָסן די אויגן אויף אַ מינוט, זיי געעפנט, און צו אונז געזאָגט: — איר פאַרשטייט, איך בין געפלעפט געבליבן, אַז אַ קיסר זאָל אַזוי אַלץ וועגן מיר וויסן? אַ קינדישער שמייכל האָט אויף דעם רבינס פּנים אויפגעלויכטן.

ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון פּנים, צעקנעפּלט דאָס העמד ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, לאַנג געשוויגן — דאָס איז משה אהרן דער מלמד, געלעגן אויפן דנאָ פון זיין פאַנטאַזיע — אין יענע טיפענישן, וואָס זיינען געווען זיין הימל און רו־אַרט אויף דער וועלט.

*

פון טאָג אויף טאָג האָט די מלחמה־שאָל אָנגעהויבן אַוועקשיילן זיך פון אונזער שטאָט. די ערד האָט זיך צוריק אָנגעגורט מיט געדולד פון אַ געווינערין צו געבן פּרוכט אין צייט. ווידער האָבן זיך די שטאָט שפּייכלערס אָנגעפילט מיט תבואה און ווי אַמאָל, האָט פאַר די בעקער־שוועלן געשמעקט מיט פריש געבאַקן ברויט, די יאַרידן אין שטאָט זיינען געוואָרן געדיכטער: הענער, הינער, חזרים און פערד. אָנגע־פּראָפּט מיט פּויערים זיינען אין די דאָנערשטיקס די יידישע שענקען. אויף די נאַקעטע טישן צעגאָסן 96ער נאָר אַ הבדלה צו מאַכן אויף די שלעכטע צייטן! נאָר ביים רבין מיינעם אין שטוב האָט זיך גאָרנישט געביטן לטובה. אויסגעשטאָרבן די אַלטע גוטע באַלעבאַטים. די נייע,

ווייסן נישט, וואָס תורה איז פאַר אַ סחורה. אַ פּאַטעפּאָן, אויף וועלכן מען קען אויספּאָנפּען „אָ, באַיאַדעראַ" איז מער ווערט ווי יידישקייט. אַן אויסכאַפּעניש איז געקומען אויף דענטיסטן, — אַלע רייסן זיך די געזונטע ציין און שטעלן אַריין גאָלדענע. וואָס פאַר אַ ווערט האָט, — משטיינס געזאָגט, — אַ מויל, וואָס פון אים גיט נישט אַ בליאַסק!

דאָך, האָט אויך די צייט אין שטאָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. עפּעס נייעס האָט זיך באַוויזן. ר' ניסעלע הענעכס אַ טאָכטער איז פון ווין געקומען. אויך אַ סטודענט, אַ שניידערס אַ זון, האָט איבער דער שטאָט זיין קאָפּ אויפגעהויבן. מיט כלערליי תחבולותן האָבן אָט די צוויי די שטעטלדיקע יוגנט „פאַרנאַרט" אין די שאָפּעס פון אַ ציגל־פאַבריק, הינטער דער שטאָט, און דאָרט האָט מען דערציילט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, פון סקיוטונג און וועגן דעם, אַז יוגנט דאַרף לערנען און אַרבעטן, אַז יוגנט איז מחוייב זיך מקריב צו זיין פאַרן פאָלק!
— אונזערע טאַטעס זיינען פינצטערלינגען, — האָט ניסעלעס טאָכטער געזאָגט — און פאַרקויפט צום געלט. גן־עדן גהינום, — אַן אויסגעטראַכטע מעשה. — נייע מענטשן, נייע לידער! די שטעטלשע יוגנט האָט זיך שנעל געלערנט. אויפגעפלאַקערט מיט אַ יונגקייט, מיט אַ התלהבות, ווי רויזן צו דער זון. די געזאַנגען האָבן פאַרהילכט די פאַרשלאָפענע שטאָט. ווי אויף אַ טאַץ האָט מען אַ נעם געטאָן די וועלט. אָנגעהויבן פאָרשן זי און פרייען זיך מיט איר ווי די ערשטע מענטשן אויף דער ערד.

די שטעטלדיקע יידן האָבן אויפגעציטערט. צום ערשטן מאָל האָבן זיי פון זייערע יינגלעך און מיידלעך געהערט אַזאַ שפּראַך. די קעפּ, וואָס זיינען געווען תמיד אַראָפּגעלאָזטע, דערשראָקענע פון פּאָגראָמען און מלחמות, האָבן זיך אַ הויב געטאָן צום הימל. טאָג און נאַכט איז מען אַוועק אויף אויספלוגן אין פעלדער, אין וועלדער, איבער בערג און טאָל.

די בליקן פון דער שטעטלשער יוגנט זיינען געוואָרן חוצפּהדיקער און דרייסטער. גרופּנווייז איז מען געזעסן אין די זומערדיקע פאַר־נאַכטן הינטער דער שטאָט; אויף אַ בערגל זיך אויסגעזעצט און געזונגען וועגן גליל און מיט פאַרבענקטע, קינדישע אויגן געקוקט ווי די זון זעצט זיך איבער די פוילישע קאָרן־פעלדער.

זומער איז די שטאָט אַ פּייערדיקער שטויב־ראָד. אָך, וואָס פאַר אַ געוועש איז עס היינט געוועזן! פאַרנאַכט בלויט אין ביאַליקס „הכניסינו”. אומענדלעך, צעגאָסן. אין בענקשאַפט גייט אויף אונזער געזאַנג. אַ טייך איז דער הימל. מיר, קינדער, שפּרייזן אים דורך, הויבן די קאָפּאָטקעלעך אויף און מיט ביינאַנד, שריט ביי שריט; גייט די זון צו איר נאַכטיקן געלעגער. איר אויג — אומגעהייער גרויס, גליט צו דער שאפע אַראָפּ, צו דעם יונגוואַרג, וואָס זיצט און בעט זיך: „זיי אַ ברודער, זיי אַ שוועסטער און אַ מאַמע מיר אַפילו...” לעבן דער זונס צוקאָפּנס שטייט אַ טאָפּל. ער ברענט ווי אַ ליכט. פון רגע צו רגע ווערן זיינע בלעטער נאַכט־שמעטערלינגען, ביז איבער דער זונס אויג פאַלט שווער און האַמעטנע אַראָפּ אַ וויע, ווי אַ טיר אַן אייזערנע, אַן אַלטע” — ס׳איז נאַכט — זאָגט ווער פון אונז.

יעדן אָונט ווערט אויפן פּלאַץ פאַר די בתי־מדרשים לעבעדיק. די גאַנצע שטאָט קומט צו גיין. עס פעלט דאָ קיינער נישט! אַפילו די „דייטשן” פון ציוניסטישן פאַראיין, די ווילדע חברה פון „באַרכאָוור־צירקל”. מען טראָגט צו דער מנחה־מעריב־בירזשע אַלערליי ביכער. אַ כוואַליע צעגיסט זיך איבער דער סאַנדאָמיערסקע אַראָפּ צו די גויאישע בלאָניעס און צוריק, צו דער באַן־גאַס. אַרום דער שולס ווענט יאָגן זיך יונגע בחורימלעך, מען שמייסט זיך איבער די קעפּ מיט גאַרטלען. אַ געזעמל נאָך אַ געזעמל — שוסטערלעך, שניידערלעך, תבואה־סוחרים און „פעדערן קויפס־לויטע”. די שניט־סוחרים רעדן וועגן „גייגערס ליינען, נישט קיין פאַרגלייך צו די אַמאָליקע בעהמישע”. עס פילט זיך אין די סוחרימס רייד אַ וויטיק איבערן אָפּשטאַרבן פון דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע און איבער דעם, וואָס די וועגן וואָס פירן קיין ווין און בעמען זיינען פאַרשלאָסן דורך גרענעצן. אין אַ זייט, האַרט ביים איינגאַנג פון גרויסן בית־מדרש, רעדט א פרעמדער מגיד מיט היץ וועגן „פּה־לין” און מאַכט חשבונות ווען משיח וועט קומען. פון מאַרק לויפן צו מנחה די לעצטע קרעמער. זיי האָבן אָקאָרשט די געוועלבער פאַרמאַכט. לויפנדיק גאַרטלען זיי זיך אַרום און שיטן אין די געדיכטע בערד אַריין דעם „וידבר”. אין סאַמע מיטן פון אַ רעדל שטייט ר׳ עוזר שוחט. אַ ייד, וואָס קען דעם גאַנג פון די מזלות און פּלאַנעטן. ער רעדט מיט היץ, זיין רעכטע האַנט אין אויסגעשטרעקט. ער דרייט מיט איר ווי מיט אַ גלאָבוס. די עלטערע און איידעלערע יידן האַלטן זיך נעענטער צו דער שוהל. אַזוי לאַנג ווי דער זמן איז נישט

אַדורך „כאַפּט מען לופט״. די ווייכע קעלנער צעקנעפּלט. די בערד אויפגעהויבן העכער ווי תמיד. מיט די פּאַטשיילעס ווישן זיי די צעקאַכטע שטערנס. די ווייניקער אָפּגעהיטענע לאָזן זיך אַוועק אויף אַ שפּאַציר, העט ווייט, וואו עס שטייען סאַמע גויאישע שטיבער, בלומענטעפּ יוזלעך און טויבנשלאַקן.

גלייך נאָכן ערשטן זאַטן זומער פון נאָך דער מלחמה איז שנעל אַ שפּרונג געטאָן אין שטאָט אַריין דער ווינטער. עס האָט פאַרשנייט די וועלט ביזן גאַרטל, און אַ ווינט האָט אַלץ געוויזן זיינע נישט איינ־טערעסאַנטע שטיק. די ביימער האָבן עס גענומען טויט־ערנסט, אַ בויג געטאָן זיך רעכטס, אַ בויג געטאָן זיך לינקס און פאַרשטיינערט געבליבן ווי ברוגזע קינדער.

דער ווינטער האָט אַלץ און אַלע פריטשמעליעט און אומרואיק געמאַכט נאַטור און מענטש. די פויערים האָבן געשניטן די וועלדער און געפירט אין שטאָט אַריין דאָס האָלץ צו פאַרקויפן. ווי פאַר אַ שונא האָבן די אָרעמעלייט באַהאַלטן יעדן קאַרטאָפל אין די טיפענישן פון די קעלערס. די פראָסט־בלומען אויף די שויבן זיינען געוועזן אין די מענטשנס אויגן ווי בייטשן. אַלטע יידן, מער באַרד ווי פּנים, זיינען אין די פינצטערע פאַרטאָגן אַנטקעגנגעגאַנגען די פרעסט מיט אייזערנע טריט. געקרילט די לייבער אין די שאַרפסטע און מסוכן־קאַלטע מקוואות — „אין רחמים בדין״ — אַזוי האָבן זיי געזאָגט וועגן ניסעלע העגעכס טאָכטער, וואָס שמדט אָפּ אַ שטאָט. די ווערטער זיינען אַרויס פון מויל מיט קנוילן פאַרע, — אַזוי האָט דער ווינטער און דער גרימצאָרן אין זיי געברענט.

דערווייל איז אין ר׳משה אהרנס שטוב דער עלנט געפאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. ווי אַ זאַלב־אייל האָט ער געטריפט און געהייליקט דעם מלמדס קאָפּ מיט ליכטיקער אָרעמקייט, וואָס האָט אים באַגלייט ביזן קבר. פון טאָג צו טאָג איז דער רבי געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. די שניי־ווייסקייט פון דער באָרד, — דער ליכטיקסטער בלענד! נאָר די אויגן זיינען מאַט געוואָרן ווי ביי אַ טויטן.

אין גרויסן בית־המדרש האָט מען אין די אָוונטן געלערנט. די נאַפּט־לאָמפּן האָבן נידעריק געהאָנגען איבער די טישן. נאָך מנחה־מעריב זיינען אין סאַמע מיטן פון בית־המדרש געשטאַנען סתם בעלי־בתים

און ביז אין שטוב איז פּאַרטיק געוואָרן די וועטשערע, האָט מען גע־רעדט פון אַלץ אין דער וועלט... יונגעלייטלעך, „וואַקסערס" זיינען געזעסן איבער אָפענע גמראָס. ווער געשיילט אַן עפּל מיט אַן עכט פּערלמוטער מעסערל, ווער עס האָט געדרייט אַ סיגאַרעטל און אים אריינגעשטעלט אין אַ בורשטענעם ציגאַרשפּיצל. גערעכנט איז דאָס געוואָרן על חשבון השיעור. בלויז די פּנימער און די אויגן פון די גע־ציילטע תלמידי־חכמים האָבן געלויכטן מיט פייער און הונגער. ווי קופּער האָבן די פּנימער זייערע געגלאַנצט. אַלץ אין זיי האָט געבריט. די ווערטער — אַ געשריי, ווי ביי ווילדע פייגל.

איינער נאָכן צווייטן האָבן זיך די באַלעבאַטים אַרויסגערוקט פון בית־המדרש. נאָך זיי — די יונגעלייטלעך, וואָס זיינען אַוועק ערגעץ „כאַפּן אַ קערטל"... דער אַלטער, ברייטער אויוון אין בית המדרש האָט געפינצטערט, פון היץ געלאָזט פאַלן דעם קאַלך. לעבן אים האָט אַ מדינה־גייער אויף אַ באַנק געגרייט זיך איבערנעכטיקן. די צוויי טישן באַזעצט מיט לערנערס זיינען אין דער דאַזיקער צייט געוואָרן צוויי ליכטיקע וועגן אויפגעעפנטע און ברייטע. וואָס שטילער עס איז געוואָרן פון זייטיקע מענטשן, אַלץ געשמאַקער איז געוואָרן דאָס לערנען — ווי מען פאָרט אַריין אין אַ טיפן וואַלד. אַזוי האָט מען אין בית־המדרש געלערנט ביז אַריין אין חצות. דערנאָך מידע, שיכורע, אָנגעטרונקען מיט געטלעכן תענוג, לייכטע ווי די מלאכים אין זייער שוועבן, זיינען די לערנערס געגאַנגען אַהיים געניסן פון דער פאַר־דינטער רו.

יענעם ווינטער האָבן מיר געלערנט אויך נאָך מנחה־מעריב. אין חדר ליגט די רביצין אויפן בעט אַ מידע, אַן אַלטע. דער נאַפּט־לאָמט פינצטערט אַראָפּ פון דער סטעליע, קאָפּטשעט און צעשפּרייט אַ גרויקייט איבער ווענט און מעבל. פון אַ גאַנצן טאָג אַרייך־ און אַרויסגיין, איז די פאָדלאָגע נאָס, פול מיט אָנגעטראָגענער בלאָטע. אָפּט אין אַזעלכע אָוונטן האָב איך געזען דעם רבין אויפציטערן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גיט אין אים אַ פּלאַטער די שרעק פאַר זיין דאָ זיין אויף דער זינדיקער וועלט... די טאָג־ טעגלעכע דאגות, דאָס אָפּגעבן זיך אַ חשבון, אַז פון אַלע זיינע „פּלענער" איז גאָרנישט געוואָרן — האָט אַריינגעטריבן דעם פריילעכן מענטש אין אַ גרוילעכן אומעט. ווייזט אויס, אַז נישט נאָר איך, נאָר אַלע, וואָס זיינען ביים טיש

געזעסן, האָבן דערפילט דעם רבינס אומהיימלעכן געמיט און מיר זיינען פאַרשטומט געוואָרן — נישט קענענדיק זיך רירן פון אָרט.

— וויאָ, וויאָ, פערדעלעך! היידאָ, אַרויס פון דער בלאָטע! דער וועג איז לאַנג, די מלאכה פול! היידאָ!

ער, דער רבי, דער ערשטער, מיר, נאָך אים! האָבן אין אַזעלכע אָוונטן שווער געשלעפּט דעם עול פון לערנען און אַז עס איז געוואָרן גאָר שווער און אומעטיק, איז מען אַריבערגעגאַנגען אין דעם נישט וויטן בית־המדרש. דאָרט, האָט זיך דער רבי באַרואיקט. אַוועקגעזעצט זיך, איז ער אַרויסגעפּאָרן אויפן ברייטן ליכטיקן שליאַך פון לערנען. אַ צעוואָרעמטער האָבן די באַקן אים אָנגעהויבן גליען. ווייך האָט ער זיך אַריינגעשניטן מיטן בליק אין די דפים און שוין האָבן זיינע אויגן צו אונז געשמייכלט.

אין אַזאַ אָוונט בעתן לערנען אין בית־המדרש, איז דעם רבין פּלוצעם נישט גוט געוואָרן. ער האָט געפּרואווט אַ וואָרט פון מויל אַרויסרעדן, איז אים דער אָטעם פאַרהאַקט געבליבן. אַ וואַקל געגעבן זיך און אַראָפּגעפאַלן פון דער באַנק.

אין דער רגע איז דעם רבינס פּנים געוואָרן אַ שפּיגל און דערין האָב איך דעם טויט דערזען. טויזנטער פּנימער האָט דער טויט. אַלע צערן, אַלע פריידן — דעם רבינס איז דאָך די פרייד געווען!

ער האָט מיר זיין בליק געשענקט. אַזוי קוקט מען אויף אַ גרענעץ, וועלכע מען איז אָקאָרשט אַריבער. ער האָט אָנגעהויבן פון לעבן אַוועקגיין. אָ, ווי ער האָט זיך עס געאיילט! דאָך, האָט עפּעס אים פאַר־האַלטן אויף אַ קורצער צייט צוגעשמידט צו דער טרויעריקער ערד.

ר' משה אהרן וואָס איז דאָס איילעניש אויף אייך? וואָס, איר וועט מער נישט לערנען מיט יידישע קינדער תורה? שמעונען, יאָסלען נישט אויסגעגעבן, די מעשיות נישט אויסדערציילט, דאָס פינפערל פּאָ־דאַטעק נישט באַצאָלט. — פון אַ צווייטער זייט איז געקומען דאָס אייביקע לצל און געחוזקט:

— „הער פּראָפעסאָר גרין, דערמאָנט איך ווין. דערמאָנט — די אוידיענץביים קיסר. די קרישטאָלענע בעטן דאָרט!

פון אַלע זייטן: — ר׳ משה אהרן! ר׳ משה אהרן! אוי, אויפן עולם־האמת וואַרט אויך נישט אויף אייך מאַרצעפּאַנעס אונטער דער ראָסל!

ברודער קעגן ברודער

משה אַהרן דוד שיע העשל האָט מיט בריינען חתונה געהאַט ווען זי, בריינע, האָט נאָך געהאַט צוויי נישט פאַרזאָרגטע קינדער. ביידע אין די דרייסיקער, — אַ זון און אַ טאָכטער.

מאַלע, די טאָכטער, איז געבענטשט געווען מיט דער זעלבער טויבקייט וואָס די מאַמע אירע. בלויז מיטן אונטערשייד, וואָס די מאַמע, בריינע, האָט די טויבקייט געטראָגן ווי אַ שטיין אין זיך און אַ גאַנץ לעבן געשוויגן. איז זי מאַלע, די מיידל־רביצין געווען גאָר אַ שרייערין.

פון פרימאָרגנס אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט ווערנדיק באַנגלמיטיק, האָט זי מאַלע געשיפּט אין אַ פּאָר גרויסע מענערישע שיך פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס. דאָ געכאַפּט אַ וואַרעמס, דאָרט אַ וועטשערע, און אומעטום פאַרברענגט אַ צוויי־דריי שעה.

פאַרשפּעטיקט זיך פון איין אָפּלערנען צום צווייטן. ביז ביים סוף טאָג האָט איר אויסגעפּעלט אַ פּאָר איילן צו דער צייט.

לעומת זו — אַקעגן מאַלען, איז געשטאַנען איר ברודער ליפּע. דער זון פון בריינען, דאָס פערטע ווייב פון משה אַהרן דוד שיע העשל.

שבת נאָכן וואַרעמס איז ליפּע און מאַלע געגאַנגען צו דער מאַמען „אויף באַזוך".

בריינע איז געזעסן אויף דער שטול צווישן וואָך און חלום. אַ בייג, — און זי איז געטראָגן געוואָרן פון אַ שיפל, וואָס הוידעט זיך צווישן לעבן און טויט. אָט איז זי וואָך. אַ שווערע, אַ טויבע. און אָט איז אין איר אַריינגעריטן אַ דרימל וועלכער מאַכט זי פאַר אַ פּריג־צעסין פון שלאָף.

געקומען איז ליפּע אויף די וויזיטן אין שוואַרצן איבערציער. דאָס באָזטיכל אַרומגעבונדן אויפן האַלדז. כאָטש דער עירוב איז גע־האַנגען ווי תמיד, פון קיינעם אַ נישט געריירטער איבער צוימען און דעכער.

ווי נאָר די קינדער האָבן זיך באַוויזן האָט ברײַנע גלייך אַרויס־גענומען די שבתדיקע טיי, וואָס האָט געגליט אין טונקעלע פלעשער פאַרשטאָפּטע מיט קאַרטאָפלעס.

זי, ברײַנע, האָט די טיי געכלוסטעט אין גלעזער. איינס פּאַר ליפּען, איינס פּאַר מאַלען און אַוועקגעלייגט אויפן טיש אייערקיכלעך, וואָס האָבן אין זיך נישט געהאַט קיין שפּור פון איי.

ווינטער איז ליפּע זעלטן ווען געקומען שבת צו דער מוטער זיי־נער. ווינטער איז ער, אין די שבתדיקע נאָכמיטיקן, געזעסן ביי זיך אין שטוב. דרימלענדיק איז פון אים אויסגערונען די גאַנצע וואָ־כעדיקייט. נאָכן שלאָף האָט זיך ליפּע אויסגעגלייכט, אויסגעגענעצט זיך, צוגעגלעט זיין גלעע באָרד, צוגעגאַנגען צום שענקל, אַראָפּגענומען דאָס „שפת אמת״ סידורל און אָנגעהויבן זאָגן „ברכי נפשי״. צוזונגען־דיק אויף יידיש, פּונקט אַזוי ווי ער האָט אַמאָל געלערנט אין חדר:

„ברכי נפשי, מיין זעל טוט לויבן דיך, אָ, גאָט! גאָט מיין גאָט! דו האָסט מיך זייער דערהויבן, מיט פּראַכט און שיינקייט באַצירט. דו, וואָס דו טוסט איינהילן דאָס ליכט ווי אין אַ קלייד....״

ליפּע האָט געזאָגט און געגענעצט, זיין קאַלטער הויך האָט זיך זיך פאַרצויגן אויף די שויבן. נישט קיין מענטש אין גאַס, נישט קיין קלאַנג. דער שניי קוים וואו באַרירט. געציילטע טריט פון יידן צום בית המדרש, געציילטע פון גויים אין קאָשטשאָל.

די זעלטענע דורכגייערס האָבן צעשניטן די פוכיקייט. אַ קראָ איז געקומען צו פליען און געשטעלט זיך אויפן דאַך, קעגנאיבער. און וואָ־ראָניעט און וואָראָניעט.

פאַרנאַכט, שבת צו מנחה, איז ליפּע געגאַנגען אין גרויסן בית המדרש וואָס איז שוין פול געווען מיט יידן. אַ נעץ, און אַ חשכות ביז אונטער דער סטעליע.

אַרום דעם אויוון נעבנטער צום כיור און טיר, זיינען געזעסן יונגען באַלעגאָלעס, מיט פנימער צעשניטן פון ווינט און קעלט. זיי די אויסגעדינטע סאָלדאַטן פון ערשטן וועלט־קריג זיינען געזעסן ווי

אויף הייסע קוילן; — אַ קליינִיקייט! פאַר דעם שטוב שטייט שוין געשפּאַנט פערד און וואָגן, גרייט אַ לאָז טאָן זיך צו דער באַן און דאָ דויערט עס און דויערט! פון אומגעדולד האָבן זיי זיך דערציילט טויזנט מאָל געהערטע מעשיות וועגן זייערע רעגימענטן אָדער אונטערגעברומט דאָס ליד:

„אויף די גרינע פעלדער וועלדער
אָ, ווי, אָ, ווי!
אויף די גרינע פעלדער וועלדער
אָ, ווי, אָ, ווי!
ליגט אין שניי באַגראָבן אַ זעלנער
אָ, ווי, אָ, ווי!
ליגט אין שניי באַגראָבן אַ זעלנער
אָ, ווי, אָ, ווי!
קומט אַ פויגל אָן צופליען
אָ, ווי, אָ, ווי!
קומט אַ פויגל אָן צופליען

און שטעלט זיך אויפן קבר אָפּריען,
אָ, ווי, אָ, ווי!
און שטעלט זיך אויפן קבר אָפּריען,
אָ, ווי, אָ, ווי!
אַך, דו פויגל שוואַרצע וואָראָנע,
אָ, ווי, אָ, ווי!
אַך, דו פויגל שוואַרצע וואָראָנע,

טראָג אַ בריוועלע צו מיין מאַמע,
אָ, ווי, אָ, ווי!"

דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז אַ וועלכער פון די יונגען האָט ווי אַ דאָמבע מיט אַ הייזעריקן „ויהוא רחום" אויפגעריסן דאָס טויער, וואָס האָט געפירט צו דעם אין דער וואָכן.

וואָס אַן אמת איז ליפּע נישט געווען פון די בעסטע שוסטערס אין שטאָט און כאָטש פון דעם וואַרשטאַט זיינעם זיינען אַרויס שיך מיט „אַמעריקאַנער נעזער", איז אָך און ווי געווען, צו דעם פּאַסאָן וואָס ליפּע האָט אים געמאַכט.

דאָך, ווען אַ ווינטער איז אַוועק און עס האָט אַ נעם געטאָן אויף פּאַר פּסח, איז אַרבעט געווען לרוב.

היימלעך און לעבעדיק איז געוואָרן אין יענע טעג אַרום ליפּעס שטוב אויפן מאַלי־רינעק.

יעדן אין דער פרי האָט זיך דער פּלאַץ אָנגעפילט מיט פּויערישע פירלעך.

עס איז פרילינג און די וועלט טרינקט זיך אָן מיט אומרו: מען ציכטיקט זיך, די גערטנדלעך, און די שטובן.

ביי די קאַלעך־סוחרים, קעפּ אויף קעפּ. ווייט און ברייט אַרום שמעקט מיט גלינקע, מיט בלויע־פאַרב און פייכטן ליים.

גלייך מיט די פּויערים, וואָס זיינען געקומען אין שטאָט צו מאַכן די יום־טוב קניות, האָבן זיך באַוויזן דאָרפס־יידן, וואָס געדאַכט האָט זיך, אַז מען האָט זיי נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן...

זיי האָבן אַריינגעשמעקט אין די יידישע שטובן. געפרעגט זיך וואו מען קען איבערלאָזן אויפן זיבעַרן זומער אַ קינד צו לערנען זי ווערן אַ שניידערין.

צו ליפּען איז אָפט געקומען עוזר פּזשילינקער מיט זיינע זין.

פאַר ליפּעס שטוב האָט מען אויסגעשפּאַנט פערד פון וואָגן און געשטעלט זיך פּאַשען. דערנאָך, ברייטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דאָרפס־באַלעבאָס, האָט עוזר פּזשילינקער אַריינגעשפּאַנט צו ליפּען, און האָט זיך אַוועקגעזעצט רעדן „תכלית״, — וועגן אַ פּאָר נייע שטיוול פון דער בעסטער קאַלבסלעדער.

פּזשילינק ליגט אויפן וועג קיין קאַלבושאָוו. דער שאָסיי וואָס גייט דאָרט אַדורך איז אַ זאַמדיקער. באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, וואַלד איין וואַלד אויס.

אין פּזשילינק איז עוזר געווען אַ שם דבר. סגאַיעס האָט זיך מיט אים געציילט... ווען ער איז געווען קוים אַ צוואַנציקער איז ער געוואָרן „אַ שטעלער״ (אַ פּריזיוווניק) כדי, נישט צו גיין צו די זעלנער האָט ער גענומען אַ שפּילקע און אַ שפּיגעלע. דאָס שפּיגעלע אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטערברעט און דערנאָך, היידאַ, אַ כאַפּ געטאָן די שפּילקע און זיך מיט איר אַ שטאָך געטאָן אין סאַמע הערצל

פון אויג־מענטשעלע און, ווען דאָס אויג איז אויסגערינען איז ער געוואָרן אויס זעלנער ביי קירה״ן דערפאַר, אַ חצי־בלינדער אויפן גאַנצן לעבן.

עוזר האָט אין זיין דאָרף געהאַנדלט מיט אַלעם. אַ מעטער קאָרן איז אַ מעטער קאָרן, אַ הון איז אַ הון, אַ קאַלב איז אַ קאַלב. כאָטש קיין קרעטשמע האָט ער נישט געהאַט און אַקציז האָט ער נישט גע־צאָלט, זיינען פויערים צו זיין שטוב געגאַנגען כאַפּן אַ טרונק, ווי נאָך מצה־וואַסער.

צענדליקער וועגלעך און שטעגלעך האָבן די אַרומיקע וועלדער און פעלדער דורכגעשניטן און אַלע האָבן געפירט צו עוזרס שטוב. די שטעגן האָבן זיך געשלענגלט ווי די פוקס־וועגן, דאָס האָט זיך דער־פון גענומען, וואָס שפּעט אין דער נאַכט זיינען פון עוזרן אַהיים געגאַנגען טויט־שיכורע גויים.

עוזר האָט געלעבט מיט זיין מסחר, מיט זיינע מענטשלעכע באַ־דערפענישן און מיט זיין געגנט.

אויפגעהויבן האָט ער זיך דריי אַזייגער פאַרטאָג. ווינטער איז ער געגאַנגען שלאָפן — פיר אַ זייגער ביי טאָג. איבערלאָזנדיק די בראָנפן־מסחרים די זין זיינע.

תמיד איז פאַר אים געווען דאָס עסן גוט, דאָס געלעגער ווייך און וואַרעם. ווינטער האָט ער גערן געהאַט די שניידענדיקע פרעסט, זומער די היצן. איבער אַלעם אָבער האָט ער ליב געהאַט: גיין צו פיס.

צענדליקער קילאָמעטער גיין האָט ביי אים געהייסן, אַ „שפּרונג״, אַ „טאַנץ איבערן וועלדל״.

עוזרס שטוב איז געשטאַנען אין סאַמע וואַלד. דאָרט איז די ערד געווען אַ דורכגעפלאָכטענע מיט וואָרצלען, אַ באַהאַנגענע מיט צווייגן. צווישן די פאַרפלעכטענישן איז געלעגן אַ פאַרגליווערטע זון, אַ פאַרגעסענער שאָטן.

צווישן די געדעכטענישן האָבן זיך געשנירלט סטושעשקעס, אויף זיי זיינען אין די פאַרטאָגן געגאַנגען מיידלעך. ווער אין אַ ווייטן קאָשטשאָל, ווער ס׳האָט געטריבן ס׳בהמות אויף אַ בלאָניע אַרויס. און אַנדערע זיינען געגאַנגען יאַגדעס קלייבן.

אויף זיי דאָס, האָט אין די זומערדיקע פאַרטאָגן עוזר געלויערט. אים איז געגנוג געווען אָנצוטרינקען זיך מיטן ווייכן גערויש וואָס די מייד־לעכס באָרוויסע טריט האָבן איבערגעלאָזט אין גראָז, אַז דאָס לעפל פון זיין בלינד אויג זאָל זיך אָנצינדן.

אין אַ שיינעם העלן זומער־טאָג, איז עוזר פּזשילינקער אונטער־געפאָרן צו ליפּעס שטוב. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָט ער גע־ברענגט זיין ווייב דבורה צום דאָקטאָר.

ליפּע האָט געהאָלפן אַראָפּטראָגן די קראַנקע. מען האָט זי אַוועק־געלייגט אויף מאָלעס בעט.

דער דאָקטאָר פראַנק איז געקומען, געגעבן אַ קוק און געזאָגט:

— אַ ראַק!

באַלד האָט מאָלע עס צעטראָגן איבער דער שטאָט:

—דבורה פּזשילינקער ליגט ביי אונדז. פראַנק האָט געזאָגט, אַ ראַק.

— אַז פראַנק זאָגט, ווייסט ער, וואָס ער זאָגט — האָבן מענטשן געענטפערט.

עוזרס אַלע קינדער זיינען געקומען צו פאָרן און זיינען אַוועק־געפאָרן. אַ שטוב קען מען דאָך נישט לאָזן הפקר... נאָך אין אַ צייט וועט האָזן און קיניגלעך פעלן, זיינען מיט גאָלד גלייך...

געבליבן מיט דער קראַנקער איז ביילע, דבורהס עלטסטע טאָכטער. צי איז עס געווען, וואָס ער ליפּע האָט געזען ווי דבורה גייט אויס, צי סתם אַזוי, נאָר ער האָט דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט צו ביילען, אין דער נאַכט ווען איר מוטער איז געשטאָרבן.

דבורהס בליק איז געווען קלאָר, דורכזיכטיק און ער האָט גע־קוקט אַ מענטשן דורך און דורך.

ליפּע האָט געהערט ווי דער קראַנקערס האַרץ זעגט און זעגט. אַ זעג אַרויף, אַ זעג אַראָפּ! ווי לאַנג וועט עס געדויערן ביז דאָס האַרץ וועט דורכשניידן זיך דעם וועג צו דער אייביקייט?

די שטוב וואו די קראַנקע איז געלעגן איז געווען אָנגעפילט מיטן ריח פון נאַסע האַנטעכער געגעצטע אין עסיג. און פון די מעדיצינען איז די לופט געדעכט געווען ווי בוימל.

שעהן איז ליפּע און ביילע געזעסן ביי דער קראַנקער, געזען ווי זי גייט אויס ווי אַ ליכט. ליפּע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. ווי אויף דער

האַנט האָט ער געקענט באַווייזן, וואָס מ׳שטיינסגעזאָגט עס איז ווערט דעם מענטשנס לעבן. אַדרבה, גיט אַ קוק אויף דבורהן. אָ, ווי וואָלט ער אַצינד געררופן די גבירים פון שטאָט, די שיינע יידלעך די רויבער. זאָלן זיי קומען און זען וואָס פאַראַ ווערט עס האָט זייער געלט און ייחוס, זייער חכמה און איינרעדעניש, זייער בלאָזן זיך און גרויסן זיך. אָ, גאָרנישט, נעמט מיט אַ מענטש אויף יענער וועלט אַ חוץ מעשים טובים!

וואָלט ביילע נישט געווען אַזוי פאַרקלאָגט, פאַרוויינט, וואָלט ער איר טאַקע געזאָגט וואָס עס טראַכט זיך אים אין דער מינוט, ווען די מוטער אירע שטאַרבט.

ליפּע איז צוגעגאַנגען צום שענקל אַרויסגענומען דאָס „שפת אמת סידורל, האָט אויפגעמישט תהילים און געזאָגט אויפן קול.

די קראַנקע האָט אים נאָכגעשיקט איר בליק פול מיט דאַנקבאַר־קייט, ווי זי וואָלט מיט די אויגן געבעטן:

— קוק ליפּע אויף מיין ביילען. אַ פאַרזעסן מיידל איז זי. גאָטעניו אין ווענמענס הענט לאָז איך זי איבער? אין עוזרס?

ליפּע האָט דערהערט דער שטאַרבנדיקערס נישט־אַרויסגעזאָגטע ווערטער, און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ באַנגע פרייד, און די טרוי־עריקע פרייד האָט זיך אין אים צוזאַמענגעגאָסן מיט אַזאַ שוואַרצן צער וואָס קען אַ האַרץ פון אייזן שמעלצן.

דאָס איז דאָס דער צער פון אַ מענטש וואָס ליגט אויפן טויטן־בעט, דער צער פון אַ מענטש וואָס שווימט אַוועק פון דער וועלט, געטראָגן אויפן שוואַרצן טייך, אין דער אומענדלעכער נאַכט פון טויט און פאַרגעסונג.

אַ מינוט נאָך אַ מינוט איז געפלאָסן.
ביילע איז געשטאַנען און געווישט מיטן האַנטוך דעם שווייס פון דער מוטערס שטערן.

מען האָט געזען, אַז מיט אַ יעדן באַוועג פון איר האַנט ווישט זי אָפּ, ווי אַ שריפט פון אַ שרייב־טאָוול, דאָס לעבן פון איר מוטער.

ס׳זיינען געקומען נאַכט־שאָטנס. זיי זיינען געקומען פון די ווענט אַראָפּ, און געלייגט זיך אויפן בעט פון דער קראַנקער. אַזוי, אַז באַלד

איז קיינער מער נישט געליגן אויף דעם ביסל שטרוי — נאָר אַ בעטגעוואַנטל, אַ האַלב פונט די וואָג, אַ קישן און גאָר נישט מער!

דער גורל פון מענטש איז אין די קאַלענדאַרן פאַרשריבן. אַזוי יעדנפאַלס האָט ליפּע געגלייבט.

זינטביילע איז צוריק אַהיים קיין פּזשילניק האָט ער מיט ציטערדיקע הענט געריסן טאָג נאָך טאָג די בלעטלעך פון לוח.

זיינס אַ נאָענטער שכן האָט אויסגערעכנט: „לויט די מזלות וועסטו ליפּע חתונה האָבן צוויי וואָכן פאַר פסח, מיט אַ בתולה, וואָס האָט אין דיין שטוב באַקלאָגט דעם טויט פון איר מאַמען”.

אַזוי איז טאַקע געשען! ליפּע האָט חתונה געהאַט צוויי וואָכן פאַר פסח מיט ביילען, עוזר פּזשילינקערס טאָכטער.

ליפּע איז אַריינגעקראָכן אין אַ שפּאָגל נייע בעקעשע, אין הויזן מיט אַ פּרעס. ס׳האָט פון אים געשמעקט מיט ניי צייגנס.

אין בית המדרש זיינען רעדלעך געשטאַנען אַרום אים און באַוואונדערט דעם נייעם טערקישן טלית, די עטרה וואָס האָט געפינקלט אין זילבער.

אָט די פרייד פון אַ חתונה געהאַטן האָט ביי ליפּען אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי יאָר. דער ריח פון צייגנס איז איבער דער צייט אים נאָכגעגאַנגען ביז ביילע האָט אים געבוירן דעם ערשטן זון.

נאָך אַ יאָר האָט זי געבוירן דעם צווייטן זון, נאָך אַ יאָר דעם דריטן.

יונגען, שטאַרקע ווי די בערן. ווי שלאַנגען האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די קישנס — ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרויס פון די בעטן און ווערן מיט איין קנאַק שוסטער־יונגען...

ווייניק איז פאַר זיי געווען די מוטערס שטאַרקע ברוסט. ווייניק, די שטיקער צוקער, וואָס ביילע האָט אין שמאַטעס אַריינגעלייגט און געגעבן זיי צו סמאָטשקען.

אַריינגעצויגן האָט זיך ליפּע אין אַ הויז אַ מפּולת. אַ שטוב וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַלעבאָס.

די בודע איז געשטאַנען אונטער אורי סופרס מויער.

אַוועק אַ יאָר צוויי, איז ליפּע געוואָרן ברייטער, צעגאָסענער, די הענט האַרטער פון דער אַרבעט; פון ציען די דראַטוועס איז דער נאָגל פון גראָבן פינגער געוואָרן מגושמדיקער און פאַרגעלבט.

די באָרד איז אים געוואָרן געדעכטער און לענגער, זי האָט פאַרלוירן דעם פרישן גלאַנץ. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט וואַסער און אונטער זיי האָבן געהאָנגען צוויי פאַרדעכטיקע טאָרבע־לעך...

די איינציקע שטוב אין וועלכער ליפּע האָט געוואוינט איז תמיד געווען אָנגעוואָרפן מיט קאָפּיטעס. אַלטע, צעביסענע פון אומאויפ־הערלעכן נוצן זיי. אַ הון האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב. אַן איינ־ציקע, אַ מיוחסת. גראָד דעמאָלט, ווען ליפּע האָט גערעדט מיט אַ קונה האָט זי אָנגעהויבן רעדן אויף איר הינער־לשון.

דאָס אויסגעטרוימטע „פרישע איי פון מיין אייגענער הון" האָט דאָס עוף נאָר געוואָלט לייגן אין ביילעס בעט אונטערן בעטגעוואַנט אין דער רעכטער זייט.

אַ טאָג פאַרן לייגן האָט זיך די הון געגרייט, אַ טאָג נאָך דעם, האָט זי נאָך אַלץ געקוואָקעט נישט קענענדיק פאַרגעסן דאָס איי, וואָס זי האָט צושטייער געגעבן צום קליינעם־באָרשט.

ליפּעס דריי יונגען זיינען אויסגעוואַקסן ווי דריי אומרוען. אין אַלע דריי האָט מען דערקענט עוזר פּזשילינקער, יונגען, מיט „פּאַנטע" (ברייטע) נעז, באַשיטע מיט זומער־שפּרענקעלעך. די האָר אויף זייערע קעפּ זיינען אַראָפּגעוואַקסן שפּיציק ווי שפּיזלעך אַראָפּגערוקטע אויפן שטערן.

אין אָט דער אָרעמקייט און מיט אָט די דריי בנים איז ליפּע אַריינגעפּאַרן אין וואַלד פון לעבן.

ווער אין שטאָט ביי אונדז האָט נישט געקענט חיימל פּאָדאַניע־שרייבער, אַ געשניצט יידעלע ווי פון האָלץ. אַ פּנימל געמאָלט אויף רויט און געטאָקט ווי אַ געטשקע.

אַלץ אויף אים איז געווען קיילעכיק. דאָס פּנימל, די אייגלעך, די הענט און פיס, דאָס קורץ צוגעשוירענע בערדל און די צוויי גע־לאָקטע פּאהלעך.

געּרעדט האָט חיימל טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ ייד מיט באָרד און פּאהס, האַלב פּויליש, האַלב יידיש, און דאָס מיט דער שפּראַך פון פּאָדאַניעס, וועלכע ער האָט אין די צענדליקער, יעדן טאָג מיט דער געציקלטער האַנטשריפט געשריבן.

וואו אַ געזעץ, וואו אַ פּאַראַגראַף, האָט ער זיי געקענט פון אויסנ־ווייניק. מיט אַלע קאָמענטאַרן, צוגעגעבענע און אָראָפּגענומענע, קלאָרע און נישט קלאָרע.

חיימלס קעשענעס זיינען תמיד פול געווען מיט אַקטן, מיט צושטעל־צעטלעך, מיט ספּראַוועס און עקזעקוציעס.

אויסגעקאָכט מיט אַלע סענדזשעס, מיט אַלע געריכט שרייבערס.

וואו נאָר אַ מחלוקה דאָ חיימל. אַ גאָלדענער פּאַרגלייכער און אויסגלייכער.

מיט איין וואָרט, חיימל האָט דאָס בייטשל פון געזעץ געהאַלטן אין זיינע הענט.

צו די אַלע „גוטע זאַכן" איז חיימל געווען אַ פרומער. נישט חלילה אַ לערנער, אַ „כניאָק", נאָר אַ דאַווענער, אַ תהילים זאָגער און אַן אַריינקוקער אין אַ משניות אָדער עין יעקב.

אַמאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָט זיך חיימל באַוויזן לעבן דער שטוב וואו ליפּע שוסטער האָט געוואוינט.

שטיל, פרום, פאַרטראַכט. עפּעס אַזוי, ווי מען גייט צו מנחה מעריב.

צוערשט האָט ער אָרומגעשמעקט דאָס הויז פון אַלע זייטן. אַזוי לאַנג, ביז די איינוואוינער פון דער בודע האָבן אים דערזען:

— אָ, עפּעס נייעס! ר' חיים, וואָס טוט איר דאָ? אַז ר' חיים איז צו אונדז געקומען איז עפּעס נייעס! האָבן זיי געפרעגט.

ליפּע איז חיימלען אַקעגן געגאַנגען מיט אַן אָפענער האַנט — מע זאָל אַזוי האָבן גוטס ווי יעך האָב געוואוסט, אַז עס וועט ווער צו אונדז קומען. אַ סראָקע האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון מיין פענצטער.

— וואָס נייעס? ווען נייעס? — האָט חיימל אויסגעקליגלט אַן ענטפער — יעך בין דורכגעגאַנגען, האָב יעך געגעבן אַ קוק, פּראָשע פּאַנאַ, פּראָשע. וואָס מע טאָר נישט אַמאָל דאָגלאָנדיען צו היימישע מענטשן? אַזאָלכע פּריצים זענט עץ?

— אַדרבה, ר' חיים, אַז אַזאַ גוט יאָר אויף מיר, ווי גוט איר האָט געטאָן. — האָט ליפּע געענטפערט.

— האָסט אַ גוטע דירה ליפּע? —

— וואָס אַ דירה? אַ קבירה! אַ לאָך, אַז מען ליגט ביים לעבן באַגראָבן. נאָר ווי זאָגט די מאַמע מיינע: „אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין".

— גלייב מיר ליפּע — האָט חיימל געענטפערט — מיין דירה איז נישט בעסער. ס'הייסט, בעסער איז זי יאָ, פּראָשע פּאַנאַ, נאָר צרות האָט מע פון איר. זי האָט מיך שוין געקאָסט ממים און דמים, ווי זאָגט נפתלי דרילעך, דמים, תרתי משמע, כע־כע — מע דאַרף וויסן, וואָס אין די דראָבנע אותיות שטייט געשריבן, פּראָשע פּאַנאַ! קומסט אַמאָל הערן נפתלי דרילעך לערנען חומש רש"י שבת אין דער פרי, ליפּע? אַ „האָך" געבילדעטער מאַן און ווי מע זאָגט זוויקשטאַל־ציעניעם — אַ פילאָזאָף! יאָ, צו וואָס שטייען מיר אין דרויסן? יעך דאַרף טאַקע ליפּע דו זאָלסט מיר אַ קוק טאָן אין שטיוול. ד"ר פראַנק פאַרשטייט זיך אויף אַ קרענק און דו אויף שטיוול. נו, נו, קום אַריין לאָז דיך נישט בעטן?

אַריין צו ליפּען, האָט זיך חיימל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליין שוסטער בענקעלע און ווידער געדרייט דעם קאָפּ:

—דער מענטש איז אַזוי פאַריאָגט, פּראָשע פּאַנאַ, אַז ער פילט נישט, אַז אַ פּיצינקע בעגעלע שטעקט אין שטיוול און שטעכט און שטעכט... יאָ, דו זאָגסט דירות. פון דירות האָט מע בעזוווזגלענדיגע צרות, פּראָשע פּאַנאַ. נו, האָסט גאָר נישט אַזאַ שלעכטע דירה. אויס־צוהאַלטן! דאָ וויטשימאַניאַ! הלוואי, ווייטער נישט ערגער! אַ מענטש איז אַ מענטש און מען קען נישט וויסן וואָס דער מאָרגן ברענגט, פּראָשע פּאַנאַ.

חיימל האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם רעכטן שטיוול פון פוס, דער־לאַנגט אים ליפּען און ווידער פאַרהאָגלט מיט אַ מבול רייד:

— פאַרוואָס עפנט איר נישט די פענצטער? מאָדערנע מענטשן האַלטן די פענצטער אָפן. טשעבאַ זשישץ ז'ציאַסעם, פּראָשע פּאַנאַ. דערלאַנג ליפּע דעם שטיוול מיטן האַמער איבערן קאָפּ!

אין דער צייט, ווען ליפּע האָט אַריינגעשטופּט אין שטיוול די אויגן זיינע, די באָרד און „ס'גאַנצע לייב און לעבן", האָט זיך חיימל

אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. אַ דריי געטאָן מיטן נעזל, באַשמעקט דעם סופיט, ווענט, פענצטער. אונטער געהוסט האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

—יעד זאָג, אַז אַ דירה דאַרף אַ באַלעבאָס ווי אַ בלינדער דאַרף אַן אויג פּראַשע פּאַנאַ. (ביי די ווערטער האָט חיימל אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל פון קעשענע) רחמים האָב יעך זעך געבעטן ביים גערעכט — האָקט מיר נישט אַ קאָפּ מיט זיין ווערמענס אַן אַפּיעקון און נאָך מער אויף אַ פרעמדער שטוב וואו מענטשן האָבן זיך אָפּגעווינט צו צאָלן דירה־געלט. ווייניק האָב איך אייגענע קלאָפּאָטן. אָבער לויט די נייע רעגולאַציעס פון אַלטן געזעץ וועגן ירושהלאָזע אייגנטומס, קען אַ הויז נישט שטיין אָן אַ באַלעבאָס. אַ באַלעבאָס פּראַשע פּאַנאַ, מוז זיין! וויל דאָס גערעכט, יעד זאָל איבערנעמען דעם קלאָפּאָט. נאָר גאָר נישט, גאָט שטראָפט נישט מיט צוויי שטעקנס. אויב שוין אַן אַפּיעקון איז דאָך בעסער, אַז ס'איז עס חיים ווי דער אַנטיסעמיט מאַרצינעק! וואו דאָס ביסל „דזשאַדעס" האָט געוואוינט ביז היינט וועלן זיי ווייטער וואוינען. די מכות דירה־געלט, וואָס מען האָט געצאָלט ביז היינט, וועט איר ווייטער צאָלן. זיי ווילן אַן אַפּיעקון זאָל זיין אַן אַפּיעקון! אַזוי ווי מע שפּילט אַזוי דאַרף מע טאַנצן. דיך אַרט עס ליפּע וואָס יעך ווער אַפּיעקון איבער דער בודע? פאַרוואָס זאָל עס דיך אַרן? מילא, וועסטו אונטערשרייבן אין נאָמען פון אַלע וואָס וואוינען דאָ, איז הרי טוב, פּראַשע פּאַנאַ, און, אַז דו וועסט נישט אונטערשרייבן וועט עס דיר פּראַשע פּאַנאַ, עפּעס העלפן?

חיימל האָט ליפּען אונטערגעריקט דאָס פּאַפּירל אונטער דער נאָז.
— פאַרשטייסט צוויי ווערטער נישט מער — „ליפּע ווערטהיים".

ליפּע האָט אַרויסגעשלעפּט די שווערע, טעמפּע פאַרגליווערטע שליפּיעס פון שטיוול און מיט ברייטע פון אַרבעט צעאַקערטע הענט, האָט ער גענומען דעם בלייער אין האַנט איינגעטונקן אים אויף דער צינג און „אָנגעמאַזשגערט" דעם נאָמען זיינעם.

ווען נישט פון איין זייט פרייד פון דער אַנדערער אַן אומגליק, וואָלט חיימל גלייך ווי נאָר ער האָט אויסגענאַרט פון ליפּען די אונטערשריפט אונטערגעשטעלט אַ ליציטאַציע אויף דער בודע, געקויפט זי, די מפולת איינגעוואָרפן, און דעם פּלאַץ פאַר גוט געלט פאַרקויפט.

אָבער חימל האָט געהאַט קינדער וועלכע ער האָט געוואָלט פאַר־קנסן פאַר שיינע יונגעלייטלעך, פאַר סוחרימלעך, מיט געהאַקטע בערד־לעך „צו גאָט און צו לייט". האָט ער געוואַרט ביז ער וועט קענען די יידן „אין נחת" אַרויסוואַרפן פון זייערע היימען. די פרייד האָט זיך אים שנעל אונטערגערוקט. חימל האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מינדל. אין דער זעלבער צייט האָט געטראָפן אַן אומגליק מיט עוזר פּזשילינקער — ליפּעס שווער.

ס'האָט זיך געשטעלט אַ הייסער זומער. צווישן איינס און צוויי האָט ער זיך אויסגעצייטיקט. דער שניט אויף די פעלדער איז גע־קומען פרי. די נעכט ליכטיקע, מיט ווינטלעך און זשאַבע געקוואַ־קעריי.

פון דריי פאַרטאָג ביז האַלבער נאַכט זיינען געלעגן די פּויערים ביי זייער אַרבעט אויף די פעלדער.

פּויערים קוקן אין דער לבנה ווי אין אַ שפּיגל. אין איר זעען זיי אַ פאַרבלוטיקטן סערפּ. ווי זאַנגען פאַלן קעפּ פון זייערע שכנים־שונאים.

די לבנה איז אַ האַק, וואָס שפּאַלט קעפּ, די לבנה איז אַ זאַק וואו דעם שונאס קאָפּ ליגט אַ פאַרבלוטיקטער, דורכגעווייקט אין וואַרעם בלוט וואָס לעשט דעם דורשט צו מאָרד, מער ווי וואַסער און ברויט פאַר מאָגן.

די לבנה דערציילט. איר אויג איז פול מיט סודות, פול מיט טויזנטער געהיימנישן. די לבנה איז פאַררעטעריש. זי רעדט צו צו מאָרד און זאָגט אים אויס. אַ קוק אויף איר און שוין ווייסט מען ווער, ווען און וואו, איז דאָס פאַרברעכן באַגאַנגען געוואָרן.

אין איינע אַ נאַכט פון יענעם זומער האָט די לבנה אַריינגעקוקט אין אַ שפּאַרונע פון עוזר'ס פאַרמאַכטע לאַדנס. איר שפּיזל האָט גע־וויזן ווי עוזר פּזשילינקער און זיינע צוויי זין ליגן אין שטוב ביי זיך אויף דער פאָדלאָגע געשאָכטענע.

זי די לבנה איז מיט איר בליק נאָכגעלאָפן וואָיצעך זשיעמבאַ, ווען ער איז מיט אַ דימיאָן אַקעגן אַרויסגעלאָפן פון עוזר'ס שטוב און פאַרשוואונדן אין די געדעכטענישן פון נאָענטן וואַלד.

צו דער שטאָט איז ערשט דערגאַנגען די נייעס פון דער שרעק־לעכער רציחה צו מאָרגנס נאָכמיטיק.

מ׳האָט עוזר פּזשילינקער, און זיינע צוויי זין געהרגעט!

איבער די גאַסן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערניש. סיי דער הימל, סיי דער קאָליר פון די יידישע אויגן איז געוואָרן אימהדיק, און מיט פּחד פול.

אַלע צאַנקערייען צווישן ייד און ייד אויסגעגליכן, אַלע שנאהס אויסגעמעקט, אַלע ווייטקייטן — נאָענט. אַ וואָרעמקייט פון מענטש מענטש האָט אין בלוט דורכגעריזלט און אַן אויפּריכטיקע ווייטיק איבער עוזרן און זיין משפּחה האָט אַלעמען באַהערשט.

די לופט איז אויפגעריסן געוואָרן פון ביילעס געשריי, ווי זי איז געלאָפן איבערן מאַרק, אַן איינגעהילטע אין ווייטיק, אין אַ טוך אויפן קאָפּ, און געשריגן אין אַ וויסטער אומענדלעכער ליידיקייט אַריין:

— טאַטע! גאָדל! איסר!

אַ וואַנזיניקע איז זי געלאָפן צו יענער שטוב אין וואַלד וואו ס׳איז געלעגן איר פאָטער און אירע צוויי ברידער.

פאַרנאַכט האָט חברה קדישא געברענגט די דריי הרוגים אין דורכגעווייקטע בלוטיקע ליילעכער. ווער ס׳האָט אין שטאָט געלעבט, פון אַ זויג־קינד ביז אַ זקן, איז געווען לעבן דעם פּורל מיט די הרוגים און אַן אומהיימלעך געוויין פון הונדערטער מענטשן האָט די הימלען געריסן. דאָס געוויין איז געווען ווי אַ שרעקלעכער אָנזאָג אויף צייטן פון שחיטות, אַ ביטער באַקלאָגן זיך אויף אַן אָנגעצייכנטן גורל וואָס דערוואַרט די מענטשן און זייערע קינדער.

אין גאַנצן אַ פּאָר וואָכן דערנאָך ווי עוזר פּזשילינקער איז אומ־געקומען, איז חיימל געזעסן ביי זיך אין דער דירה נאָך דער וויעטשערע און געזאָגט צו זיין טאָכטער מינדלען, וואָס איז ניי פון דער נאָדל אַוועק, אָקאָרשט געווען נאָך איר חתונה, אַזוי צו זאָגן: „צוויי חדשים וועל איך נאָך וואַרטן. וואָס יעד בין דען אַ גזלן אין וואַלד, אַז יעך זאָל

גייִן אויף יענעמס לעבן? נאָר צוויי חדשים איז אַ היבשע צייט. מער קען יעך נישט! וואָס יעך בין דער געזעצט אויף תיקון מדינה און יעך קען געבן ליפען אַ דירה אויף אייביק? יעך פאַרשטיי, אַן אָרעמאַן, קען יעך אויך צושטייער געבן אַ פּאָר זלאָטעס. וואָס יעך בין דאָס דער גביר?״

אַזוי האָט חיימל געזאָגט צו זיין טאָכטער מינדלען, וואָס איז געזעסן און געוואַרט אויף איר מאַן, וואָס דאַרף אָט, אָט קומען פון שיעור, פון גרויסן בית־המדרש, וואו ער האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא נאָך מנחה מעריב.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע וואָס איז געוואויר געוואָרן, אַז חיימל גרייט זיך אַרויסצוואוואַרפן ליפען, און די שכנים זיינע, פון די דירות איז געוועזן מאַלע, ליפעס שוועסטער.

זי האָט צוגעוואַרט ביז שבת. און שבת איז זי אַוועק צו ליפען. צוערשט, געשאָלטן אירע באַלעבאָטים „וואָס זאָלן אַזוי כח האָבן אַרומ־צוגיין אויף זייערע פיס, ווי זי האָט כח״. און דערנאָך, האָט זי אַלץ דערציילט וואָס זי ווייסט וועגן דער דירה.

ביילע, אַ פאַרקלאָגטע נאָך פון איר גרויסן בראָך, האָט זיך ערשט אויף גוטן צעהעשיעט. זי האָט געוויינט מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַלע אברים.

האָט מאַלען אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות אויף איר שווע־גערין און נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן האָט זי אויפגעהויבן איר האַנט און אין איין אָטעם אַ צייל אַדורכגעגעבן אויף די פינגער בזה הלשון: — וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי, נאַרישע ביילע? אַרויסוואַרפן וועט ער אייך ערשט אין חשוון. איז חשוון, כסלו, טבת שבט, אָדר, און ניסן קען מען שוין שלאָפן אין דרויסן. האָסטו נישט, וואָס צו קלאָגן אויף דיינע יונגע יאָרן!

ליפע האָט זיך נישט געזאָרגט. ערשטנס, האָט ער נישט געגלייבט, אַז חיימל וועט אים אַרויסוואַרפן און צווייטנס, איז אַזאַ טבע געוועזן ביי אים זיך נישט צו זאָרגן. בלויז ביילע האָט אים געוועקט אין די נעכט:

— ליפע, דו שלאָפסט? ווי קענסטו שלאָפן? מירן דאָך בלייבן מיט די קינדער אין דרויסן. פאַרוואָס זאָל יעך נישט גייִן קברים רייסן אויפן טאַטנס קבר? יעך וועל גייִן און אים אַלץ דערציילן, זאָל ער זיך פאַר אונדז מיען.

דער ווינטער איז געווען אַ קאַרגער אין שניי. דער ווינט האָט פּאַר בחצי חינם אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן אַ שטויב, וואָס ער האָט ווי אַ דערויף, יעדן דורכגייער — ווי מען גיט סחורה צו פאַרזוכן — אַ שיט געטאָן אין די אויגן. אין איינעם פון אַזאַ „וואויל־באַקומענדיקן" טאָג איז צו ליפּעס בודע געקומען אַ געריכטס סעקוועסטער און דריי גוישע אַרבעטער. זיי זיינען געקומען און גענומען איינוואַרפן דאָס הויז.

ווי נאָר די אַרבעטער זיינען אַרויף אויפן דאַך האָט דער ווינט — ווי אָפּגערעדט — דער ערשטער, אַ נעם געטאָן זיך צו די שינדלען און צוזאַמען מיט די גוים אָנגעהויבן מיט אַ בייסיקער פרייד זיי אַראָפּ שליידערן אויפן קליינעם פּלאַץ פאַר דער בודע.

פינף מינוטן, נישט מער, און אַלע זיינען געשטאַנען אויף די פּיס. אַלע, נישט בלויז די איינוואוינער און נישט בלויז די נאָענטע און ווייטע שכנים, נאָר מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער צייט נישט ווייט פון אָרט פונעם פאַרברעכן.

אַ שאַנד, נאָך מער צער און אַ ווייטיק צו דערציילן וועגן דעם געשריי, וואָס עס האָבן אויפגעהויבן די מענער, די קולות פון ווייבער און דאָס ביטערע קינדערשע געוויין.

ליפּע, ביילע, כיעל, זייער יונגסטער זון דער צוציק, און זרחל, און געלע די אַלמנה, וואָס האָט געוואוינט קעגן איבער ליפּעס טיר, זיינען אַרויף אויפן דאַך און אָנגעהויבן אַ געשלעג אויף טויט און לעבן!

הענט קעגן הענט, לייבער קעגן לייבער, אַ ייד קעגן אַ געדונגענעם גוי. אַזוי, אַז די וואָס זיינען געשטאַנען און אַרויפגעקוקט אויפן דאַך, האָבן אין דעם קנויל פון לייבער מער נישט געוואוסט ווער עס שלאָגט וועמען.

אונטן איז געשטאַנען דער סעקוועסטער וואַנאַטאָוויטש מיט אַ פּאַק אַקטן אין דער האַנט און נישט אויפגעהערט אַרויפשרייען צו די וואָס האָבן זיך געשלאָגן: — אין נאָמען פון דער פּראַווע, איר הערט, אין נאָמען...!"

*

אין גרויסן בית־המדרש האָט מען זיך אין יענעם פרימאָרגן געגרייט צום דריטן מנין עס איז שוין געווען הויך אין טאָג אַריין. חיימל האָט דעמאָלט געדאַוונט מיט די שאַרפע חסידים...

ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פאַרוואָרפן דעם טלית איבער די אַקסלען. די לינקע האַנט אַנטבלויזט און ער, חימל, האָט געדרייט די רצועות פון די תפילין זיבן מאָל איבערן כשרן פלייש זיינעם.

חימלס ליפּן האָבן מיידליש געפּרעפּלט. די ליפּן זיינע האָבן זיך געשמאָלצן פון נחת פון זאָגן די תפילה, באַזענפט, און זיך צוגעברומט אַ הייליק שטיל ניגונדל. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געקושט זיין לינקע האַנט. די רעכטע האַנט האָט מקנא געווען די לינקע, וואָס זי טראָגט אויף זיך דעם של יד. הייליק איז טאַקע געווען חימלס לינקע האַנט, וואָס האָט קיינמאָל קיין פּאַדאַניע נישט געשריבן. טריפה די רעכטע, די מזוזה קושערין, די פּאַדאַניע שרייבערין...

דערנאָך האָט חימל אַוועקגעשטעלט זיך דאַווענען. שנעל האָט ער געשלונגען די קרבנות:

— תנו רבנן, פּטום הקטורת כיצד, פּם, פּם, פּטום, כ, צ, צ, — אָט האָט ער פון דאַווענען זיינעם אַרויסגעכאַפּט אַ ציגעלע, אַ ביסל קטורת און עס געמישט מיט דעם שאַרפן אַדוואָקאַטישן ציגל, — שנעל, שנעל, קוים אַ וואָרט צו דערכאַפּן. אַזוי האָט ער געדאַוונט און יעדער ווייל צוגעוואָרפן דעם בעל־תּפילה ווי אַ גוטע פאַרדינטע מינץ „אַ ברוך הוא, און אַ ברוך שמו”...

פּלוצעם אין מיטן פון גרויסן בחינמדיקן, געטלעכן תענוג האָט זיך אויפגעריסן די טיר פון בית־המדרש און אַ מחנה מענער און ווייבער זיינען אַריינגעפאַלן אָן אַ אָטעם, און מיט אַ געשריי, אַז די מתפללים זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער!

דער ערשטער פון די אַריינלויפער איז געווען ליפּע. נישט גע־ווען אים צו דערקענען. אָן אַ ראָק האָט ער אַריינגעפּראַלט אין בית־המדרש. נאָך אים, בערל „תורה־קאָפּ”, געלע, די פעדערן פליקערן. נאָך זיי, אַ מחנה אָרעמע ווייבער, אָפּגעשליסענע מיידן, יונגען, פייגל־שיסערס, טויבן־האָדעווער. אַלע האָבן געשריגן מיט באַנומענע קולות, אויף אַלע צוגעטראַכטע לשונות, געפּייפט און געברומט:

— זעט, דאָ איז ער דאָך! — אָט האָט איר אים! אַ רוח אין זיין... — ער דאַוונט גאָר! הוראַ! הוראַ! ער דאַוונט, גאַטס גנב! אַ רוח אין דיינע טריפענע ביינער אַריין!

איידער די מתפללים האָבן צייט געהאַט זיך אומצוקוקן וואָס עס איז געשען איז ליפּע אַרויף אויף חימלען מיט אַ שטאַרקייט פון

אַ פּיפּערנאָטער פון טייטש־חומש, פון די לעמפּערטס פון „מכירת־יוסף" שפּיל.

די מיידן און יונגען וועלכע זיינען אַ מינוט שפּעטער אַריין אין בית־המדרש זיינען פאַרבליפט געבליבן שטיין צוזעענדיק ווי ליפּע פאַלט אַן אויף חיימלען. באַלד אָבער האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דאָס שטייען זיי און טוען גאָרנישט; האָבן זיי אַלע אַ הויב געטאָן זייערע געביילטע פויסטן, און איינמאָל, און צוויי מאָל, און אַזוי פיל מאָל, אַז מען האָט נישט געקענט מער איבערציילן; זיי האָבן געשלאָגן איבער חיימלס קאָפּ און איבער די אַקסלען ביז עמיצער פון קהל האָט אָנגע־הויבן שרייען: — גענוג, ליפּע, אַ גרענעץ! הערסט אַ גרענעץ!

ליפּע דער ערשטער, די מיידן און די יונגען נאָך אים, זיינען אָפּגעטראָטן פון חיימלען, און אים געלאָזט זיך אויפהייבן פון דער ערד.

בשעת ליפּע איז באַפאַלן חיימלען אין בית־המדרש, איז די שטוב ליפּעס געבליבן שטיין, אַז ס׳איז געווען אַ שרעק צו קוקן. אַ שטוב אָן אַ דאַך, אָרעם און פאַרשעמט, געלעגן איז איצט אויף איר דער קין־צייכן קעגן ליכט פון טאָג.

פון אין דער פרי ביז שפּעט האָבן אַרום דעם הויז נישט אויפגע־הערט זיך צו זאַמלען מענטשן. טייל זיינען געשטאַנען פאַרשטומט ווי פאַרשעמטע פאַר זיך אַליין. אַנדערע האָבן געגעבן עצות, דריטע האָבן געשאָלטן. ווייבער פון דער גאַנצער שטאָט צוזאַמענגעלאָפענע האָבן זיך אויסגעטענהט:

— אַז אַ ייד האָט יאַנדעס אַזעלכעס אָפּצוטאָן! ס׳איז עק וועלט!

— אַז אַזעלכעס איז מעגלעך, איז נישטאָ קיין גאָט אין הימל!

דער פראָסט און דער טרוקענער ווינט האָט זיך געשטאַרקט. ס׳גאַיעס איז נישט געקומען אין שטאָט. צייט איז געווען גענוג. דער־פאַר האָט מען זיך נישט אויפגעהערט צו שלאָגן. אַ יעדער ווייל איז דאָס געשלעג ווי אַ פייער אויסגעבראָכן אין אַן אַנדער טייל שטאָט.

טייל האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך איבער ליפּען נישט צע־רייסן דעם לעטניק! — דזשאַדעס זיינען דזשאַדעס — האָבן די דאָזיקע געזאָגט. — וועלן זיי נישט וואוינען דאָ, וועלן זיי וואוינען ערגעץ אַנדערש. — אַנדערע האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען מיט קולי

קולות — „סדום! סדום! אַז פֿאַרברענט זאָל ווערן אַזאַ שטאָט וואָס דערלאָזט אַזאַלכעס!"

שבת האָט זיך חיימל פּלוצעם באַוויזן ביים דאַווענען צו קבלת שבת, אַזוי זיך אַריינשפּאַצירט ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט. די מתפּללים זיינען אויפגעשטאַנען אַלע ווי איינער און שטיל אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש. חיימל מיט אַ מינע פון אַ צדיקל האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס אויסגעוואַשענע בערדל, אַ דריי געטאָן אַ פּאַהלע, אַרומגעקוקט זיך אין דער ציכטיקער העלער לייִדיקייט און ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט האָט ער אָנגעהויבן „שיר השירים אשר לשלומה..."

*

דער וועג האָט געפירט צום באַרג. ער האָט זיך דורכגעשנירט דורך אַ סאָסנע וואַלד, אַרויפגעשלענגלט און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טאָלעכל.

שורותביימער זיינען אַנטקעגן געגאַנגען דעם פורל, אויף וועלכן ליפּע איז געזעסן מיט זיין בני־בית.

די זון איז אַרויס העכער אויפן הימל, ווי אויך זי וואָלט אַוועק פון איר היימשטאָט, און געוואַנדערט מיט ליפּען אין דער אומבאַקאַנט־קייט.

ליפּע האָט נישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. מיט טויזנט געדאַנקען איז ער געווען פאַרנומען: „באמת, וואָס איז ביילע אַזוי פאַרזאָרגט? דעם שווערס שטוב אין פּזשילינק איז נאָך אַ גוטע, אַ יוסטע, מען דאַרף נאָר פאַרעכטן דעם דאָך. די קינדער זיינען שוין קיין עין הרע אונטערגעוואַקסענע, וועלן זיי אַרומלויפן אין דאָרף און אויפקויפן אַ מעטער קאָרן און אַ קינגל. פאַרקויפן ס'גאַיעס בראָנפן און ווידער וועט וועלט זיין וועלט..."

אין איינער אַ שטאָט

האַרטע שלעכטע מענטשן זיינען געווען די יידן פון יענער שטאָט. קאַרגע און בייזע צו זיך און צו דער גאַנצער וועלט.

דעמאָלט, ווען דער ערד־קיילעך האָט געהאָנגען אויף זיין גאַר־נישט; אָן וועגן, אָן באַנען — אַ פאַרמאַכטער עפּל: דעמאָלט זיינען די מענטשן געווען ווי שטאָמען, וואָס געניסן בלויז פון זון, רעגן און אייגענעם שאָטן.

די דאָזיקע יידן זיינען געווען פאַמעלעך אין זייער גאַנג. אַ וואָרט אַ פּערל, קלוגע ווי די פוקסן, האָבן זיי געוואוסט, ווי אַזוי טאָג נאָך טאָג אויסצוהאָרעווען ס׳טעגלעכע ברויט זייערס.

פרי האָט זיך אָנגעהויבן אין דער שטאָט דער טאָג. ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, האָבן אים שוין צוגעוואונקען היי־מישע ליכטלעך פון די שטאָטישע פענצטער. אָבער גאָר פרי איז צו־געפאַלן אַ מידע און פינצטערע די נאַכט. דערפאַר טאַקע, האָט מען דאָרט דאָס מזל פון מענטשן געטראָפן לויט די נאַכט־צייכנס אויפן הימל, לויט די שטילע טריט פון די חיות, וואָס האָבן אין די נעכט, ווי היימישע און אייגענע, דערנענטערט זיך צום ישוב, און — לויט דעם ביטערן סאָווע־געוויין אין געפלעכט פון צווייגן אין קלויסטער־גאָרטן.

דער קערן פון דער שטאָט איז געווען אַ גרויסער קיילעכקער מאַרק. אַרום און אַרום איינפאַר־הייזער. תמיד פאַרזונקענע אין בלאָ־טעס.

אַרום דעם מאַרק, אָן אַ סדר, צעוואָרפן איבער פאַסטוויסקעס, זיי־נען געשטאַנען אירע גאַסן. הייזער ווי טורעמס, ווי וועכטער, וואָס קוקן אין די ווייטקייטן און שנאַפן אויס די געפאַר, וואָס לויערט אויפן ישוב פון ערגעץ שטום און פאַרביסן.

אין די הייזער האָבן געוואוינט יידן מיט זייערע קינדער און ווייבער. ווייבער אוסגעקינדלטע, צעגאָסענע, אָדער אויסגעדרענגטע, ווי האַרטע לייוונט־וועש, אָנגעגעסענע מיט קללות און פאַרביטערונג. די מענער — אין קורצע, קאָלירטע שפּענצערס, די קעפּ אין יאַרמול־קעס, און אויף די לענדן האָבן זיי געטראָגן לאַנגע ארבע־כנפותן.

אין די שטובן אין יענער שטאָט האָט מען קיין ספר נישט הויך געפּרייזט. מער האָט מען געהאַלטן פון די קמיעות אויף די ווענט, וואָס זיינען געהאָנגען פון איין קימפּעט צו דער צווייטער. ליבער האָט מען געהאַט האַנט־געצייג: אַ שפּאָדל, אַ האַק, אַ זעג, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, צעבויגענע זאַוויאַסעס. מיט איין וואָרט, אַלץ, דאָס, וואָס וואָס דערמאָנט אַ בויען פון אַ הויז. איינגעזעסענע אין אָרט, און אין די אַלטע שטיבער, וואָס זיי האָבן פאַראַכטן — וואו נישט וואו אונ־טערגעשפּאַרט אַ בעליק, פאַרשמירט אַ וואַנט מיט ליים. האָבן זיך די חלומות פון די מענטשן געוויגט אין פּראָסטע, הילצערנע וויגן, גלייך מיט די קינדער, וואָס מען האָט געבוירן, מיט די אייניקלעך, וואָס מען האָט „געניאַנטשעט".

געהאַנדלט האָבן די יידן פון יענער שטאָט מיט תבואה, געווען צווישן זיי אויך שניידערס, ירידים־פאָרערס. די תבואה־סוחרים אָבער זיינען אין שטאָט געווען אַ העכערע ראַסע, אַן אָנזאָג אויף עשירות, וואָס קען נאָך אַ גוטן „פּזשעדנאָוועק" קומען.

געשיט האָט מען די תבואה אין אייגענע קאַמערן. נישט זעלטן אויך אין די שטובן אויף הויכע הויפנס, און געוואָרט מיט איר פאַר־קויף — ביז אַ קערנדל וועט ווערן אַ רענדל. דורך יאָרן האַרעוואַניע, האָט מען עס דערגרייכט און קיינמאָל דערפון קיין הנאה נישט געהאַט.

דער ערשטער וואָס איז אַן עושר געוואָרן, פון תבואה־מסחר איז געווען ר' בער גראָס. אַ הויכער, אַ גלייכער, אַ גרוילעכע באָרד האָט זיין פנים באַצירט.

אין אויג האָט געקוקט מיט אַזאַ אָפנקייט — גלייך ווי עס וואָלט דורכגעשטאָכן אַלץ. דאָס צווייטע — האָט פון אויגנלעפּל אַראָפּגע־האָנגען אַ שווערער וואָרצל. דאָס האָט געמאַכט, אַז געזען האָט דאָס אַלץ — אָבער אין אויג אַריינקוקן האָט מען נישט געקענט.

זומער, איז דער שלאָף געהאָנגען איבער דער שטאָט אַ ביסל לענגער. כאָטש דער מאָרגן האָט אויפגעבראָכן דריי אַ זייגער, זיינען

די מענטשן געלעגן אין די בעטן און געוואַרט צו הערן דעם פּאַסטוכס־האָרן, אָדער דעם ערשטן קלויסטער־קלאַנג. אין אַזאַ זונטיק פֿאַרטאָג האָבן זיי, די יידן פֿון דער שטאָט, פֿאַרשלאָפֿן אַ גליק, וואָס בער גראָס האָט געפֿונען. און אַלץ דערפֿאַר, ווייל געווען איז ער איידעלער, פֿרו־מער און מזלדיקער פֿון זיי.

די שכנים פֿון בער גראָס זיינען געווען געוואוינט ווינטער אויפֿ־צושטיין צווי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט, אָפּגיסן די פֿינגער מיט נעגל־וואַסער, אַ מורמל טאָן מודה אַני, און מיט אַ פּאַסנע שטיקל ברויט אין קעשענע לויפֿן אין דאָרף אַריין האַנדלען. בער גראָס איז געווען אַן אַנדערער. סיי אין שטוב האָט מען עס דערקענט, סיי אויף זיינע מלבושים. אַפֿילו אין טראַט, וואָס ער האָט געשטעלט אין גאַס, אָדער אין גלאַטן גלעט פֿון זיין האַנט אויף דער באָרד.

וויפֿיל מאָל האָט ר׳ בער גראָס אַן ווערטער אויסגעוויינט זיין פֿאַרטרוד׳קייט, זיין נישט זען גאָטס־וועלט און נישט קענען פֿון איר אַ הנאה האָבן. דערפֿאַר, האָט ער אין די זומערדיקע פֿאַרטאָגן זיך אויפֿ־געכאַפּט „כעלות" און אַרויס פֿון שטוב כאַפּן אַ פֿריש ביסל לופֿט און זאָגן : „מדאַסקע לדאָסקע", שערי ציון און תהילים.

אין אַזאַ פֿאַרטאָג איז איינמאָל געקומען אַ סוחר אַזש פֿון פּראָג. אַ גרויסער אָפּנעמער פֿון גערשטן פֿאַר טשעכישע ביר־ברויערייען. דורך אַ צופֿאַל האָט ער צו ר׳ בער גראָס געטראָפֿן, און אים געפֿרעגט :

— האָבן זי גערשטן צו פֿאַרקויפֿן ?

ביזן סוף פֿון ר׳ בערס לעבן, ביזן סוף פֿון זיינע קינדערס יאָרן, האָבן זיי דעם „האָבן זי גערשטן צו פֿאַרקויפֿן" איבערגעחזרט. אַזאַ טעם און אַזאַ אויסגעוויילטקייט פֿון גליק האָבן זיי אין די ווערטער געפֿונען.

אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך אין דער שטאָט די קעפּ געבראָכן, וואו פֿאַרט עס בער גראָס, וואָך נאָך וואָך אין דער ווייטער וועלט אַריין ? פֿון וואַנען דער ווייסער אויסגעפּרעסטער קאָלנער, די צע־קעמטע באָרד און אויסגעגלאַנצטע שטיוועלעטן אויף די פֿיס זיינע ?

ר׳ בער האָט געפֿילט אויף זיך די בליקן פֿון אַ גאַנצער שטאָט און מיט אַ שמייכל פֿלעגט ער זאָגן : „איר פֿאַרשטייט, ווען איך פֿאַרליר אין דער וועלט ביי מיינע מסחרים געלט, פֿאַר איך מיר אין אַ קאַטש פֿון דער באַן אין שטאָט אַריין. ווייל אין אמתן, אויב איך האָב האַרץ קלע־

מעניש פון מיינע הזיקות פאַרוואָס זאָל די שטאָט נישט האָבן האַרץ־קלעמעניש פון דעם וואָס מען זעט מיך אין אַ קאַטש? און אויב אין אַ קאַטש — קום איך דאָך אַן אַנגעפּאַקטער מיט פאַרדינסטן. האָב איך אין דער וועלט פאַרדינט ביי מיינע מסחרים, גיי איך מיר פון דער באַן צופּיס. ווייל אויב איך האָב אַ הנאה, פאַרוואָס זאָל די שטאָט אויך נישט הנאה האָבן?"

איינמאָל האָט אַ יאָר, פאַר תבואה־סוחרים קיין גוטס נישט אָנ־געזאָגט. אָנהויב זומער, פאַרטאָג נאָך פאַרטאָג, זיינען געפאַלן דער־פרישנדיקע רעגנס. דער הימל אַ זאַפּירענער האָט זיין טוי נישט גע־קאַרגט. דאָס גערעטעניש האָט געדראָט איבער דער שטאָט, ווי אַ הונגער, וואָס קען אַ יעדער ווילע אויסברעכן.

אין די שטאָט־מענטשן האָט מען עס דערקענט. די קופּעס פאַר־יאָריקע תבואות, וואָס זיינען אין די שטובן געלעגן, האָבן געהויערט ווי אַן אומגליק. אין די חלומות פון די מענטשן האָבן מילבן, וואָס קריכן פון די קערנער אַרויס, צעקראַכן זיך איבער די מוחות, זיי גע־לעכערט. דינע, זילבערנע פעדעם האָבן די קערנדלעך פון זיך גע־לאָזט. געוואַקסן און אַרויסגעצויגן די לעבנס־זאַפטן, דעם מאַרך פון די ביינער. בייז, הונגעריק, האָבן זיך אין די נעכט דערשלאָגן די מייז פון די ערד טיפעניש, זייער ציין־קריצן האָט זיך געהערט ווי אַ דורכ־שלאָגן פון אַ פאַרסמטן קוואַל, וואָס שטייגט צו די אויבערשטע ערד־שאָל.

אין דעם יאָר האָט זיך פאַר ר׳ בערן געעפנט דאָס פענצטער צו דער וועלט. שנעל איז זיין דאַליע געגאַנגען אַרויף, אַזוי, אַז באַלד האָט מען עס אויף אים דערקענט. ברייטער איז געוואָרן זיין באַלעבאַ־טישער שמייכל. ער האָט אָוועקגעשטעלט ניי מעבל אין די דריי צימערן. און אין דעם אַלטן הויז איז העלער געוואָרן. אין ר׳ בערס שלאָף־חדר האָט מען אויסגעמאָלן אויף דעם באַלקן אַ בלוי־ הימל־געוועלב מיט גילדענע שטערן, ווי אַ מילדע זומער־נאַכט אויפן הימל.

נידעריק, אומהיימלעך, זיינען געלעגן די הייזער אַרום ר׳ בערס שטוב. אין די אונטן האָט זיך זעלטן וואו געזען אַ פלעמל. דערשלאָגענע נאָכן שלעכטן זומער, זיינען די מענטשן אונטערן ערשטן שניי ווי די באַרסוקן איינגעשלאָפן, פאַרבאַרגנדיק טיף די שנאה צום איינציקן הויז, וואו ס׳איז געווען ברויט צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן.

ביז פאַמעלעך האָבן זיך די מענטשן אָנגעהויבן געוויינען מיט אָט דער רייכקייט, וואָס איז האַרט געלעגן לעבן זייער אָרעמקייט

און שפּלדיקייט. די שנאה איז אויסגעוואַקסן צו אַן אויבנאויפיקער איבערגעגעבנקייט, צו אַ הינטישער אונטערטעניקייט. אין די אָוונטן, ווען אין די אַרומיקע הייזער איז געווען קאַלט און פּוסט, זיינען די שכנים געוואָרן אַריינקומערס אין ר׳ בערס שטוב. מיט געפּערלטע ווערטער, פאַרשנירלטע ליפּן האָבן זיי געגעבן ברכות און ווינטשע־וואַניעס:

עלטערן זאָלט איר זיך ר׳ בער, מיט די נייע שיינע מעבלען ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

*

דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט צו ווידערשפּעניקן און נישט דולדן ר׳ בערס רייכקייט, נישט גלעטן און נישט בענטשן זי, איז געווען ניסן ברענער. אין מיטן מאַרק האָט ער געוואוינט. זיין הויז, אַ ברייטס מיט אַן אַריינפאָר, האָט געהאַט גלאַטע שוועלן מיט אַנגע־קלאַפּטע גליק־פאַדקאָוועס אויף זיי. ניסן איז מיט יאָרן צוריק גע־קומען אין שטאָט אַריין אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און מיט דערפאַרונגען אין תבואה־מסחר.

אין דאָרף פון וואַנען ער איז געקומען, האָט ער געהאַנדלט מיט פערד, הינער און מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ער פלעגט אויפ־קויפן פאַר אַ שיבוש ביי פּויערים דאָס גערעטעניש נאָך אין די ווינטער־חדשים, איידער ס׳קערנדל שפּאַלט זיך. ביז משוגעת איז ניסן געווען געוואָגט אין זיינע טואונגען. זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען, ווען ער האָט אין דאָרף גליני געוואוינט, האָרט ביי דער ווייסל, איז געווען ווי אַ פּיראַטן־שיף, וואָס איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אויפן זאַמד און שרעקט אַלע אַרום.

אַ ייד אַ שווימער, אַ ייד אַ גייער — אַלע מרחקים אין אַלע גע־פאַרן האָט ער געהאַט אין זיין זאַק. ביז ער האָט געמוזט פון דאָרף אַנטלויפן און אין שטאָט זיך באַזעצט. די שטאָט מענטשן, ווען זיי האָבן אויף אים ס׳ערשטע מאָל אַ קוק געטאָן זיינען נבהל ונשתומם געוואָרן. אַ נידעריקער, אַ ברייטער, מיט קורצע אָנגעדראָלענע הענט. אַ פּנים אַ שוואַרצס ווי ביי אַ נעגער, באַוואַקסן מיט בראָדעווקעס און וואָרצלען, און איינגעטוליעט אין אַ געדיכטער נישט־יידישער באָרד.

דעם ערשטן טאָג, גלייך ווי ער איז געוואָרן אין שטאָט באַלעבאָס און האָט מיט זיין אומרואיקן קול, מיט זיין שנעלן גיין און פאַכן

מיט די הענט, מיט זיין פלוצימדיקן אַריינפּאַלן אין אַ פרעמדער שטוב, שרייען, און מיט כעס צוריק פאַרקלאַפּן די טיר, האָט מען געזאָגט: „מיט דעם יידן וועט עס נישט זיין גלאַטיק". און אַזוי איז עס געווען.

פאַרטאָג, ווען ער האָט זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף, האָט מען געהערט פון זיין הויז אַ געשריי. דאָס האָט ער זיין ווייב, דבורה, און די בנים סתם געמקלט, אַזוי נישט־מיר, נישט־דיר, ווי מ'שלאָגט יונגע הינטלעך.

לויט זיין שטייגער און אופן איז ניסן געווען אַ „גערעכטיקייטס־זוכער", וואו אַן עוולה — איז ער געקומען מיט זיין גראָבן שטעקן, מיט זיין געשריי רעכט מאַכן. אַפילו ווען ער איז פרימאָרגן געגאַנגען מיטן תפילין־זאַק צום דאַווענען, האָט ער מיט אַזאַ האַסטיקייט דורכ־געשניטן דעם מאַרק, ווי ער וואָלט געלאָפן זיך מיט וועמען קריגן — מעג עס זיין מיט גאָט אַליין. אָבער איין מעלה האָט ניסן ברענער יאָ געהאַט. דאָס איז געווען זיין ליבע צו אַרבעט און געפאַרן. כאָטש שוין נישט קיין יינגל, האָט ער ביי אַ שרפה געקלעטערט איבער דע־כער און מויערן. די גבורה זיינע, תמיד אַ באַהאַלטענע, האָט זיך אין אַזאַ מינוט אויפגעהויבן און אַנטפּלעקט, ווי די צווייטע סטיכיע. מיט אַ הויך, געזונט געלעכטער איז ער געלאָפן די געפאַר אַנטקעגן און איר דערלאַנגט זיין האַנט ווי צו אַ געוועט, און ער האָט זיך מיט דער שרפה אַזוי ספּראַוועט, ביז ער האָט געלאָזט דאָס פייער צו זיינע פיס אונטערטעניק פאַלן, צעשאַרט עס עפּעס אַזוי ווי מען צעשאַרט פייער אין אַן אויוון. איז אַ ווינט געקומען, וואָס האָט עס מעכטיק צום הימל אַ טראָג געטאָן, איז ניסן צום פייערס הויכקייט אויף לייטערס, אויף ווענט נאָכגעשטיגן.

מענטשן האָבן געגאַפט, און דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן, זעענדיק אים הענגען אויף אַ ברענענדיקן בעליק, אָדער פאַרשוואונדן ווערן אין אַ בוידעם אַ פולן מיט רויך אין געפאַר, און פלוצעם — ניסן שטייט אויפן קוימן, און מיט אַן „אַסאַלקע" צערייסט ער דעם ברענענדיקן דאַך אונטער זיך.

מיט דעם זעלבן מעכטיקן מענערישן כוח האָט ער ליב געהאַט אַרבעט. אין די שעהן, ווען די שטאָט האָט זיך לייכט אָבער טיף געוויגט אין שלאָף האָט ניסן ברענער מיט זיינע ערשטע טריט צווישן קאַמערן און טויבנשלאַקן צעשראָקן די עופות און פייגל אין זייער

שלאָף. אַ פּלעמל אַ קליינס פון זיין לאַמטערן איז ביי אים אין פּאָד־וואָר אַרומגעשוואומען אין דער פּאַרטאַגיקער פינצטערניש, באַלד האָט זיך פון זיין תבואה־שפּייכלער געהערט אַ שיטן — דאָס איז ניסן איבער די אויערן געשטאַנען אין שטויב — איבערגעשיט די תבואות, אַז קיין מילבן זאָל אין זיי נישט נעסטן.

אין די זומער־נאָכמיטאָגן, ווען צו זיין אויפגעפּראַלטן שפּייכלער זיינען נישט צוגעפאָרן קיין פויערישע פורלעך — איז ניסן ביי דער טיר געשטאַנען, און מיט אַ שמייכלדיקן בליק, ווי אַ קאַץ קוקט נאָך אַ פויגל, מיט נייגיר, אַ צעקאָכטער ביזן לעצטן פּאָדעם נאָכגעקוקט יעדעס פּאַרביילויפנדיקע „קליידל״. מיט אַ שאַרפער וואָרעמקייט, אַן אַנגעבריטער פון הפקרדיקן וואַגאַבונדישן־געפיל, איז ער צו יעדער פרעמדער מויד צוגעלאָפן און אַ וואָרט — אַ פלאַם, אין אויער איר צוגעוואָרפן, אַז דאָס מיידל האָט זיך קוים פון זיינע הענט געראַ־טעוועט, און ער, אַ צעקייכטער פון לאַכן און אויפרעגונג, האָט איר נאָכגעשריגן אַזוינס, אַז פון קיין יידיש מויל זאָל מען עס נישט הערן!

*

דער צווייטער וואָס האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען ר׳ בערס נתעשר ווערן איז געווען ראובן פּעשיס.

ראובנס הויז איז געשטאַנען משופּע, צום טייך אַראָפּ, ווי די ערד וואָלט אויף דעם אָרט אַראָפּגעלאָזט איר שטאַרקן אַקסל און דאָס הויז געלאָזט הענגען אויף גאָרנישט. אָן דעם געוויכט, אָן דעם כוח, וואָס גרונטפעסטיקט הייזער און זאַכן צום כדור־הארץ. אַ הויז, אַן אַרויסגעוואָרפנס פון אַלע גאַסן.

דאָרט, אַרום דעם הויז, אַ דערטרינקענס אין דער פינצטערניש פון די נעכט, האָבן צוויי פלעמלעך פון ראובנס פענצטער, ווי בלינדע אויגן, געטאַפּט און געזוכט — אַן אָנהאַלטעניש אין גאָטס וועלט.

ער, ראובן, האָט געהאַט צוויי בנים און אַ ווייב, פּעשע די מילך־יידענע. אַ הויכע, אַ דאַרע און אויסגעטריקנטע. תמיד אַ באַ־האָנגענע מיט לאָכעס און בלאָטע פון דאָרפישע וועגן. אויף די פיס אַ פּאָר צעריסענע מענערישע שטויול. אַלע פיר, — טאַטע, מאַמע, אשר און משה, — זיינען געווען ווי פיר ווינטן, וואָס קומען פון פיר

זייטן. טאָג און נאַכט האָבן זיך אויף זיי די העמדער געקריגט. די גאָרג־לען זייערע אויסגעשריגענע, הייזעריקע פון שעלטן. די אויגן־נעסטן נאַסע, צעצונדענע, און די נעזער אויסגעצויגענע און רויטע פון שנייצן. יעדער מיט זיין בינטל גראָשנס באַהאַלטן ביי זיך. ס׳שטיקל ברויט — פאַרשטופט ערגעץ, אַז אַ צווייטער זאָל עס אים נישט אויפעסן.

דער קאָפּ פון דער משפחה — ראובן, איז געווען ווי אַ שפּיל־קעסטל, וואָס די שייבלעך און גליטש־שיפּלעדלעך זיינען פון אים שוין לאַנג אויסגעבראָכן. דער סאַמעט און מעש אויסגעריבן און מיט שמוץ פאַרגליטשט. אַ קעסטל, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן די גוטע יאָרידן, די שיינע מעלאָדיעס און די קאַליריקע פּאַפּוגייִ. ער איז געווען גאָטס און די פּאָליצייס צוטראָגער. אַ נידעריקער מיט הויכע אַקסלען. דאָס קעפּל זיינס תמיד אָפּגעשוירן, אַ דאַרס, דאָס געלע בערדל אַ האַרטס, אַ שפּיציקס, האָט דערמאָנט ווער ראובן איז — אַ צענערל לא יחרץ־געלט.

*

ר׳ בער גראָס האָט זיך געגרייט בויען אַ ניי הויז. מען האָט לעבן דעם אַלטן, אויפן ליידיקן פּלאַץ, אָנגעהויבן צונויפפירן געהילץ, ציגל, זאַמד און לעשן קאַלך.

קינדער, וואָס ווייסן נאָך נישט פון קיין שלעכטס, האָבן זיך דאָרט אין די פאַרנאַכטן געוויגט אויף די געהילצן און אויף וואונדערלעכע מעשיות. די יינגערע, האָבן אין נאַסן, געלן זאַמד געבויט אויוונס.

אין שטאָט, אונטער די פאַרהאָנגענע פענצטער, האָט זיך אין די רעיונות פון די מענטשן שוין געזען דאָס הויז אַן אויפגעבויטס, אַ ליכ־טיקס, אַ ברייטס. אין די נעכט האָבן די שטאָט־באַלעבאַטים איינ־שלאָפן נישט געקענט. ערשט איצט האָבן זיי דערפילט, ווי נידעריק און אַלט זייערע הייזער זיינען. די בעלקעס, וואָס האָבן זיך פון די סטעלעס געבויגן, זיינען איצט ווי שטיינער אויף זייערע הערצער גע־לעגן.

דערפאַר האָבן שכנים צו ר׳ בערן אויפגעהערט ריידן.

מענטשן זיינען נייגעריק געוואָרן, אין וועלכער זייט וועלן די פענצטער אין נייעם הויז אַריינגעזעצט ווערן? און וויפיל אין דער זייט און וויפיל אין יענער זייט? מען האָט דערציילט, אַז ווי אין די

גרויסע שטעט, וועט אויך אַ באַלקאָן אינעם הויז זיין. עפּעס אַזעלכעס, וואָס זעט אויס ווי אַ טיש אין דער לופטן, ווי אַ שיפל, וואָס שווימט און הענגט אויף גאַרנישט און פון אים קען מען זען דעם ווייטן אַרום און שעפּן פרישע לופט — פולע עמערס.

אין די נעכט האָט אָנגעהויבן געשען עפּעס אויסטערלישעס. אַלע צונויפגעפּירטע געהילצן האָט ווער צעשלעפּט איבערן מאַרק, די ציגל צעטראָגן, דעם קאַלך מיט אומרייניקייטן פאַרגאָסן און ווען אין איינעם אַ טאָג האָט מען די נייע פונדאַמענטן אויסגעגראָבן האָט אַ פאַרבאָרגענע האַנט זיי פאַרשאָטן.

דאָך איז דער בנין אויפגעשטעלט געוואָרן, זעקס פענצטער אויפן ערשטן שטאָק, זעקס אויפן פּאַרטער און אַ ברייטער אַריינפאָר אין מיטן.

לאַנג נאָך האָט אַרום דעם בנין געשמעקט מיט וואַפנע מיט זשי־וויצע פון פרישע געהילצן, וואָס האָבן זיך געברוינט צו דער זון.

דער בנין האָט זיך אין ר׳ בערס שטוב געפילט ווי אַ ניי געזונט האַרץ, ווי אַ לעבן, וואָס איז דאָ אויפגעגאַנגען מיט שטאַרקייט און יוסטקייט.

ניסן ברענער האָט נישט גערוט. טאָג נאָך טאָג אין די אָוונטן, אין בית־המדרש נאָך מנחה איז דאָס רעדל פון זיינע צוהערער גע־וואָרן גרעסער און ברייטער. גערעדט האָט מען אַלץ — פון ר׳ בערס עשירות. ווי אַ פאַרפּלייצונג האָט זיך די שנאה פאַרשפּרייט פון גאַס צו גאַס; איבער דעכער, פענצטער האָט מען געקוקט צום נייעם הויז.

ביז אין אַ פאַרנאַכט איז ראובן אַריינגעלאָפן צו ניסן. לאַנג און פאַרטרוילעך האָבן זיי געשמועסט. ניסן האָט אים געשטראָפט, געהאַט צו אים תרעומות: „לאַנג האָט מען דאָך שוין געהאַט אָפּגעשמועסט, און אַז אָפּגעשמועסט — איז דאָך חי וקים״. און ראובן האָט פאַרלוירן עפּעס געפּרעפּלט:

— „כע־כע־כע, עפּעס שרעקט זיך״, אַזוי האָט מען ביז אין דער טונקעלער נאַכט אַריין זיך געדונגען.

*

האַרט אונטערן פענצטער, וואו ר׳ בער גראָס איז געשלאָפן, האָט אַ קריי געטאָן אַ האָן, באַלד האָט זיך געהערט אַ געשריי:

— ראַטעוועט ר׳ בערן! ס׳ברענט ביי אים!

און דערנאָך אַ געלעכטער, אַ טרוקנס, אַ שרעקלעכס.

ס׳לאַכט דער רויטער האָן!... — האָט ווער געענטפערט אין דרויסן.

הפקרדיקע, אונטערשטאַטישע ווינטן האָבן אַ הייב געטאָן די פלאַמען פון ר׳ בערס הויז, אש־להבהדיק זיי געטראָגן פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב, ביז די גאַנצע שטאָט האָט זיך צעגאָסן אין אַ גרויסן בלוי־פייערדיקן טייך, דער הימל האָט זיך געררויטלט און דאָס פייער איז אויפגעגאַנגען ווי אַ בראַנד־קרבן, אַ באַווייליקטער פון גאָט אַליין.

*

די שטאָט איז שנעל אויפגעבויט געוואָרן. פון אַ הילצערנע איז זי געוואָרן אַ געמויערטע. די זעלבע שנאה, וואָס האָט די שטאָט פאַר־ברענט — די זעלבע האָט זי געבויט. נייע מויערן האָבן זיך געהויבן. איינע ביי דער צווייטער, ווי אַן אַקסל ביי אַן אַקסל.

פון הויכע רושטאָוואַניעס האָט דער שטאַרקערער אַראָפּגעשמיסן דעם שוואַכערן. אַזוי האָט מען זיך יאָרן געררוצחט איבער אַ שפּאַן ערד, איבער אַ פענצטער, וואָס ווער האָט געעפנט, איבער אַ צווייטנס פאַדוואָר, איבער אַ שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון אַ פרעמדער מויער.

נישט אויפגעהערט האָבן די מחלוקתן פאַר ליכט, פאַר שיינע פראָנטן, פאַר ברייטקייט און לופט. תמיד מיט געביילטע פויסטן, מיט ציין־קריצעניש איינער קעגן צווייטן, זיינען די מענטשן פון דער שטאָט אַנטקעגנגעגאַנגען דער זון.

דער סאַנדזוער

מיט צוויי דורות צוריק איז עס געשען.

ס׳האָט עמיצער אַ נאָמען דערמאָנט, און איידער ס׳איז נאָך צייט געווען אַ טראַכט צו טאָן צי ס׳איז טאַקע ער, דער יונגערמאַן, דער אויסדערוויילטער, דער געגאַרטער, האָט ר׳ חיים סאַנדזער, אָדער ווי מען האָט אים שפּעטער גערופן דער „דברי חיים״, שוין געוועלטיקט ווי אַן איינגעזעסענער רבי איבער גאַליציע, קאַרפּאַטן־רוס און אונגאַרן.

ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ ברייטער, דאָס פּנים באַוואַקסן מיט אַ געדעכטער ברוינער באָרד, וואָס איז אים ביז די אויגן פאַרקראָכן, פון די נאָז און אויערן אַרויסגעשפּראָצט. דער שטערן אַ דורכגעאַקערטער מיט קנייטשן; אויף די פּיס צעקרימטע שטיוול. דאָס אַלץ, האָט דעם רבין ענלעך געמאַכט צו אַ האַרעפּאַשנעם פּויער.

ביז ר׳ חיים איז געוואָרן רבי; זיינען יידן אין גאַליציען געוואוינט געווען צו אַנדערע גוטע־יידן. אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאַרגט קיין טרייסט, ברכות און גוטע צוזאָגן. זיי האָבן אויפגעבונדן עקרות, אָרעמעלייט געמאַכט פאַר גבירים... און קראַנקע זיינען ביי זיי געגעזן געוואָרן.

איז געקומען דער סאַנדזער און אויפגעמישט דאָס בלעטל פון בראשית.

אַ יעדן דרים אין מענטשן האָט ער דורכגעקוקט. פאַרטיפט זיך איבער די גרעסטע און קלענסטע מעשים און לויט זיי געמשפּט.

ווי אויף אַ וואָג, וואָס וועגט גאָלד, האָט ער גוטס און שלעכטס געוואויגן.

דאָס האָט געברענגט, אַז נאָך יאָרן פון לייטערן זיך איז ר׳ חיימען ווי אַ לייב אַ פאַרשפּאַרטן, ענג געוואָרן די וועלט און אָפט האָט מען

פון אים געהערט אַ בריל, וואָס האָט געמאַכט אויפּציטערן יונג און אַלט אַפילו קינדער אין די וויגן.

אין די נעכט פלעגט ער זיצן אַליין אין אַ קאַלטן בית־המדרש, אַן איינגעהילטן אין פינסטערניש, אויף אַ געלעגער פון האַרטע בענק. צי האָט אַ בן־אָדם זיין קרעכצן געהערט? געוואוסט פון זיין ראַנגלען זיך מיט די נעצן פון שלאָף, וואָס האָבן אים די אויגן פאַרהאַנגען?
ר׳ חיים האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

ווי אַ פליג אין שפינוועבס, אַזוי האָט ער זיך געראַנגעלט מיט זיינע פּראָסטע מענטשלעכע געוואוינהייטן. און ווי ביי אַ טייך וואו עס ווערן טאַמעס געלייגט כּדי דער שטראָם זאָל די ברעגעס נישט רייסן, אַזוי, האָט ער געהאַמעוועט אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט עבודת־השם.

ביים סאַנדזוער איז נישט געווען קיין גרויסע אָדער קליינע תאווה. די קלענסטע האָט ער אין זיך צעקרישלט און אין אייגענעם פייער געלאָזט זי פאַרצערן.

אַ מאָדנער רבי איז ער געווען. אַ רבי, וואָס האָט ליב דעם אין דערוואַכן. די גראָע ווינטערדיקע פאַרנאַכטן, ווען דער דרויסן שמעקט מיט הערינג און נעץ.

זיינע חסידים האָבן געטראָגן אַלטע בעקעשעס — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. יידן, וואָס שמעקן טאַבאַק פון בלעכענע פּושקעס, פאַרן אָרום אויף יאַרידן און ווערן אויסגעריסן צו פאַרדינען אַ דרייער אויף פּרנסה.

קיינמאָל האָט ר׳ חיים נישט געלערנט אין גמראס וואָס זיינען גע־בונדן געווען אין לעדער, וואָס זייער שער־בלאַט איז געמאָלן „כפתור ופרח״.

די טאָוולען פון זיינע גמראס זיינען געווען באַצויגן מיט גראָבן לייוונט. די בלעטער אַלטע, פאַרשטויבטע, דורכגעגעסענע מיט מאָלס, די שפּיצן פון די דפים שמוציקע.

האָט אַ חסיד אים געוואָלט געבן אַ מתנה אַ ווילנער ש״ס, האָט דעם רבינס פּנים — וואָס האָט זעלטן געלאַכט — אַ שמייכל געטאָן:

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? קינד מיינס, פון בראשית קען נאָר כביכול אַליין! לערנען איז ווי אַ מויער, צו וועלכן יעדער איז

מחויב צו צוליגן זיין ציגל. אין אַן אַלטער גמרא איז שוין דאָ דער אָנהויב פון דעם מויער.

ר׳ חיים האָט אויפגעמישט אַ בלאַט און געוויזן:

— נאָ, זע, וויפיל שוויס דאָ איז פאַראַנען! וויפיל קאָפּברעכעניש, וויפיל אַרבעט. זעסטו דען נישט — איז ר׳ חיים געוואָרן ערנסט — אַז דאָס לערנען וואָס מען האָט אין דער גמרא געלערנט ליגט אין יעדן אות באַהאַלטן, אין אַ יעדער שורה איינגעמויערט?

דער גרעסטער חטא אין סאַנדזערס אויגן איז געווען ביטול־תורה, און די גרעסטע מצווה — לערנען.

כאָטש ר׳ חיים האָט יעדן טאָג לאַנגע שעהן מתפלל געווען האָט ער דאָך מער געהאַלטן פון עוסק זיין אין תורה.

— לערנען — האָט ער געזאָגט הייסט אַקערן אין אַ ליימיק פעלד, און אַליין זיין איינגעשפּאַנט אין אַקער... אַ שוויס האָט זיין פּנים און לייב באַדעקט בעתן לערנען. די בגדים אויף אים זיינען ממש נאַס געוואָרן.

צוואַנציק יאָר האָט דער סאַנדזער געלערנט „שנים שאוחזין״ און יעדעס מאָל זיך צוריקגעקערט צו די „וואָס האָבן דעם טלית געפונען״. די חסידים, וואָס זיינען קיין סאַנדז געפאָרן, וואָס אַ יעדער אות פון רבין איז ביי זיי געווען אין דער בחינה פון „יהרג ועל יעבור״ האָבן דאָך נישט געקענט פאַרשטיין דעם טעם פון דער זאַך. ביז דער אַלטער חסיד שמחה בונים האָט עפּעס מגלה געווען....

שמחה בונים איז מגלה סוד

געווען איז שמחה בונים אַ ייד אַ דעמב. אויף דער עלטער איז ער נאָך גראָדער און שענער געוואָרן. דאָס פּנים אַ ברייטס, אַן אָפֿנס און ליכטיקס. די ברילן פֿאַררוקט אויף דעם הויכן צעאַקערטן שטערן, איז ער געשטאַנען אין די ווינטערדיקע פֿאַרנאַכטן אין רבינס בית־המדרש און פֿאַר זיינע אָרומשטייער דערציילט:

— דער גאַנצער סוד פֿון רבינס אומקערן זיך צו „שנים שאוחזין", איז דער „יחלוקו"... דער רבי האָלט פֿון מידת־הדין. פֿון מײַן אָדער דיין, פֿון חייב אָדער זכאי. כל זמן מען וועט אים פֿון הימל נישט מגלה זיין פֿאַרוואָס יחלוקו, וועט ער זיך פֿון אָרט נישט רירן. אָ, שוין געווען רמזים דער צדיק זאָל פֿאַרשטיין דעם טעם הדבר, אָ, אָ, אָ, איז דאָס געווען אַ שיעור! דער רבי איז נאָך דעמאָלט אַ יונגערמאַן געווען. אין אַ וואָכנדיקער חשוון נאָכט האָט עס פּאַסירט. סאַנדז איז נאָכן טאָג האַרעוואַניע געווען פֿאַרטיפֿט אין שלאָף: בלויז אין איין איינציק פֿענצטער האָט אַ ליכט געפֿלעמלט — אין רבינס פֿענצטער!

דער רבי האָט פּלוצעם דערהערט אַ מעכטיק קול:

—„חיים! חיים!"

— הנני! כ'בין אָנגעגרייט!" — האָט דער צדיק אויסגערופֿן מיט אַלע זיינע כוחות.

דער רבי זאָל לעבן האָט דעמאָלט אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל און דערזען: פּאַמעלעך עפֿנט זיך דער באַלקן פֿון בית־המדרש. עפֿנט זיך ווי צוויי טויערן. פֿון אונטער די פּיס שווימט אַוועק די ערד און ער בלייבט הענגען ווי אין אַ ליידיקן חלל.

אַרום איז געווען פֿינצטער און די חשכות האָט זיך צום רבינס פּיס צוגעפּרעסט, זיין האַרץ געליימט, נישט געלאָזט דאָס מויל עפֿענען,

געמאַכט די אויגן־וויעס שווער און מיד. די פינצטערניש האָט זיך צעגאָסן ווי סמאָלע אויפן פּנים, געדונען אונטערן העמד אַרונטער, אַז גאָר נישט מער איז געבליבן ווי נאָר פאַרגליווערט ווערן! איינ־שלאָפן אויף אייביק!

— דאָס איז מידת־הדין! — האָט אַ חסיד אַ זאָג געטאָן.

שמחה בונים האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויפן ייד און געענטפערט:

— יאָ. — באַלד האָט זיך עפּעס אין דער פינצטערניש ווי גע־שפּאָלטן ווי אַ לאַנגער דינער שטראַל וואָלט עס געוועזן. פון זייער, זייער ווייט איז ער געקומען. דער צדיק האָט דעם שטראַל דערזען — ווי אַ קינד, אַ ניי־געבוירענס, זעט צום ערשטן מאָל ליכט; און אַ לעכצונג איז אין רבינס האַרץ אויפגעגאַנגען. אָט האָט ער געוואָלט דעם פּוס אַ הויב טאָן, די האַנט אויסשטרעקן, די ליפּן עפענען און אַ געשריי טאָן: „ממעמקים קראתיך...״

דאָך האָט דער צדיק ביז בלוט זיינע ציין אין די ליפּן איינגע־ביסן, און געשוויגן.

די שטילקייט אַרום דעם רבין האָט זיך פאַרטאָפּלט. אַן איינגע־האַלטנקייט איז געקומען און אַ מינוט פון דערוואַרטונג ווי פאַר בריאת העולם. דאָס האָט מען אין די הימלען געוואַרט און געוואָלט הערן אַ וואָרט פונעם רבין, אַז כּדי מיט טאָג־ליכט זאָל זיך פאַר אים די נאַכט אַנצינדן. אַ לייטער צום הימל זאָל מען פאַר אים אַוועקשטעלן.

— דאָס איז מידת הרחמים! — האָט דער זעלבער חסיד וואָס האָט פריער שמחה בונימען איבערגעריסן, אַ זאָג געטאָן.

ווידער האָט שמחה בונים אויף יענעם אַ בליק געוואָרפן און ווייי־טער געזאָגט:

— יאָ.

דער רבי האָט פאַר זיך קיין רחמים נישט געבעטן. מיט די לעצטע כּוחות, אַן איבערראַשטער, האָט ער שטיל געענטפערט.

— משפּט מיך, בורא עולם!

די צוהערער אַרום האָבן אויפגעציטערט. שמחה בונים האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער וועג פון רבין. דער וועג פון מידת הדין, וואָס שעלט און איז מחרים, וואָס ווייסט נישט פון רחמים און צאָלט על שלשים ועל רבעים — דעם דריטן און פערטן דור. אומענדלעך לאַנג האָט געדויערט, ווען דער רבי זאָל לעבן האָט אויף דעם האַלדז זיינעם אָנגעטאָן די שווערע יאָזשמע צו זיין אַ שופט און שטראָפער ביי יידן. אַזוי, אַז געדאַכט האָט זיך, אַז אַ נייער מבול איז געקומען אויף דער וועלט אומצוברענגען, צו פאַרדאַרבן יעדעס באַשעפעניש אויף דער ערד.

וואָכן לאַנג זיינען די בערג אַרום סאַנדז געשטאַנען איינגעהילט אין נעפלען. רייסנדיקע ווינטן האָבן די לאָדנס געוויגט, דעכער גע־ריסן. מעוברתדיקע ווייבער האָבן מפיל געווען, און קימפעטאָרינס זיינען פון דער וועלט געגאַנגען. יידן וואָס האָבן פרייטיק פאַרנאַכט אהיימגעאײַלט אויף שבת זיינען נכשל געוואָרן, די וועגן פאַרלוירן און געמוזט אין גוישע סטאַדאָלעס שבת האַלטן.

מגפות האָבן שטעט אַרומגעכאַפּט און די זינדיקע אָפּגערייניקט פון דער ערד.

וועלנדיק פאַרטויבן דאָס געשריי פון די געשטרויכלטע, דאָס גע־שריי פון נשמות, וואָס זיינען צו אים נאָך אַ תיקון געקומען, האָט דער רבי זיך שטאַרקער פאַרטיפט אין לערנען. גאַנצע טעג, קיילעכיקע מעת־לעתן, האָט מען געהערט זיין קול, וואָס האָט זיך ווייט, ווייט איבער די בערג געטראָגן, און אַ וועלט געמאַכט אויפציטערן.

חסידים וואָס זיינען קיין סאַנדז געגאַנגען זיינען ביים רבינס טיר געבליבן שטיין און נישט געקענט ווייטער אַ טריט שטעלן. דערקענטע אין זייערע זינד און פאַרשעמטע האָבן זיי גענומען דעם וועג אויף קריק.

ווייזט אויס, אַז ברוך הוא האָט זיך אויפן רבין דערבאַרעמט און נישט תמיד זיין האַנט פאַר אַ שטראָף־רוט געמאַכט. — אַזוי האָט שמחה בונים דערציילט.

אָבער נישט דערציילט האָט דער אַלטער חסיד, אַז עס האָבן גע־טראָפן ציטן, ווען ר׳ חיים איז געווען אויפגעלייגט, גוט און לייט־זעליג. געשען איז עס מייסטנס אין די פרייטיק־נאָכמיטיקס.

מיט אַ ליכטיקן און רואיקן בליק איז דער סאַנדזער אָקעגן גע־גאַנגען דעם הייליקן שבת. דער רבי האָט אין די שעהן ליב געהאַט

צו שטיין ביים פענצטער און קוקן אויף גאָטס וועלט. אַ לייטזעליקער שמייכל האָט אויף זיינע ליפּן געשפּילט. באַהויכט פון אַ געטלעכן גענאָד האָט ער געזאָגט שיר השירים און מעביר געווען די סדרה. אָפּגע־פּאַרטיקט זיך מיט דעם, האָט ער געהאָלפן הערשל גבאין אַריינשטעלן די שבת־ליכט אין די מעשענע הענגלייכטער און צושפּיצן די קנויטן. שפּעטער האָט ער צו זיך גערופן די, וואָס האָבן זיך וואָכן אַרומגע־וואַלגערט אַרום זיין הויז.

גרויס איז פאַר די מענטשן געווען דער נסיון. שטייענדיק פאַרן רבין, האָבן זיי אויף זיך געהאַט דעם סאַנדזערס גרינע אויגן. ווייניקע פון זיי האָבן עס אויסגעהאַלטן נישט צוזאַמענצוברעכן. פאַרחלשטע האָט מען אַ סך אַרויסגעטראָגן פון רבינס חדר.

פאַר די שטוב־מענטשן אָבער איז דער רבי אין די לעצטע מינוטן פאַר שבת נישט געווען צו דערקענען.

דער שאַרפער בליק איז ווייך געוואָרן. די האַרבע קנייטשן פון פּנים האָבן זיך אויסגעגלייכט, און אַפילו די שווערע ברעמען איבער די אויגן האָבן זיך ווי טיולענע פאַרהענגלעך אויפגעהויבן און אויפ־געדעקט אַ פּנים, אַ מידס און אַ מילדס. אַ פּנים אויף וועלכן אַ וועלט פון יסורים איז דערויף געווען אויסגעקריצט.

נאָך דער מקווה, אַן איבערגעטאָענער אין אַ ווייס העמד, דער קערפּער אַרומגענומען מיט אַ סאַמעט וועסט, אין בלאַנקענדיקע ווייסע זאָקן אויף די פיס, איז ער נישט געווען דער זעלבער, וואָס נעכטן און אייערנעכטן.

דער רבי האָט צו זיך אַריינגערופן הערשל גבאי. אַ ייד וואָס האָט גע־קענט ווענען מען דאַרף ווי אַ הערינג פון אַ פאַס אַרויסוואַרפן. אים האָט דער סאַנדזער באַפוילן שרייבן אַ רשימה פון נצרכים, אָרעמע־לייט, וועלכע מען דאַרף פון רבינס קאַסע וואָכנגעלט אויסצאָלן.

הערשל האָט די קרוצזיכטיקע אויגן איינגעגראָבן אין אַ פּאַפּיר, געטונקען דעם בלייער אויף דער צונג און פאַרשריבן נעמען פון אַלמנות, יתומים, קראַנקע, איינזאַמע זקנים.

האָט געטראָפן אַמאָל, אַז דער רבי האָט געהייסן פאַרשרייבן איינע אַן אָרעמע אַלמנה. הערשל האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים פון פּאַפּיר און אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט :

— רבי, ערשט נעכטן, ווען איך בין דעם מאַרק דורכגעגאַנגען האָב איך שיינדלען געזען ביי אַ פויער קויפן אַן אינדיק. זאָל איך זי פאַרשרייבן?

— אַזוי, אַן אינדיק? — האָט דער רבי געענטפערט, און אַ ווילע זיך פאַרטראַכט.

— נו פאַרשרייבזשע איר נאָך אַ פלאַרין. כ׳האָב דאָך נישט געוואוסט, אַז די יידענע נעבעך דאַרף אינדיקעס...

הערשל האָט מער נישט געוואַגט דאָס מויל צו עפענען און גע־שריבן.

שבת האָט גאַנץ סאַנדז געוואוסט. אַ פאָר טעג שפּעטער — גאַנץ גאַליציען, קאַרפּאַטן־רוס און אונגאַרן פון ר׳ חיימס גוטסקייט און פון זיין איידעלער חכמה. אויסגעטייטשט האָט מען עס, אַז פון היינט און ווייטער וועט דער סאַנדזער מיט רחמים זיינע שאָף פירן, און נישט שטראָפן ווי ביז אַצינד.

געשען איז אָבער אַנדערש. פאַרקערט, ווי ווייַן ווערט געשטאַרקט, ווען אים קומען צו יאָרן, אַזוי איז דער רבי געוואָרן פון טאָג צו טאָג שטאַרקער און האַרבער.

ר׳ חיים האָט נישט געפאַסט תעניתים ווי אַנדערע צדיקים פון זיין דור. איבערביסן האָט ער נאָך האַלבן טאָג. פון דער טאָץ אויף וועלכער עס איז געלעגן ברויט, קנאָבל, פעפער, ציבעלעס האָט ער לאַנג פאַרטראַכט געגעסן. געשניטן אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל און בעת מעשה געווען פאַרקלערט. פעטקייטן האָט ער נישט ליב געהאַט. ווי די פראָסטע וואָכן־טעג איז אים צום האַרצן געווען קאָרן־ברויט, און ווי דערמאָנט; קנאָבל, פעפער און ציבעלעס. אָט די מאכלים האָבן דעם רבין אָנגעפילט מיט כח און געשטאַרקט זיינע אברים.

סאַנדז

סאַנדז איז אין די עסטרייכישע צייטן געווען נאָענט צו דער גרעניץ צווישן גאַליציען און אונגאַרן. אָפּגעגרעניצט די צוויי מדינות האָבן די בערג אַרום שציאַווניץ, לענג אויס דעם דאָרף אָכאָטניצע.

כאַטש, סיי גאַליציען, סיי אונגאַרן האָבן געהערט צו עסטרייך, איז איבער דער גרעניץ געגאַנגען אַ גרויסער שמוגל פון סחורות.

קיין גאַליציען האָט מען פון אונגאַרן געשוואַרצט ווייַן, טאַבאַק, און פון גאַליציע קיין אונגאַרן האָט מען געפירט געגנבעטע פערד און אַקאָוויט, וואָס איז נישט דורכגעגאַנגען דעם אַקציז.

מייסטנס, האָט מען די פערד געטריבן פון אונטער מעליץ, קאָל־בושאָוו. די זיידעס פון שפּעטערדיקע יידישע בעלי־עגלות פון אַ דאָרף נישט ווייט פון מעליץ, זיינען עס געווען די, וואָס האָבן מיט די גע־גנבעטע פערד פון פּריצישע פּאַשע־פעלדער געצוואַלעוועט דורך וועל־דער דורכגעשנירטע מיט זאַמד־וועגן, צו די שטויביקע שאָסייען אַרום דעמביץ, טאַרנאָוו, און פון דאָרט העכער אַרויף קיין סאַנדז, צו דער גרעניץ.

האָט געטראָפן, אַז גנבים און קאָנטראַבאַנדניקעס האָבן געמוזט בלייבן שטעקן מיט זייער רויב לאַנגע חדשים אין די וועלדער.

נישט ווייט פון מעליץ, דורך די ליים־פעלדער פון דאָרף באָראָווע, איז געפלאָסן די ווייסל.

אין די נעכט האָט מען איר פויל מורמלען געהערט צווישן די קאָניצינע און ווייצן־פעלדער. דאָרט אין אַט די מקומות איז די ווייסל געווען די גרענעץ צווישן עסטרייך און רוסלאַנד.

די דערפער וואָס זיינען געלעגן אויף דער עסטרייכישער זייט זיינען פול געווען מיט „פינאַנסן" גרענעץ־היטער, אָנגעטאָענע אין גרינע מונדירן און האַרטע הויכע היט.

זיי האָבן געהיטן נישט אַזוי די קאָנטראַבאַנדניקעס, ווי די פּוי־לישע אויפשטענדלער, וואָס האָבן זיך אַריבערגעשיפט אַמאָל פון קאָנגרעס־פּוילן קיין גאַליציע און אַמאָל — פון גאַליציע קיין קאָנגרעס־פּוילן, און צווישן די פּריצים און רייכע ערד־באַזיצער אַרויסגערופן אַ בהלה.

אַזוי ווי די חוצפּה פון די אויפשטענדלער איז געוואָרן אָפענער, זייערע מעשים — דרייסטער. זיינען ווי פון אונטער דער ערד אויסגע־וואַקסן אָפּטיילונגען פון אונגאַרישע „דרייגוינער". בלויז אַ קוק טאָן אויף זיי, ווי זיי רייטן אויף די שוואַרצע פערד, איז אַ שרעק די פּויערים באַפאַלן.

אויסגעשטאָרבן זיינען געוואָרן די דערפער, ווען אין די פאַרטאָגן האָט זיך געהערט די רייטערס טרומייט־שאַלן, דאָס אייַנטאָניקע שטעפּן פון די קלאָען אויף די וועג־שטיינער.

ווי נאָר די „דרייגווינער" זיינען געקומען אין אַ געגנט וואו די שמאָגלער האָבן געהאַט זייערע נעסטן האָבן זיך די קאָנטראַבאַנדניקעס באַהאַלטן מיט זייער רויב אין די וועלדער. געלעגן באַהאַלטן פון פריי־לינג אָן ווען ער איז נאָך געהאַנגען אויף די ביימערשפּיצן, ביז דער זומער איז אַ מידער, ווי די בלעטער, אַריינגעפאַלן אין די וועלדער־זומפּן.

איינמאָל, האָבן גנבים־קאָנטראַבאַנדניקעס, פאַרלאָזט די וועלדער סליחות־צייט און מיטן רויב זייערן געקומען קיין סאַנדז, און געבליבן שטיין אונטער דעם רבינס פענצטער אויפן קליינעם־מאַרק.

אָן אַנדערש מאָל, וואָלטן הונדערטער פערד־ציימלעך געקענט קלינ־גען — וואָלט דען דער סאַנדזער, פאַרטיפט אין לערנען, זיי געהערט? אין דער צייט אָבער, פאַר די ימים נוראים, איז דעם רבינס אויער וואַך געווען, און דער מינדעסטער שאָרך האָט אים געמאַכט אויפ־ציטערן, אַזוי אָנגעשטרענגט איז ער געווען פאַרן יום־הדין.

די גנבים, די הפקר־יונגען, האָבן ס'רוב פאַרבראַכט דאָס לעבן זייערס אויף ווילדע שטעגן, אין טיפע וועלדער, וואו געגעכטיקט, דאָרט נישט געטאָגט. שטאָט אַ היים, אָן אייגן בעט, איז מען אין די אָנטור־עכצער אין היי סטאָגעס געשלאָפן. געזינדיקט מיט דאָרפישע שיקסעס, זעלטן ווען געדאַוונט.

דאָך, אין די פינצטערע סוף חודש טעג, ווען די פערד האָבן מידע, בלינד, געטאָפּט דעם וועג איז אַ בענקשאַפט די יונגען באַפאַלן.

הוידענדיק זיך אויף די פערדישע רוקנס האָבן זיי זיך פאַרבענקט נאָך די פיר ווענט פון אָן אייגענער שטוב. צוזאַמען מיט דעם האָרץ־נאָגעניש, מיט דער כאַלערע וואָס האָט געקאָכט אין בלוט, האָט אין די טיפענישן פון זייער לייב אַ שרעק פאַרן סאַנדזער צדיק גע־ריזלט.

דערפאַר, ווען זיי זיינען אין די נעכט אויף די שמאָלסטע בערג־סטעזשקעס געריטן, ווען פון דער רעכטער און דער לינקער זייט, איז געלעגן אַ תהום; ווען איינגעהאַלטן האָבן זיי די טריט פון די פערד, אַז אַ גרעניץ היטער זאָל זיי נישט אויסשפּירן; ווען שטיל איז געלעגן פאַר זיי די וועלט און אַ לייכט ווינטל, אַ שפּעט זומערדיקס האָט גע־הויבן די גריוועס פון זייערע פערד — איז פאַר די גנבימס אויגן דאָן אויפגעגאַנגען דאָס געשטאַלט פון סאַנדזער רבין. די פערד, ווי אויך זיי וואָלטן אים דערזען; האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט ווי וועלף וואָלטן זייערע טריט פאַרשטעלט. די פאָדקאָוועס האָבן אַ שפּריץ געטאָן מיט פייער און אַ טראָג געטאָן די יונגען ביזן שפּיץ באַרג.

דער רבי און די קאָנטראַבאַנדניקעס

אין אַזאַ נאַכט איז אַ גרויס געפיל פון רחמים אין סאַנדזוערס האַרץ אויפגעגאַנגען. אַ רחמנות צו יעדער באַשעפעניש. נישט בלויז צו די, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן כדי אויף דער וועלט עפּעס מתקן צו זיין. נאָר אויך צו די, וואָס פון ערשטן טאָג זייערן ביזן לעצטן אָרבעטן זיי ווי בינען, שווער און ביטער כדי שלעכטס צו טאָן.

דער סאַנדזוער האָט אין יענער נאַכט לאַנג געטראַכט וועגן פליגן, שרצים, חיות־רעות און שלאַנגען; — וואָס לאָזט מיך זייער לעבן הערן? און דער האָגל, וואָס גיט אַ שניט דאָס פעלד פאַרן רייף ווערן פון די תבואות? און די פראָסט, וואָס לאָזט אַראָפּ אירע גליענדיקע פינגער צום וואָרצל פון יונגען בוים כדי אים צו פאַרברענען? און די מלחמה־קויל, וואָס לויפט צו אַ האַרץ פון אַ מענטש, וואָס לאָזט דאָס אַלץ מיך הערן?

רבונו של עולם! טויזנט מאָל איז דאָך שווערער צו באַנעמען דעם מיין און געפיל פון זינדיקן. פון שקרן און באַטריגער, פון גנב און אָפּנאַרער, פון נואף און שפּעטער, פון נישט גלויבנדיק און אויס־לאַכער. און אויב טאַקע דער מענטש און אַלע באַשעפענישן, אַפילו ביטערע קרייטעכצער און פאַרסמטע שוואָמען, איז געגעבן געוואָרן די ברירה פון בחירה, פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעקליבן פינצטערניש שטאָט ליכט? פאַרוואָס ביטערניש שטאָט זיסקייט?...

דער סאַנדזוער האָט געטראַכט און פול איז געוואָרן דאָס האַרץ זיינס מיט אַ בענקשאַפט דאָס אַלץ מתקן צו זיין, אויסצוגלייכן; אויב שוין נישט דערגרייכן דאָס העכסטע.

די נאַכטראַכטענישן האָבן ר' חיימען מבלבל געווען פון לערנען. ווי תמיד, ווען ער איז שטאַרק אומרואיק געוואָרן האָט ער זיך דער־מאָנט אָן די אַלע וואָס זיינען אַמאָל צו זיינע טירן געקומען. ער האָט געהערט דאָס קרעכצן פון ווייבער עקרות. דאָס זיפצן פון קראַנקע, און

דאָס באַקלאָגן זיך פון יידן — מחוסרי פּרנסה. יידן וואָס דאַרפן חתונה מאַכן זייערע בוגרותן, און האָבן ניט קיין נדנים פאַר זיי. יידן פאַכטערס פון פריצישע קרעטשמעס, וואָס טראָגן אויף זיך נייע גזרות. און גאָר פלוצעם האָט דער רבי דערהערט אַ קלינגען פון פערד־ציימלעך אונטער די פענצטער.

די קאָנטראַבאַנדיקעס האָבן דערזען דעם רבין.

דערזען אים אומגעריכט! איז עס געווען אַ פּאַרפירעניש וואָס האָט זיי פאַרנאַרט? אָדער זיי האָבן סתם פאַרזען, ווען זיי זיינען ביי־נאַכט אַריינגעריטן קיין סאַנדז זאָלן זיי זיך גראָד שטעלן פּאַשן אויפן קליינעם מאַרק אַקעגן איבער דעם רבינס פענצטער?

ס'איז געווען האַלב נאַכט. אַ פייכטער יעשן ווינט האָט פון דו־נאַיעץ געצויגן.

שטיל, איינטאָניק, האָבן די פערד געקלינגען מיט די ציימלעך. לייכט און זיידנדיק האָבן געציטערט זייערע פעלן.

די יונגען זיינען געשלאָפן ליגענדיק אויף דער ערד לעבן די פערד. זייער הויפּט, אַן אַלטער גנב מיט אַ גרויער באָרד און פיאות אין אַ פּלושענעם הוט אויפן קאָפּ און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק אויף שמירה.

וואָפּקע פּאַכאַלעק האָט אויפגעציטערט, ווען ער האָט לעבן זיך דעם רבין דערזען. ער האָט דאָס הייליקע פּנים פון דער פינצטערניש נישט געקענט אויסשניידן נאָר ווי בלויז עס געאַנט.

— וואָפּקע! — האָט דער רבי אים אַ רוף געטאָן.

דער סאַנדזער האָט געטראָגן אַ שוואַרצע בעקעשע, אַ ווינטערדיק היטל און שטיוול.

דאָס קלאַפּן פון די שטיוול אָן די שטיינער האָט זיך בולט גע־לאָזט הערן אין דער נאַכט־שטילקייט און אויפגעוועקט די יונגען פון האַרטן שלאָף.

דעם סאַנדזערס מויל האָט זיך געעפנט און ער האָט געזאָגט:

— הונדערט און צען טעג הויערט איר צוזאַמען מיט אייערע זינד. נישט געוואַשן און נישט געבענטשט. קיין תפילין ניט געלייגט. ווי אַ קללה פירט איר מיט זיך געגנבעטע פערד. אַ גוי, אַז ער פאַרט אין וואַלד טרעפט ער אַ יוזל צו ווענען זיך צו ביקן און איר?

ווי לאַנג אייער וועג איז — איז ער מיט זינד פאַרזייט. אויף די פעלדער וואו איר זייט געשלאָפן האָט איר איבערגעלאָזט זאָמען פון זנות, די לופט פול געמאַכט מיט ניבול־פה, און אייער הפקר־געזאַנג. ווען עס איז אויפגעגאַנגען דער עמוד־השחר, האָט איר קריאת־שמע געזאָגט? און ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט איר מעריב גע־דאַוונט? און ווען איר האָט איבער אייערע קעפּ דערזען דעם הימל־געוועלב, די שטערן, וואָס האָבן אייך דעם וועג באַלויכטן, צי האָט איינער כאָטש פון אייך אַ שבח צום בורא עולם אָפּגעגעבן?

די יונגען האָבן פון שרעק איינגעגראָבן די קעפּ אין די קניען. בלויז איין וואָפקע האָט זיך געשטאַרקט און מיט אַלע כוחות וואָס זיינען אין אים געווען, האָט ער מיט האַרטנעקיקייט געפרעגט:

— זאָגט מיר, רבי, הייליקער רבי! צי וואָס האָט אונז גאָט געגעבן חשק צו פאַרשווערכן זיין ליבן נאָמען? פאַרוואָס, האָט ער אונדז פאַר־מיאוסט אונדזער היים, ווייב און קינד און אין אונדזער בלוט אָנגע־צונדן אַ חשק צו פרעמדע ווייבער? אַ הונגער צו קעלבאַסעס? אַ פלאַם צו טראָגן זיך מיטן ווינט אויף געגנבעטע פערד?

אַ היץ האָט וואָפקען אַרומגעכאַפּט. נישט אַנדערש ער איז פון זינען אַראָפּ!

וואָפקע קוקט דעם סאַנדזער גלייך אין די אויגן אַריין, שוין אָן שרעק, הפקר, ווי נאָר אַזאַ איינער ווי וואָפקע איז, האָט ער ווייטער געפרעגט פול מיט חוזק:

— העי, גרויסער רבי! איר וואָלט אויך געקענט ווי מיר מיטן ווינט גלייך אויף גנבישע פערד זיך טראָגן? פייפן אַקוראַט ווי די פייגל אין די פאַרטאָגן, און ביז משוגעת שיכורן און טאַנצן? — העי! העי! אַט אַזוי, אַט אַזוי!

וואָפקע האָט פאַרלייגט די הענט אונטער די אויערן און אָנגע־הויבן מיט אַ „קראַקאָוויאַק" שפּרינגען אַרום די פערד; — העי, העי!

די יונגען — וואָפקעס שותפים, האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַנטלאָפן. די פערד האָבן זיך געריסן פון די פּאַסטראַנגעס. וויפיל הינט עס זיינען אין סאַנדז געווען האָבן אויפגעהויבן אַ האַווקעריי, אַז אין פיל פענצטער האָט מען אָנגעצונדן ליכט ווי אַ שרפה וואָלט אויסגעבראָכן.

וואַפקע איז נאָך ווילדער געוואָרן פון שרעק און ווי ער וואָלט פון זינען אַראָפּ האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם פעלץ, אַוועק־געוואָרפן דאָס היטל, און אַ מיאוס לאַכן, אַ פרעך געזאַנג האָט פול געמאַכט דעם קליינעם מאַרק. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ ווי ער וואָלט פון אַ פלאַש געטרונקען:

— העי! העי!

דער סאַנדזער האָט קיין וואָרט נישט פאַרלוירן. ער האָט געקוקט און געשוויגן און ווען וואַפקע האָט אויף איין ווײַלע; ווייזט אויס פון מידקייט, איבערגעריסן דעם טאַנץ האָט דער סאַנדזער שטיל ווי צו זיך געזאָגט:

— חייב!

זיך אויסגעדרייט, און פאַמעלעך, הינקענדיק אויפן פוס, האָט דער רבי אַוועקגעשפּאַנט צום בית־המדרש.

די סאַנדזער יידן, וואָס פלוצעם האָט זיי אויפגעוועקט אַ פרעך געלעכטער; „העי! העי! האָבן זיך אַלע ווי איין מאַן אויפגעריסן, די טירן אויפגעריגלט, די לאָדנס אין איילעניש געעפנט. שכנים אָנגעטאָן אין די מאָרגן־שפּענצערס האָבן זיך מיט שטוינונג אָנ־געקוקט:

— וואָס איז געשען? וואָס פאַראַ געזאַנג און טאַנץ אין אַן אלול פאַרטאָג?

די ערשטע וואָס זיינען פון די טירן אַרויס האָבן נאָך געזען דעם סאַנדזערס געשטאַלט פאַרשווינדן אין דער טיר פון הויז. זיי האָבן אויך דערבליקט די פערד אונטער דעם רבינס פענצטער. דער קליי־נער מאַרק איז געווען פוסט. נאָר בלויז רייטן פון אַ פערד געהערט אָפּהילכן פון דערווייטן.

דער חידוש איז געווען אין לשער!

די סאַנדזער האָבן וואוילגעוואוסט פון רבינס צדקות. געוואוסט האָבן זיי, אַז נישטאָ די נאַכט אין יאָר, אַז ער דער רבי, זאָל זיך נישט מאַכן דורך זיין לערנען שטאָפּלען צום הימל.

זיי האָבן געוואוסט, אַז בעת סאַנדז שלאָפט נאָך אַ טאָג מי שלאָפט דער סאַנדזער נישט.

פון ליטע און פון קרוין־פוילן איז פון צייט צו צייט דערגאַנגען קיין סאַנדז גוטע שמועות וועגן די דאָרטיקע צדיקים. אָבער דאָ, אין סאַנדז, האָבן זייערע מעשים נישט געגאָלטן. אַפילו ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו — כאָטש מען האָט דערפון נישט גערעדט — האָט מען נישט וואויל געזען אין סאַנדז. מחמת זיין צופיל „פאַן בראַט זיין״ מיט כביכול.

אין סאַנדז איז דער וועג צו גאָט געווען אַ גלייכער ווי גלייך עס איז אַ פאָדעם פון אַ העלצל אַראָפּ. אַ פּירינג אַן קונצן, אַן שטיק און אַן קליגלען זיך. נישט צו פרעגן דעם רבונו של עולם קיין קשיות.

מנחה און מעריב דאַווענען, אַ „ברוך הוא״ און אַ „ברוך שמו״, ווער שמועסט אַ בהפזונדיקער „אָמן״ האָט טויזנט מאָל מער געגאָלטן ווי אַ קליגלען זיך מיט דעם וואָס לעבט אייביק.

יאָ, אין סאַנדז האָט מען זיך נישט געקליגלט. נישט חוקר ודורש געווען, נישט געזוכט אַ טעם לדבר צו גאָטס געבאָטן.

ליבשאַפט צו יידישקייט איז אין סאַנדז געווען אַן אָפענע. אהבת השם איז דאָרט געווען איינגעבאַקן ווי דאָס האַרץ אין לייב פון מענטש. פיינט האָבן אַן אַפּיקורס, אַ קעגנער, איז געווען אין דער טבע פון אַ יעדן סאַנדזער חסיד.

כידוע, האָט דער סאַנדזער געהייסן פאַרברענען טויזנטער חומשים, אין וועלכע עס איז געווען אַ פּירוש פון משה דעסער אונטערן נאָמען „דער ביאור״. וואו אַ שטעטל, האָט מען די, וואָס האָבן אַזאַ חומש אין זייער שטוב געהאַט, אין חרם געלייגט און זייערע קינדער און קינדס קינדער פאַרשאָלטן.

דער סאַנדזער האָט געוואָרנט פאַר מרדכי דוד בראַנדשטעטער פון טאַרנע, וואָס האָט אין לשון קודש געשריבן שטעכווערטלעך אויף גוטע יידן. נו, איז געווען געווען, אַז דער רבי זאָל איינמאָל אַ זאָג טאָן „ימח שמו״ און אין די וויטסטע ווינקלען פון גאַליציען, סלאָ־וואַקיי און אונגאַרן, אַז אַ מאַמע האָט געוואָלט שטראָפן איר קינד האָט זי געזאָגט: „דו, ימח שמוניק, וועסט אויסוואַקסן אַ מרדכי דודל, אַז נישט דערלעבן זאָל איך עס!״. און פּלוצעם, אין סאַנדז, אַזאַ גע־שעעניש! עפּעס אַ גויאיש געזאַנג, אַ פּרעכער טאַנץ ווי „נישט גוטע״ וואָלטן זיך באַוויזן. און פון דעם געזאַנג אַרויס און פון דעם טאַנץ אַוועק איז פאַרשוואונדן דאָס געשטאַלט פון רבין זאָל לעבן? וואָס זאָל דאָס באַדייטן? וואָס זאָל עס מיינען?

די סאַנדזער זיינען געווען בערג־יידן — געזונטע, ברייטע, מיט געדיכטע בערד און פּיאות. אַלע ווי איינער האָבן געטראָגן לאַנגע זשיפּיצעס מיט שיפּע קעשענעס אין זיי, פּלושענע היט אויף די קעפּ, אויף די פיס האַלבע שיך און ווייסע זאָקן.

כאָטש אַלע אין סאַנדז זיינען געווען קרעמער, יאַריד־פאָרער, האָבן די סאַנדזער אין זיך געטראָגן אַ פּויערישע ווילדקייט.

צום רבין האָבן זיי געהאַט די ערשטע אַ דריסת־הרגל, בשעת יידן פון דער פרעמד האָבן געקענט ליגן וואָכן אונטערן רבינס טיר. ווען די טיר האָט זיך געעפנט זיינען די סאַנדזער געווען די ערשטע אַרייַנ־צוגיין.

איבער קעפּ פון מענטשן זיינען זיי געקראָכן. ווי און ווינד איז געווען דעם, וואָס האָט געפּרואווט זיי זיך אַקעגנשטעלן. באַלד זיינען זיי אַרויס מיט לשון , פעך און שוועבל, און נישט זעלטן האָבן זיי אַ האַנט געהויבן.

שטאָלץ מיטן סאַנדזער רבין האָבן זיי געגאַסן פון זיין גרויסקייט און געהאַלטן זיך פאַר דאָס „אויבערשטע פון שטויסל״.

אַ גאַנצע וואָך האָבן סאַנדזער יידן געמסחרט אויפן קליינעם מאַרק וואו עס האָבן זיך צווויי מאָל אין דער וואָך געשטעלט יאַרידן.

פון מרחקים האָבן זיי געברענגט כלערליי גרויפּנס צו פאַרקויפן פאַר די אָרעמע בערג־פּויערים ; מחמת די שטיינערדיקע ערד האָט זיי נישט געגנוג שפּייזן געקענט. דאָך, האָט מען תמיד געפונען צייט, אַ קעגנער אַריינצוואוואָרפן פעטש ווי די ברעטער.

אין סאַנדז האָט מען נישט געוואוסט דעם טעם פון רחמנות האָבן און אַלץ איז דאָרט געווען כשר צו פאַרמיאוסן אַנדערע רביים און דורך דעם צו פאַרמערן די פאָרערס קיין סאַנדז. דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, אַז אַפילו ביי אַ שידוך טאָן האָבן זיי חוקר ודורש געווען צו וועלכן רבין דער מחותן פאָרט. דער חתן האָט כאָטש דריי מאָל פריער געמוזט האָבן געווען ביים דברי חיים.

אין סאַנדז האָט מען פיינט געהאַט שוואַכלינגען, אויסגעווייקטע יונגע־לייטלעך. דאָרט איז געגאַנגען חסידות מיט דרך־ארץ צוזאַמען. כח און ברען צו עבודת הבורא.

קיינמאָל האָט מען אַן איידעם אין סאַנדז איינגעשאַצט קעסט. ווי נאָר ס׳זיינען אַדורך די שבע־ברכות האָט מען דעם יונגענמאַן גע־

קויפט אַ בויד, געזאָרגט פאַר אַ גוטן פּלאַץ אויפן יאַריד און איינגע־שפּאַנט אים אין עול פּרנסה. ווייל גאָר נישט מער האָבן די סאַנדזער אַזוי פיינט געהאַט ווי ליידיקגייערײַ, ווי אַרום גיין פּוסט און פּאַס.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען אין סאַנדז געוואויר געוואָרן וואָס ביינאַכט האָט פּאַסירט אויפן קליינעם מאַרק. עס איז זיך גאָר נישט פאָרצושטעלן וואָס דעמאָלט איז פון דער שטאָט געוואָרן.

דער טאָג איז געווען אַ פינצטערער, אַן אומרואיקער, אַ פאַרכמאַרע־טער הימל האָט אָנגעזאָגט פריע שנייען און אַ שווערן ווינטער.

ווינטן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די בערג שפּאַלטן און פריי געהולעט איבער די גאַסן.

אַרום דעם רבינס שטוב איז געווען אין דעם טאָג שטיל.

מיטיק צייט, איז שמחה בונים דורכגעגאַנגען דעם קליינעם מאַרק. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויפגעציטערט.

דאָס פענצטער איז פול געווען מיטן רבינס געשטאַלט געהילט אין אַ טלית.

דער טלית האָט אַרומגענומען דעם רבינס קאָפּ אַזוי, אַז מען האָט מער נישט געזען ווי אַ פּאָר פאַרלאָשענע אויגן און שמחה בונימען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן אויף אים.

אַ דערשראָקענער האָט שמחה בונים אָנגעהויבן לויפן, געלאָפן, נישט כאַפּנדיק דעם אָטעם. ווען ער איז שטיין געבליבן האָט ער אונטער די פיס דערפילט די הילצערנע בריק אויפן דונאַיעץ.

אַ שניידנדיקער ווינט האָט אים דעם קאַפּעלוש פון קאָפּ געריסן. ווי מיט די הענט צו דערגרייכן זיינען געווען די בערג געהילטע אין נעפּלען.

אַ שווערער שטויב־וואָלקן האָט זיך געטראָגן איבער דעם הימל.
שמחה בונים האָט העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דער ווינט האָט אים צענומען די באָרד, אַ געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין קעל:

— אוי, רבונו דעלמא! באַהיט מיך פון דיין שטורם!

דער וועג פון סאַנדז צו דער גרענעץ איז אַ גלייכער, אַ ברייטער, אַ ליכטיקער. ערשט ביים דאָרף יאַזאָווסק הויבט ער זיך אויף צו די פעלזן און זעט אויס אויף די בערג ווי אַ לאַנגע האַנט פאַרוואָרפן אויף אַ גוטברודערישן אַקסל.

אויף דעם וועג איז וואַפּקע אין יענעם פאַרטאָג אַנטלאָפן פון סאַנדז.

דאָס פערד האָט אים געטראָגן וואָס ווייטער און ווייטער. פון אָנפאַנג איז ער געריטן מיטן שטראָז. שפּעטער, איז ער אַראָפּ פון וועג און געשניטן די ווייטקייטן איבער די ברייט פון די פעלדער. דאָס פערד איז מיט וואַפּקען דורכגעשפּרונגען ריוועס, דורכגעשניטן יונגע וועלד־לעך, אָפּילו טייכן און ריטשקעס איז עס מיט אים דורכגעשוואומען.

אַ דערשראָקענער פון דעם, וואָס עס איז מיט אים געשען פאַר־טאָג אויפן קליינעם מאַרק האָט ער מיט די שטיוול געהאַקט אין די פערדישע ריפּן — שנעלער צו די בערג ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש פון גאָטס צאָרן, וואָס קען זיך יעדער מינוט אויף אים אויסגיסן.

פריידן און אומרו האָבן זיך אין וואַפּקען געוועקסלט. אָט האָט ער דערפילט די נאַכטיקע גליסטעניש חוזק צו מאַכן פון געטלעכן מאַן און פלוצעם איז אים אַ געפּיל פון חרטה באַפאַלן: „ווי אַזוי האָבן זיך געקענט מיינע פיס הייבן צום טאַנץ?״ און אָט צינדט זיך אָן אַ תאווה אין אים אַראָפּצוואַרפן פון זיך די קליידער. להכעיס אַלע פרומע און גוטע, אַלע שטילע און שלאָפנדיקע, להכעיס אַלע שעמעוודיקע און פרומע צו בלייבן גאָר שטיין אַ נאַקעטער פאַרן רבין!

וואַפּקע האָט אויפגעציטערט.

ער האָט געטריבן דאָס פערד אָן רחמנות. אין גאַנצן אַ דער־שוויצטס איז עס געפלויגן. די גראָז, די ביימער, האָבן געטאַנצט אַקעגן אים און פאַרשוואונדן.

נישט ווייט פון די בערג איז די ערד אַ שטיינערנע, אַ ווייסע ווי קאַלך. אַ שטאַרקער ווינט האָט זי געהויבן און צעשטויבט אונ־טערן פערדס קלאָען.

סיי וואַפּקע, סיי דאָס פערד זיינען ווייס געווען פון שטויב וואָס האָט זיי אַרומגעהילט ווי אַ וואָלקן און אָט; איז די קלאַטשע אָפּער־געפלויגן פון אונטער אים און ביידע ווי באַזונדער האָבן זיך געטראָגן

אין די לופטן. די פּאַלעס פון וואַפּקעס בעקעשע זיינען געוואָרן פליגלען, דאָס פערד אַ פויגל, דעם פערדס ווידל אויפגעשטעלט, די פיס איינ־געצויגן אַזוי, אַז זיי האָבן נישט באַרירט די ערד.

וואַפּקע און דאָס פערד האָבן זיך געיאָגט ווי זיי וואָלטן זיך געוועט; ווער פון זיי בײדע וועט פריער צוקומען צו די בערג.

אָט איז דאָס פערד געווען פריער. ס'האָט זיך צו די הימלישע הויכקייטן אַרויפגעריסן און ער האָט עס געזען ווי מען זעט אַ ווילדע קאַטשקע איבערן טייך פליען.

— ניין! ער וועט זיין פריער! נענטער צו די בערג און ווייטער פון סאַנדז!

וואַפּקע האָט צעשפּרייט די הענט, זיי אויסגעצויגן אין דער לופטן. מיט אַלע כוחות, מיטן לעצטן ווילן, האָט ער זיך געגעבן אַ ריס פאָרויס און פלוצעם — באַץ!...

ס'איז וואַפּקען טונקל געוואָרן אין די אויגן. מיטן קאָפּ האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין ערשטן פעלז פון די בערג. פון די פערדישע פּאָד־קאָוועס האָבן אַ שפּריץ געטאָן פונקען.

די קלאַטשע האָט זיך אומהיימלעך צעהירזשעט. אַזוי האָט זי באַוויינט וואַפּקען, וואָס איז געבליבן ליגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אַ טויטער לעבן וועג.

שעיה שניידער פון מעליץ

שעיה שניידער פון מעליץ איז געווען אַ מזיק אין מעשיות דער־ציילן. לויטן געמיט, לויט די צאָל קאַרטאָפל אין קעלער, אַזאַ מעשה איז ביי אים אַרויסגעקומען. איז דאָס קעלערל פול געווען מיט שפּייז זיינען די מעשיות געווען פריילעכע. צי דאָס איז געווען אַ מעשה וועגן פּריזיוויניקעס, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „די שטעלערס", וואָס האָבן די שטאָט איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אָדער גאָר וועגן וואונדערלעכע פּורים־שפּילער. טאָמער איז חלילה געווען פּאַרקערט, אויב איטע, די יידענע זיינע, איז געזעסן און באַאַכצט יעדער קאַרטאָפל וואָס ווערט ווייניקער, און צעשניטן זיך די פינגער ביים שיילן זיי, דעמאָלט איז אַ שווערער שוואַרצער וואָלקן געהאָנגען איבער דער שטוב און זיין שווערקייט און טרויער האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אין שעיהס מעשיות.

אַריבערגעוואָרפֿן דעם אַרשין אויף די אַקסלען מיט אַ צעקנעפּלטער האַריקער ברוסט, איז ער געוואָרן ווי אַן אָפּן בוך.

ווי גאָט אין ששת ימי בראשית, וואָס ערד און הימל איז אין זיינע הענט, אַזוי זיינען די העלדן פֿון די מעשיות געווען אין שעיהס הענט.

אַ קליינער, אַ דאַרער און קראַנקער. אַ „זדעכלאַק" ווי איטע האָט אים גערופֿן — איז ער ביים דערציילן אַן אַנדערער געוואָרן. אויף די בלייכע באַקן האָט אַ רויטקייט אויפֿגעבליט, אַ דין שמייכעלע האָט זיך אַהין און צוריק אויף זיינע ליפּן געגליטשט און אין די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָט אַ פֿייערל געברענט.

שעיה איז ווי העכער און ברייטער געוואָרן ביים דערציילן. דער קאָפּ אויפֿגעהויבן, אינם ברוינעם בערדל האָט אַ יעדער האָר געציטערט, דאָס פּנים דערשוויצט, די קנייטשן אַנגעדראָלן.

ווי אַשמדאי, וואָס שטייט אין די הרי־אַררט און שליידערט די זינדיקע אין כּף־הקלע, אַזוי האָט שעיה אין די מעשיות זיינע שונאים געשליידערט.

געווען זיינען אין מעליץ רייכע יידן, גרויסע ערד באַזיצער. געווען אויך יידן וואָס האָבן געבערענגט די וועלט אין שטאָט אַריין. יידן גרויסע עקספּאָרטערן פֿון פֿעדערן, וואָס האָבן באַקענט די שטאָט מיט דער פּאַריזער מאָדע־וועלט.

יעדן דאָנערשטיק, האָט דער יריד פֿאַרפּלייצט דעם מאַרק־פּלאַץ און נישט בלויז שענקן, קראָמען, זיינען פֿול געווען מיט פּוי־ערים נאָר אויך שטובן און בוידימער.

אויף אַ יעדן שפּאַן ערד איז מען געשטאַנען און געהאַנדלט. די גאַסן אַנגעפּראָפּט מיט פֿורלעך, עס האָט זיך צו די הימלען געהויבן אַ געשריי פֿון גענז, אַ הירזשען פֿון פֿערד. מ'האָט אין ערגעץ קיין שפּילקע נישט געקענט וואַרפֿן!

ווייט און ברייט, אין און אַרום דער שטאָט האָט זיך דער יריד צעגאָסן. ס'האָט געשמעקט מיט נייעם צייג און מיט לעדער.

אין די שענקן ביי נאַקעטע טישן זיינען געשלאָסן געוואָרן פּוי־ערישע שידוכים. סכסוכים וועגן אַ גרענעץ פֿון אַ פֿעלד, וועגן אַ שאָטן פֿון אַ שכנס אַ הויז וואָס איז אויף אַ צווייטנס נחלה געפֿאַלן.

אַט דאָס אַלץ איז אין די שענקן ביי אַ קוואַרטירל אָקאָוויט אויס־געגליכן געוואָרן.

נאָר איין שטוב איז געשטאַנען אין דעם צעוויגטן ים ווי גאָר נישט וואָלט געשן...

דאָס איז געווען די שטוב פון שעיה שניידער.

דאָרט האָט פון באַלקן אויף אַ דראָט אַראָפּגעהאָנגען אַ נאַפט־לאָמפּ, דער טעלער פונעם לאָמפּ האָט אין די אונטן געוואָרפן די גאַנצע שיין אויף דעם ברייטן שניידערשן טיש, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרוואָרפענער מיט צייג און אָנגעשטעלט מיט פּרעס־אייזנס און אַ פּרעס־ברעט.

אַט די קאַרגע שיין פון לאָמפּ איז געווען די גאַנצע פרייד אין דער שטוב.

זי האָט זיך מילד אָנגעשלאָגן אויף די נאַקעטע ווייס־געקאַלעכטע ווענט, וואָס זיינען געווען באַהאָנגען מיט נישט אויסגעפּערטיקטע שטיקלעך אַרבעט.

די פיר ווענט זיינען עס געווען שעיהס וועלט, דאָס ווייב זיינס און צוויי געזעלן, — די וועלט־באַוואוינער. דער באַרשט אין טאָפּ — אַלע פאַרגעניגנס וואָס אַ מענטש קען נאָר האָבן.

דעם אמת געזאָגט איז שעיה נישט געווען פון די בעסטע שניי־דער. כאָטש דער קאַלענדאַר אויף דער וואַנט איז געווען מיט מאָסן פאַרשריבן; האָט ער אָבער ביים צושניידן געמאָסטן בלויז מיטן אויג.

„וואָס אַ מלבוש פון אַ היימישן מענטש דאַרף מען מעסטן? מען קען דען נישט איינער דעם צווייטן?"

כל־זמן אין שעיהס וואַרשטאַט איז געווען אַרבעט, האָט עס גע־הייסן די „גוטע צייטן" ביי שעיהס ווייב, דאָס איז געווען דער פרילינג אין זייער צוזאַמענלעבן. אַ לאַנגער פאָדעם אין דער נאָדל, אַ הייס פּרעסאייזן האָט ווי זיסער געמאַכט דעם באַרשט און אַנדערש האָבן געבולטשעט די קאַרטאָפל אין טאָפּ.

געווען אָבער אויך אַנדערע צייטן, די אַממייסטע ביטערסטע אין שעיהס לעבן, ווען קיין אַרבעט איז נישט געווען.

מיטן לעצטן שטיקל אַרבעט איז אַוועק דאָס לעצטע ליד פון געזעלנס מויל. און עס איז פאַרגעסן געוואָרן די לעצטע געשיכטע. די

אַלטע הילצערנע ווענט האָבן אויפגעהערט וואַרעמען און האָט אין דרויסן געמעגט אַ פרילינגס־זון שיינען איז אַ זילבערנע פראָסט אַרויפ־געקראָכן אויף די ווענט. און האָט שעיה „זדעכלאָק״, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען אין וואַרעמען שפּענצער מיטן שאַליק אויפן האַלדז, פאַרטריבן אין בעט אַריין און געמאַכט דאָס פּנים זיינס בלוי ווי אַ מילץ.

ווייזט אויס מן השמים איז עס געווען, אַז אין שעיהס משפּחה זאָל מען שטאַרבן אויף אַן אויסטערלישן אופן. אויך שעיהס פּאָטער עזריאל שניידער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן „עזריאל טראָמב־יאַזש״, איז נישט געשטאָרבן אין בעט זיינעם.

געשען איז עס אין די צייטן, ווען מען האָט געטריבן נאַפּאָ־לעאָנען פון אונטער מאָסקווע.

אויף די יידישע שטעטלעך איז דעמאָלט געלעגן אַ געדעכטע חשכות. יידן געשלאָגענע, אי פון די פּריצים, אי פון די פּויערים האָבן אויסגעקוקט אויף נאַפּאָלעאָנען ווי אויפן גואל.

אַ צייט פאַר זיין באַוויַזן זיך האָט אַ יעדעס אויער געהערט עקבי־המשיח.

דערנאָך, ווען נאַפּאָלעאָן האָט מיט די חילות זיינע דורכמאַר־שירט פּוילן האָט מען אויף אַ יעדן געסל אָנגעוויזן; — אָ, דאָ, איז ער דורכגעפאָרן. אָ, דאָ, האָט דער אימפּעראַטאָר געניעכטיקט!

ווי אַ טאַבאַק־פּושקע, ווי אַ בשמים־ביקסל האָט מען געזאָגט: „דאָס האָט נאַפּאָלעאָן אַ מתנה געגעבן״.

ווען מען האָט נאַפּאָלעאָנען פון אונטער מאָסקווע געטריבן איז די חשכות אין די יידישע שטעטלעך געדעכטער געוואָרן.

„מירן געהערט ביינאַכט אַ קאָטש דורכפאָרן. צו דער לבנה שיין האָט מען געזען אירע זילבערנע רעדער. ביי ביינישׁ גראָס האָט מען אין פענצטער אָנגעקלאַפּט און מען האָט זיך געפרעגט אויפן וועג קיין ווין״.

זינט יידן זיינען יידן איז נאָך אין זייערע היימען אַזאַ טרויער נישט געווען ווי אין יענע צייטן!

נאָר איינער עזריאל שניידער, האָט פון דעם אַלעם געלאַכט:

„ווייס איך וואָס — האָט ער געזאָגט — וואָס איר רעדט דאָרט נאַפּאָלעאָן וועט זיך לאָזן טרייבן? אַ חלול השם אַזאַלכעס איבערן מויל צו ברענגען! אַ קלייניקייט דער אימפּעראַטאָר ירום הודו!״

אַזוי האָט עזריאל נישט אויפגעהערט טענהן און געוואָרן מלא חמה, ווען ס'האָט ווער געפּרואווט איבעררחזרן וועגן נאַפּאָלעאָנס אַנטלויפן.

דאָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז עזריאל האָט אַוועקגעוואָרפן שער און אייזן, גאַנצע טעג — שוין מיט אַ וואָרעם פון צווייפל — איז ער געשטאַנען און געקוקט אין די ווייטקייטן. אָנגעשטרענגט און פאַרביסן. גאַנצע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען און געשוויגן אונטער־ברומענדיק בלויז נאַפּאָלעאָנס קריגס־מאַרש.

אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג האָט מען עזריאלן געפונען אַ טויטן אויפן אָפענעם קייסערוועג אונטער דער שטאָט.

עפּעס ענלעכעס איז געשען מיט זיין זון שעיה.

שעיהס ווייב, איטע, איז שוין געווען אויפן עולם האמת. אויף דער עלטער האָט זי געבוירן אַ זון און געשטאָרבן אין קימפּעט. בלייבנדיק אַליין אויף דער וועלט מיטן קינד האָט שעיה זיך שנעל אויסגעטיוכעט פון אַלע חולאתן. נאָר ער האָט פאַרלוירן דעם חשק צו דער אַרבעט. איבערגעבנדיק זיך מיט לייב און לעבן דעם בן יחיד. פון פאַרטאָג ביז פאַרטאָג האָט ער איינגעהערט זיך אין אָטעם פון קינד און אַזוי וואַכנדיק איבער דעם יונגען לעבן האָט מען שעיה שניידער געטראָפן זיצן אַ טויטן איבערן בעטל פון זיין בן־זקונימל.

ר' הושע העשל

מקדמונים האָבן אין מעריב־גאַליציען געוואוינט יידן אין די דערפער און געווען זיינען זיי פּויערים. געווען אויך יידן פּורמאַנעס, וואָס האָבן מיטן שוויס פון פּנים פאַרדינט זייער ברויט ביים אַרויס־פירן געהילץ פון די וועלדער.

אויך שיפערס אויף דער ווייסל זיינען געווען יידן.

זיי האָבן דאָס אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, ביים שיין פון לאַמ־טערנעס מיט שטאָלענע אָרעמס געשיפט און אַריבערגעפירט דורך די טייכן דורכפאַרערס, ווייל בריקן זיינען דעמאָלט ווייניק געווען.

אַ לאַנגע צייט פאַר הושע העשלס נתגלה ווערן, האָט ר' חיים סאַנדזער געטריבן די דאָרפס־יידן אין שטאָט אַריין זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מקח און ממכר.

וואו נאָר אַ יידישע שטוב האָט זיך געהערט זיין רוף:

„וואוינט נישט צווישן שיינע בערג און גרינע טאָלן״!

כאָטש דער סאַנדזער אַליין, האָט געוואוינט אין סאַנדז צווישן בערג און וועלדער האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַן עונש, וואָס גאָט ברוך הוא האָט אים מעניש געווען.

ווי פאַר אַ פייער האָבן זיך די דאָרפס־יידן פאַר ר׳ חיימען גע־שראָקן. זיי זיינען געווען איינגעוואָקסן אין זייער ערד ווי אַ צאָן אין פלייש. נישט געוואָלט האָבן זיי פאַרלאָזן זייערע דאָרפישע היי־מען. זיי האָבן ליב געהאַט טייכן וואָס זיינען אין די פאַרטאָגן געווען צוגעדעקט מיט נעפּלען. ליב איז זיי געווען דער שאַל־האָרן פון פּאַס־טעך און נישט שיידן האָבן זיי זיך געקענט מיט די פי, מיט די פאַראָסטעטע אָקעראייזנס און מיט די קודלאָטע הינט. דאָס האָט גורם געווען, אַז אָט די פּראָסטע יידן זאָלן תמיד בענקען נאָך זייערס אַן אייגענעם רבי; אַ רבי, וואָס זאָל קומען פון פּויערישן פאָלק.

יאָרן נאָך יאָרן זיינען אַוועק און אַזאַ צדיק האָט זיך נישט באַ־וויזן. ביז עס איז נתגלה געוואָרן דער יתום נאָך שעיה שניידער, וואָס אַ מומע, האָט פון מעליץ געבערענגט, כדי אים, ווי אירס אַ זון, אויפצוהאָדעווען.

פאַרהוילן זיינען די וועגן פון גאָט און נישט אויף זיי קען אַ מענטש טרעטן און באַנעמען פאַרוואָס רעכטס איז רעכטס, און פאַרוואָס לינקס איז לינקס.

קיינער האָט אויך נישט געקענט משיג זיין, פאַרוואָס האָט עס גראָד באַדאַרפט זיין דער בלינדער עליע וואָס זאָל אַ וויז טאָן מיטן פינגער: — אָט איז ער!

דער בלינדער עליע, אַ פורמאַן, וואָס האָט געפירט געהילץ פון וואַלד, וואָס אויף אים האָט מען געמורמלט, אַז ווינטער, ווען די פרעסט זיינען גרויס, פאַרגנבעט ער זיך אין וואַלד און די הענט זיינע זיינען פון גנבה נישט ריין.

אָט דער פורמאַן, האָט זיך צוגעקוקט צו ר׳ הושע העשלס התבודדותן אין די וועלדער, געזען אים פאַרטאָג ביי די טייכן. געזען און געשוויגן. ביז געקומען איז די מינוט, ווען שווייגן איז מער נישט געווען מעגלעך. אויף אַזאַ אופן איז ר׳ הושע העשל נתגלה געוואָרן.

ר׳ הושע העשל, שעיה שניידערס זון, איז אַ צדיק געווען. די וואוינונג זיינע איז באַשטאַנען פון איין גרויסן חדר מיט אַ ליימענעם דיל און געווען איז זי כמעט אָן מעבל.

אין אַ ווינקל, צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע ברעטער איז גע־שטאַנען דער אָרון־קודש פאַרהאַנגען מיט אַ טוכענעם פּרוכת. אַקעגן איבער האָט אַ טיר געפירט צו אַ טונקעלען אַלקיר, אַ ברוגזע האָט דאָרט געוואוינט די רביצין.

לענג אויס דער דרום־וואַנט האָבן זיך געפונען צוויי פענצטער, וואָס זייערע שויבן זיינען תמיד געווען פאַרטרערט פון פּאַרע און מענטשן־שווייס.

אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש צוגעדעקט מיט אַ שמוציקן טישטעך פון פויערישער לייוונט.

דאָס חדר איז געווען מער ענלעך צו אַ קרעטשמע אײדער צו אַ שטוב אין וועלכער ס׳וואוינט אַ גוטער ייד.

זומער און ווינטער, אין די גרעסטע קרירות און אין די טרו־קענסטע חמימות איז דעם רבינס שטוב געווען אָרומגעשטעלט מיט פורלעך.

פון די ווייטסטע מקומות האָבן פּראָסטע יידן געבראַנגט צום רבין זייערע אומגליקן און צרות.

אַ געשריי, וואָס האָט הימלען געריסן ביזן שטילסטן קרעכץ פון אַ מאַמעס געוויין, אָדער אַן אויסרוף פון אַ פאַרצווייפלטן יידנס „לית דין ולית דין!״... האָט זיך דאָרט געהערט.

נישט אַנדערש איז עס אויך געווען אינעווייניק, אין רבינס חדר. כאָטש ווי אַזוי האָט מען עס גאָר געקענט אָנרופן „אינעווייניק״, אַז תמיד זיינען די טירן געשטאַנען אויפגעבראָכן, צעפּראַלטע צו דער גאַס אַרויס. דער ליימענער איינגאַנג האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ בלאָטיקער וועג, וואָס ציט זיך דורכן חדר.

דעם רבינס שטוב איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, מיט ווייבער און מאַנסבילן. די הענט זייערע — צעפלאַקערטע ווי פלאַמען, וואָס פלעגן זיך הויבן נענטער, נענטער צום טיש וואו דער רבי איז גע־זעסן.

ר׳ הושע העשל איז געווען אַ מענטשל ווי אַ ניסל די גרויס. פון יאָרן תעניתים, פון טובלען זיך אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגן אין די אייז־גראָבלעס, פון די שווערע קינדער־יאָרן וואָס ער האָט געהאַט ביי דער מומען, אַ פאַרגרעבטע יידענע, און דער עיקר, פון יידישע טרערן, וואָס זיינען אַרום אים* ווי געזאַלצענע קוואַלן גע־רינען.

פון דעם אַלעם איז ער געוואָרן ווי אַ דאַרע פייג. און כאָטש דאָס פנים זיינס האָט אַרומגענומען אַ קורצע באָרד, אַ געקרויזלטע ווי ביי אַ שעפּס, האָבן די לעבעדיקע אויגן אים גיכער ענלעך גע־מאַכט צו אַ קינד, וואָס כדי דערפון שפּאַס צו טרייבן האָט מען עס אָנגעטאָן אַ זשיפּיצע און אַ ברייטן קאַפּעלוש.

גבאים האָט הושע העשל ביי זיך נישט געהאַלטן.

„אַ פירשפּרעכער, אַ מליץ, דאַרף מען האָבן צו כביכול און ווער בין איך דאָס, אַז מענטשן זאָלן דאַרפן צו מיר גיין דורך אַ פּרוזדור ?

דערפאַר, זיינען אַלע, וואָס זיינען צו אים געקומען, ווי הויפטלעך קרויט געלעגן אויף די פּלייצעס זיינע. אַזוי, אַז פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט זיין שוואַך קול :

— איר דערקוועטשט דאָך מיך! וואָס טוט איר ?

ווען די פאַרזאַמלטע האָבן עס דערהערט האָבן זיי גיכער פון רחמנות ווי פון שרעק אויף אַ ווײַלע זיך צוריקגעצויגן כדי באַלד, מיט מער כח זיך אויף אים אַרויפצושטיפּן און רייסן שטיקער פון רבין.

ווי שוין דערציילט, האָט מען אין סאַנדז הושע העשלען פיינט געהאַט. גערופן האָט מען אים דאָרט נישט אַנדערש ווי „ניעפּאָלי־מיצער גראָבער יונג״. עס איז אויך קיין סוד נישט געווען, אַז קיין גרויסער תלמיד חכם איז הושע העשל נישט געווען. דער איינציקער וועגווייזער זיינער צו גאָט איז געווען אַ קליין, פאַרשוויצט תהילימל, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך.

פיינט געהאַט אין סאַנדז האָט מען הושע העשלען אויך דערפאַר, וואָס ער נעמט קיין געלט נישט. און אַחוץ דעם, האָט ער פאַרשוואַרצט דעם רבישן שטאַנד מיט זיינע מעשי־נערות, דורך קינדישע שטיק און דאָס גלייכן.

אין סאַנדז איז מען מלא חמה געוואָרן, ווען מען האָט זיך דער־וואוסט, אַז ביי הושע העשלן גייט עס שוין אַזוי ווייט, אַז ער פרעגט זיך ביי דאָרפס יידן נאָך, וועגן זייערע קי, וויפל מילך זיי גיבן, וויפל משרתים די יידן האַלטן און אַנדערע נאַרישקייטן, וואָס אַ חרפה איז זיי צו נעמען איבערן מויל.

ר׳ הושע העשלס חסידים זיינען מייסטנס געווען דאָרפסלייט און יידענעס עקרות. געמומען האָט עס זיך דערפון, וואָס גראָד ווי שלמה המלך האָט געקענט די שפראַך פון פייגל און חיות, אַזוי האָט הושע העשל געקענט די נעמען פון אַלע קרייטעכצער, וואָס זיינען אויף דער וועלט פאַראַנען, און וואָס קענען ברענגען יעדן בעל־חי געזונט. ער האָט געוואוסט כלערליי גראָזן אין פעלד, יעדעס בלימל מיט איר בלעטל און קאָליר, און צו וואָס זיי ברענגען נוצן.

נאָך מער, ער פלעגט זאָגן, אַז אין תהילים זיינען זייערע נעמען פאַרשריבן. איז קיין וואונדער נישט, אַז אין די זומערדיקע פאַרטאָגן, ווען די ביימער האָבן געטריפט מיט זשיוויצע און די ערד מיט טוי, האָט מען געזען דעם רבין שטיין ביז איבער די קנעכלען אין גראָז פון פעלד מיט אַ תהילימל אין האַנט, אַ קוק אין סידורל און אַ קוק אויף די פעלד־בלימלעך:

לדוד — האָט זיך אָנגערופן דאָס גרעזל וואָס הייסט דוד.

בשנותו — האָט זיך אָנגערופן דאָס גרעזל בשנותו.

וויפיל ווערטער אין תהילים אַזוי פיל גרעזלעך, בלימלעך, שטע־כעלקעס און אַלץ וועקט זיך, ווען ר׳ הושע העשל רופט זיי. צוזאַמען מיט אים, און ווי נידעריק זיי זיינען; שטייען זיי און וויגן זיך שטיל אין ווינטל און זאָגן אַ שבח צום בורא עולם.

אָפט, האָט מען ביי הושע העשלס טיש געהערט אַ געוויין:

— אָ, רבי, אַ קו האָב איך, גיט זי קיין מילך נישט. די פּאַשע איז אַ זיסע, נישט אַנדערש נאָר אַ קללה פון דעם וואָס לעבט אייביק!

ווען אַ ייד איז געקומען צום רבין מיט אַזאַ ווייטיק, האָבן הונ־דערטער יידן געקענט דעם רבין באַלאַגערן, רייסן די פּאָלעס זיינע, האָט ער נאָר דעם ייד אויסגעהערט און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אים איבערגעפרעגט":

— און וויפיל מאָל גיסטו איר אין טאָג צו טרינקען און וויפיל גיסטו איר ווען זי איז קעלביק?

נאָך דעם, ווי דער ייד האָט דעם רבין אַלץ דערציילט, האָט ר׳ הושע העשל אַרויסגענומען דאָס תהילימל פון קעשענע, געמישט און געמישט און צום סוף געעצהט:

— נעם דאָס בלימל וואָס וואַקסט ביי די ריוועס, אַ געלב איז עס, אין רערל האָט עס מילך. אַ יעדעס מאָל, ווען דו גיסט די קו פאַשע, וואַרף אַריין אין היי זיבעצן בלימלעך כמנין טוב.

מייסטנס האָט הושע העשל מקרב געווען עקרות. דער צער זייערער, די לעכצונג צו ברענגען אַ לעבן אויף דער וועלט האָבן אין רבין געעפנט אַ קוואַל פון ליבשאַפט און רחמנות.

דרייסיק יאָר איז מען צו אים געקומען מיט די זעלבע טענות און יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיי געהערט האָט עס אין אים אַ ריר געטאָן אַ פאַרבאַרגענעם שפּינדל פון אומרו.

ווי שטאַרק עס מעגן די טויערן צו די הימלען זיין געשלאָסן, האָט ער זיי געעפנט. און געפירט האָט אים אַרויף יענער ליכטיקער וועג, אַן אויסגעפלאַסטערטער מיט שטערן.

אַ באַשיינטער, אַ באַגאָסענער פון לבנה ליכט האָט ער זיך גע־טובלט אין טייך. אויסגעטאָן פון אַלע גשמיותן ווי פון אַ קלייד, אַראָפּגעוואָרפן די זשיפּיצע, שיך און זאָקן, אַ נאַקעטער ווי אַ ניי גע־בוירן קינד, ווייט פון מענטשן, פון זייער כאַמערן אין די בעטן, איז ער געוואָרן אַ נאָכטפויגל אַזעלכער, וואָס גיט זיך אַ שמיץ אַדורך פאַרן אויג און צערינט אין דער פינצטערניש. אַ זילבער פליג איז ער געוואָרן, אַ וואַסער מענטש, ווען ער האָט זיך געזען אין טייך־שפּיגל. און אַ שטאַרקייט האָט ער אין זיך דערפילט, וואָס מען קען זי גאָר נישט מיט דער מענטשלעכע השגה באַנעמען און אין אַזאַ מינוט האָט ער געוואָסט ווען זיך זיין מויל עפענען, וועלן זיך די שטערן אַ שיט אַראָפּ טאָן פון הימל, עפּעס אַזוי ווי אַ שניי שיט זיך אַראָפּ פון מענטשנס פלייצעס.

אין אַזעלכע מינוטן האָט דער רבי ר׳ הושע העשל זיך איינגע־שטעלט פאַר יידישע עקרות.

צו הויך אָבער טאָר אַ מענטש זיך ניט אויפהויבן. ווען דער ניעפּאָלימיצער האָט זיך דערמאָנט אין דעם כלל האָט ער שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך די בגדים, כדי צוריק די מענטשלעכע שוואַכ־קייט צו געווינען, כדי ווידער ווערן אַ בשר ודם, צו דערפילן די קילקייט און פייכטקייט פון דער נאַכט. נו, איז אַ וואונדער וואָס אַזאַ צדיק האָט מקרב געווען עקרות?

באַעוולטע פון גאָט האָבן זיי געפונען אַ וועג צום רבין און פאַר אים אָן בישה, ווי אַ פרוי פאַר איר חברטע אַלץ דערציילט.

באַליידיקטע פון דער נאַטור האָבן זיי אים נישט געבעטן נאָר געקומען צו אים מיט טענות ער זאָל זיך מיען פאַרן כסא־הכבוד.

— רבי, דריי מאָל בין איך פאַרגאַנגען אין טראָגן און אַ יעדעס מאָל נישט געקענט מער ווי דריי חדשים דאָס קינד אין די גע־דערים דערהאַלטן. ווי האָט עס נישט כביכול רחמנות אויף אַ יידישע טאָכטער?

שבת האָט ר׳ הושע העשל נישט געפירט טיש און אויך קיי־נעם צו זיך נישט צוגעלאָזן. אַליין איז ער געזעסן אין חדר און שטיל געזונגען זמירות. אַ זמר נאָך אַ זמר.

אין שטוב האָט געהאַנגען דער ריח פון מענטשן, די פוילע נעץ, און דאָס געשריי וואָס זיי האָבן דאָ איבערגעלאָזט.

ר׳ הושע העשל אַליין האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן, שטיל, און מיט אַן אָנגעצויגענער פאַרגליווערטקייט פון אַלע זיינע אברים, האָט ער מנוחה אַרום זיך פאַרצויגן בא שבת, בא מנוחה, — קיין איבעריקן באַוועג מיט די ברעמען נישט געטאָן. געציילט, איינגעוויגט, זיינען דעמאָלט געווען די טריט פון זיין האַרץ און ביזן אָוונט ווען די שויבן זיינען בלוי געוואָרן, האָט ער תהילים געזאָגט.

צו מלווה מלכה זיינען צום רבין געקומען די שטאָט באַלעבאַטים. אויב ערגעץ אויף דער וועלט האָט חלילה קיין אויסטערלישעס נישט געטראָפן, און אונטער דעם רבינס פענצטער האָט זיך נישט געהערט דאָס שנעלע אונטערפאָרן פון אַ פור, אָדער דאָס קלינגען פון אַ שליטן, איז ר׳ הושע העשל געזעסן ביי די הבדלה־ליכט וואָס האָבן דעם שיין אַוועקגעטראָגן העט ווייט איבער די פעלדער, און ביי זיי עפּעס דערציילט. אַזעלכע מעשות האָט מען ביי אַנדערע רביים נישט געהערט. מאָדנע געשיכטן, וואָס האָבן גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט הימל אָדער גאָט. ער האָט דערציילט וועגן אַ חלום, וואָס ער האָט געזען אָדער אַ מעשה וואָס דער פאָטער זיינער האָט אים דערציילט.

געווען אָבער אויך ביי הושע העשלן צייטן פון שפלות הרוח. פון גע־פאַלנקייט, ווען מענטשן זיינען, ווי תמיד, אויף זיינע פלייצעס גע־לעגן, און ער האָט מיט קאַלטע גלעזערנע אויגן געקוקט אויף אַלעמען מיט אַ בליק פון אַ מענטש וואָס פאַרשטייט נישט וואָס אַרום אים

טוט זיך. אַלע יאָרן פון תעניתים זיינען דעמאָלט אויף זיין צורה אַרויסגעקומען און געמאַכט אים אויסזען אַלט און צעבראָכן. געגומען האָט זיך עס דערפון וואָס דאָס ווייב זיינס איז געווען אַן אישה רעה.

זי איז געווען אַ הויכע, אַ ברייטע און מיט אַ מענעריש פנים. זי האָט איר מאַן געהאַסט פאַר זיין „שפיל". זי האָט פיינט געהאַט די מאכלים זיינע די דינע פערלגרויפן גריצן נאָך די תעניתים, זי האָט אויך נישט געקענט פאַרטראָגן זיין שוואַכקייט, זיין פרומקייט און די שנאה זיינע צו געלט.

גראָד דעמאָלט, ווען דעם רבינס חדר איז פול געווען מיט מענטשן, מיט פאַרוויינטע ווייבער, פלעגט זי זיך פלוצעם באַווייזן, זיך אַוועקשטעלן אין דער גאַנצער ברייט און מיט חוזק עפענען איר מויל:

— צו וועמען פאַרט איר נאַראָנים! צו אים? — פלעגט זי ווייזן צום טיש ווי איר מאַן, דער רבי, איז געזעסן — ער טויג דאָך נישט אַ הונט דעם ווידל צו פאַרבינדן!

אין אַזעלכע טעג איז ר' הושע העשל אַריינגעפאַלן אין עצבות און אין שפלות הרוח, וואָס איז גאָר נישט מעגלעך צו באַשרייבן. דאָס געוויין און רחמים פון די מענטשן האָט זיך אַרום אים געגאָסן ווי אַ קוואַל אַרום אַ באַרג. אַרום, אַרום, פון אונטן, פון דער זייט צום האַרץ זיינעם האָט ער אָבער נישט דערגרייכט.

אַזוי האָבן זיך אין טרויער געענדיקט די טעג. שטילע און אומהיימלעכע ווי אַ זון־אונטערגאַנג אויף די אַלטע ווענט פון שטעטל.

מען דאַרף קענען פאַרקויפן

נאָך דער מעשה מיט וואָפקע פערד גנב האָט מען נישט געקענט שטיין נאָענט אין די ד' אַמות פון הייליגן סאַנדזער. אַזויפיל פייער האָט פון אים געשפריצט. שעבוד גלות מצרים איז נישט געווען אַזוי שווער ווי צו זיין אין יענע צייטן אַ סאַנדזער חסיד.

דעם רבינס אויפפירן זיך איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן פול מיט רמזים. ער האָט מענטשן אויפגעהערט רופן ביי די נעמען נאָר לויט צייכנס. דורך אַ וואונק האָט מען אים באַדאַרפט פאַרשטיין. שטעט און לענדער האָט ער אויך נישט באַצייכנט לויט די נעמען.

„פאַר אין דער שטאָט וואו ס׳וואוינט יאָשע גאָלדעס״. פלעגט ער, אַשטייגער, אַ זאָג טאָן. געמיינט האָט עס פאַרן קיין קראָקע.

וואָס עלטער דער סאַנדזער איז געוואָרן, אַלץ האַרבער, האַרטער און ווידערשפּעניקער איז ער געוואָרן צו מענטשן און צו דער וועלט. זיינע טאוונגען זיינען געוואָרן שנעל. דער בליק — אַ בליק פון אַ שפּאַרבער.

מער נאָך האָט ער זיך פאַרטיפט אין לערנען. זיין דאַוונען איז מער נישט געווען קיין תפילה סתם, ווי מען איז עס געוואוינט געווען צו זען ביי אים נאָר אַ וואַרפן זיך ווי מיט קולאַקעס אויף אימיצן.

פונדעסטוועגן איז אויך אין יענע שווערע צייטן אין סאַנדז, ווען דער הויף איז געשטאַנען איינגעהילט אין אַ שווערן שוועבל, וואָלקן, אין טעג ווען ס׳האָט זיך געדאַכט, ס׳וועט זיך שוין קיינמאָל נישט באַווייזן קיין זון־שטראַל וואָס זאָל אויסלייטערן די הימלען אַרום דעם רבין, האָט זיך דער אויסגעבענקטער שטראַל פלוצעם זיך באַ־וויזן, און מיט אַ זאַנפטע קלאָרקייט דעם רבינס פּנים באַגאָסן.

— „גיב אונז גאָט״, — האָבן סאַנדזער יידן געבעטן — „גוטע ערב שבתים״, — געמיינט האָבן זיי — אַן ערב שבת אין וועלכן דער רבי זאָל פאַר קבלת שבת זיך באַרואיקן.

נאָר אין סאַנדז האָט מען געוואוסט וואָס עס הייסט אַ ריין ווייס העמד, מיט אַן אויפגעלייגטן קאָלנער, אויפן רבינס האַלדז, אַ הויכער סאָבל קאָלפּיק אויפן הייליקן קאָפּ, און וואָס עס מיינט אַזוינס ווי דאָס הערן דעם שאָרך פון זייד און אַטלעס אויפן הייליקן לייב.

אָט דאָס אַלץ האָט שטילער געמאַכט דעם רבין.

ס׳איז פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. אין גרויסן רבינס בית־המדרש צינדט זיך אָן אַ ליכטל נאָך אַ ליכטל.

די הענגלייכטער, די פלעמלעך, — אַ הויך, אַ רוחני, נישט מער! די ליכטלעך — ווייסער ביין. די פּרוכתן אויפן אָרון קודש זיינען אויס־געשטיקט מיט הירשן־הערנדלעך. די קאַרניזן אַרום די הייליקע טירן גלאַנצן מיט ברוינלעכן פּאָליטור. מעש, ביין און דעמבאָווע געהילץ, אַלץ ברוינט דאָ אין דער זיסער אייביקייט אַריין.

הערש שמש שפּריצט וואַסער אויפן דיל. פון דער טיפקייט פון כיור האָט ער עס מיט אַ קופּערנע שעפּ אַרויסגעשעפּט. נישט בלויז וואָס דאָס וואַסער לעשט דעם שטויב נאָר די גאַנצע וואָכעדיקייט

לעשט עס אָפּ און עס שמעקט אויף אין בית־המדרש די פרישקייט, וואָס קומט אין די פאַרטאָגן נאָך אַ וואַרעמען פרילינגס־רעגן.

דער סאַנדזער רבי, דער „דברי־חיים", גייט צו צום פענצטער. אַרום איז שטיל, סאַנדז בריט זיך אַצינד אויף דער אויבערשטער באַנק אין שוויץ־באָד.

אין אַזאַ פרייטיק, שפּעט נאָכמיטיק, האָט זיך אַמאָל צום רבינס פענצטער צוגעשאַרט געלע די עפּל־זיצערין. אַן אַלמנה, וואָס האָט כל ימיה געהאַנדלט מיט אויבסט אויפן קליינעם מאַרק, טאַקע קעגן איבער דעם רבינס פענצטער.

— רבי, ס'גייט אַ הייליקער טאָג אויף אונדז, — האָט זי געזאָגט.
— יאָ יידענע, באַלד וועט שבת זיין.
— שבת, — האָט געלע איבערגעחזרט — און איך האָב שבת נישט געמאַכט.
— פאַרוואָס יידענע?

— ווייל בערל סאַדאָווניק, אַז זיין... — האָט זי אויסגעשפּיגן.
— רבי, אַ יידן טאָר מען נישט פליכן, נאָר פון גהינום זאָל ער נישט אַרויס! איך בין מפרנס מיינע עופּהלעך פון דעם, וואָס איך האַנדל

מיט בערלס עפּל און באַרנעס. האָט ער מיר די וואָך געגעבן אַזאַ סחורה, וואָס קיינער וויל אין די הענט נישט נעמען. סאַמע פוילעכץ.

— מען טאָר אַזוי נישט זאָגן אויף גאָטס פרי, — האָט איר דער סאַנדזער געענטפערט — דו ביזט דיר אַליין שולדיק. גיי אין מאַרק, איך קום דאָרט גלייך צו.

ס'זיינען די לעצטע מינוטן פאַר שבת.

אַן אויסגעצוואָגענע ליגט סאַנדז. אָט באַלד וועלן אַלע מיט „לכו־נרננה" טריט, אין האַלב־שיך און זאָקן זיך אַ לאָז טאָן צום רבינס בית־המדרש.

די נאַכט וועט זיין אַ העלע, די לבנה אַ פולע. אין די שטובן בלאַנקט די ווייסקייט פון די טישן אַראָפּ, פון די בעטן אַראָפּ. אויף די דרייפוסן שטייען אויסגעקאָכטע יויכן, פאַרצויגענע מיט פעטע שמאַלץ־הויטן, אויף די פענצטער קילן זיך די ריינדלעך פיש.

פּלוצעם, אין דער לויטערסטער שבת שטילקייט, ווען די קראָמען שליסן זיך מיט ערב שבתדיקער איילקייט און דער ווינט קערט

בחפזונדיק אויס דאָס לעצטע שטויבל, באַווייזט זיך פּלוצעם דער רבי אין מאַרק און לעבן אים גלעלע די אויבסט־זיצערין.

מיט ביידע הענט האָט דער רבי אַ נעם געטאָן צו דריי עפּל — פון איר קאָשיק. אַן אויסגעגלייכטער, מיט אַ לויטער קול עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ווענען צו דער תורה אויפגערופן:

— ביליק אויבסט, שבת־אויבסט, קויפט צאַן קדשים, אויבסט! קויפט! פּאָר אַ פינפערל קויפט!

וויפיל טירן פענצטער דער מאַרק האָט געהאַט האָבן זיך אין זיי מענטשן באַוויזן אין נישט מער ווי אַ מינוט האָט געדויערט איז דער סאַנדזער געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט קעפּ אויף קעפּ.

אין קוישל אַריין האָבן זיך געשיט פינפערלעך, צענערלעך, וואָס טייערער אַלץ בעסער האָבן די מענטשן געטראַכט — מער סגולה צו פּרנסה, צו געזונט, — האָבן זיך אַלע געזאָגט.

ווי אויף דער ערד אַזוי אין די הימלען איז ערב שבת. נישטאָ קיין צייט נאָכצוציילן, חשבונען, און אַזוי ווי דאָס געלט פאַלט צום סאַנדזערס פיס אַזוי פאַלן צום כסא הכבודס שטול אַלע תפילות, און זיי ווערן אָנגענומען.

ס'איז שבת. שנעלער, שנעלער די הילף איז גרייט! די ישועה שטייט אויף דער שוועל! אַ מינוט, צוויי, דריי, נישט מער, און גלעלע האָט געהאַט אַ פול קוישל מיט קופּערנע און ניקעלנע מטבעות.

— זעסט יידענע — האָט צו איר געזאָגט דער רבי ר' חיים סאַנדזער — מען דאַרף קענען פאַרקויפן. און גלייך מיט אַלע האָט ער אָוועקגעשפּאַנט צום בית־המדרש מקבל שבת זיין.

אַנדערש, גאָר אַנדערש אָבער זיינען געווען די זונטיקס און די פולע טעג פון דער וואָך. ווידער קללות און חרמות, שלאָגן פלעגט דער סאַנדזער מיט דער פּייקע־צובוך איבער די פּנימער פון די וואָס זיינען צו אים געקומען זוכן שוץ און הילף. אפשר בלויז איין דוד זשאַכעווער איז אַריין און אַרויס אַ נישט געניזוקטער.

אין אַ זונטיק האָט דער סאַנדזער צו זיך אַריינגערופן ר' דודלען אין זיין חדר מיוחד.

לאַנג און שטיל האָבןביידע צווישן זיך גערעדט. דער רבי האָט דודלען דערציילט פון „ניעפּאָלימיצער גראָבן יונג". וואָס רעדט וועגן קי וואָס קעלבערן זיך און הייסט יידן זיצן אין די דערפער און ער איז גורם, אַז זיי זאָלן יעדער רגע עובר זיין אויף מה נאה אילן זה.

אַרויסבאַגלייטנדיק ר' דודלען פון חדר האָבן די פאַרזאַמלטע אין בית־המדרש געהערט ווי ער האָט אויפן קול געפרעגט:

— „ווי זעט אויס דאָס געגנט אַרום זשאַכעוו, דוד?"

— נישט ווייט פון שטאָט זיינען דאָ גרויסע וועלדער. אין די וועלדער איז די ערד אַ פייכטע, די גראָזן ביטערע, נעענטער צו דער שטאָט זיינען די פעלדער זאַמדיקע — האָט ר' דודל געענטפערט.

— בערג, טאָלן, וואַסערן וואָס פאַלן פון די בערג זיינען אויך דאָרט פאַראַן?

' דודל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— וואו, ביי אונז? אין זשאַכעוו? חלילה! — האָט ער כמעט אויסגעשריען — קאָרן־פעלדער — רבי! אַן אָרעמקייט אין די דערפער, אַז השם ישמרינו!"

דער דברי חיים האָט אָפּגעאָטעמט, אַרויסגענומען די פּאַטשיילע, אויסגעשנייצט די נאָז און געזעגנט זיך מיטן שוחט:

— פּאָר, לחיים ולשלום, אַזעלכע ישובים, כן ירבו!

זינט דעם שמועס האָט ר' חיים סאַנדזער ליב באַקומען זשאַכעוו. און ער פלעגט יעדעס מאָל זיך נאָכפרעגן אויף די דאָרטיקע יידן. פון ליבשאַפט צו זיי האָט ער פאַראיבל געהאַט וואָס מען זעט זיי נישט אין סאַנדז.

אַזוי איז אין סאַנדז געוואָקסן די שנאה צו די וואָס וואוינען אין דערפער. כאָטש אין ניעפּאָלימיץ האָט מען זיי גאָר ליב געהאַט.

האָט זיך אין סאַנדז באַוויזן אַ דאָרפסמאַן האָבן אַלע אין בית־המדרש פון אים חוזק געמאַכט, געוואָרפן אים טישטעכער אין קאָפּ.

די דאָרפסלייט האָבן גערעדט אַ שווערן יידיש, פאַרשפּיצט מיט אַ שאַרפן „ר". האָט זיך אַ ייד דערשלאָגן צום רבין, האָט דער סאַנדזער צוערשט אים האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, געפרעגט:

— מה שמך, ווי הייסטו?

— ראובן — האָט אַזאַ דאַרפסמאַן מיט אַ ציטער געענטפערט.

— ראובן, ראובן — האָט דער רבי געברומט און נאָכגעמאַכט די שאַרפע „ר״, אַ ייד מיט באָרד און פּיאות און קען דעם אייגענעם נאָמען אויף יידיש נישט אַרויסזאָגן. און אַז דער מלאך הדומה וועט דיך אויף יענער וועלט פרעגן ווי דו הייסט, וועסטו דעמאָלט לויפן פרעגן דעם „ניעפּאָלימיצער גראָבן יונג? דעם שניידער־קאָפּ, האַ? וואָס וועסטו דעמאָלט טאָן? וועסט ביי דיינע קי און פערד אָן עצה פרעגן? ביי דיינע שכנים די פויערים, וואָס דו האָסט צו מנין מצרף געווען? דו, וואָס לויפסט שבת דיין פעלד באַקוקן און ביזט עובר פון צו גיין מער ווי אַ תחום־שבת?! פ א ר, צ ו ד ע ם ק ל ו י ס־ ט ע ר י ו נ ג!״ דער רבי האָט דעם דאָרפס ייד אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעשטופּט פון דער טיר.

ווי שוין דערציילט, זיינען יידן אין גאַליציען געווען שיפערס אויף די טייכן. זיי האָבן פיש געפאַנגען און זיי געפירט אין די שטעט אַריין פאַרקויפן. אין די טייכן אַרום סאַנדז זיינען געווען פיל שלייען. האָט דער סאַנדזער געאַסרט די פיש צו עסן מכלומרשט, אַז די שלייען פאָרן זיך מיט וואַסער עכבורים, אָבער אין אמתן האָט ער געוואָלט דערצו ברענגען, אַז די פישער זאָלן מוזן אויפגעבן זייער פרנסה ביי די וואַסערן.

אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט, ווען מען האָט זיך אין רבינס בית־המדרש געגרייט זיך שטעלן מנחה דאַווענען האָט שלמה, איינער פון די יושבים, שווער אַ קרעכץ געטאָן.

שלמה האָט זיך מפרנס געווען פון זיין בני־בית, וואָס איז אַרומ־געפאָרן אויף דאָרפישע ירידים מיט צעלניק. דער רבי האָט זיך כהרף עין אויסגעדרייט, שאַרף אויף אים אַ קוק געטאָן, און געזאָגט:

— יאַ, שלמה, איך ווייס אין וואָס עס גייט דיר. האַ, עול פרנסה? שווער וועט זיין דורך קרירות צו פאָרן אויף ירדים? אָדער די הורבע איז אַוודאי ביי דיר אַ שלעכטע? האָסט ווייניק האָלץ אין קאַמער? קיין קאַרטאָפל אין קעלער?

דער רבי האָט געהערט דאָס קול, אַזוי, אַז מען האָט אים גע־הערט אין גאַנצן בית־המדרש:

— ווידער קומט אַ ווינטער און יידן וועלן זיין ווי איינזאַמע שטאַמען אין די וועלדער, פאַרשאָטן ווערן אין אַ ים פון שנאה און טומאה. איין נשמה וועט דורך מיילן ווייט, טאָג אויס, טאָג איין גאָרן

צו אַ צוויטער כדי זיך מצרף צו זיין צו אַ מנין. פאַרשיט וועלן ליגן די וועגן. קיינער פון די דאָרפסיידן וועט נישט פילן די בענקשאַפט, נאָר אַליין ערגעץ אין אַ ווינקל, אין זיין שטוב לאַמורן דעם „וידבר".

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויף און אַראָפּ געשפּאַנט, ווי זיין טבע איז געווען, און גערעדט צו זיך:

— איינער זאָרגט, וואָס די זופּ איז שיטער, דער צווייטער — וואָס די פּערל זיינען שיטער.

דער סאַנדזער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, פאַרטראַכט זיך און ווידער אויפגעהויבן דאָס קול, דער עולם אַרום האָט זיך איינגעהערט מיט שרעק:

— פון אַלע זייטן רינגלט מיך אַרום די טומאה, באַצווינגט און חוזקט פון מיר. ווי ווייט איז דען פון סאַנדז צום קאַלוואַריער קלויסטער? אַ סאַרנע־שפּרונג איבער די בערג. דאָס בלעקצן פון דאָרט הער איך דאָך יעדע מינוט. דעם שתי־וערב, וואָס זיי מאַכן אויף דער ברוסט שניידט דאָך מיך ביזן בלוט אין האַרצן.

דער דברי חיים איז צוגעגאַנגען צום פענצטער אַרויסגעקוקט אויף דער פאַרנאַכטיקער גאַס, ער האָט איצט גערעדט שוין שטיל:

— פאַרוואָס, אַ, גאָט, פאָטער אין הימל! האָסטו די זיידעס מיי־נע געגעבן גלייכע פעלדער, שטעטלעך אויף זאַמד געבויט? און מיך האָסטו געפירט צווישן בערג און טאָלן, וואָס דערקוויקן דאָס אויג פון מענטשן? אים, דעם ימח שמוניק, גיסטו טייכן און קוואַלן, וואָס היילן דאָס לייב? וואָס מען קען זיך אין זיי זען ווי אין שפּיגלען? ווינטן גיבסטו אים וואָס קילן און גלעטן? און מיך רבונו של עולם! קוים אַ שיעור מקווה? פאַרוואָס טאַטע אין הימל, אַנטפּלעקסטו פאַר יעדנס אויג מעשי בראשית, מען זאָל געשטרויכלט ווערן?...

ווייזט אויס, אַז דער דברי חיים האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע רייד, ווייל ער האָט פּלוצעם איבעררריסן דעם שטילן שמועס זיינעם מיט גאָט, און הויך אַ זאָג געטאָן:

— וידבר ד׳ אל משה לאמור: ועשית כיור נחושת....

מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה.

*

אַלט זיינען די וועלדער אַרום סאַנדז, זיי געהערן צו גראַף סטאַיאַנאָווסקי.

וואו הייבן זיי זיך אָן? און וואו ענדיקן זיי זיך?

אַלע בערג, טאָלן, טייכן און פלוסן, פון איין זייט לעבן הייל־אָרט קרעניץ, פון דער צווייטער ביז שציאַווניץ, געהערן דעם גראַף.

פון קדמונים האָבן דאָרט יידן געהאַלטן אַרענדעס. מייסטנס טאַר־טאַקן. אין די פאַרוואָרפנסטע און טיפסטע טאָלן, ביי די ברעגעס פון רייסנדיקע בערג־טייכן, ביי גרענעצן פון די געדעכטסטע וועלדער האָבן זיי געוואוינט. דאָרט וואו דער גורל, דער באַרג־פּויער האָט נישט געוואָלט וואוינען, האָט אַ ייד געהויערט. ווייל גראָד דאָרט זיינע די ביימער געווען שלאַנקע, דער לויף פון וואַסער אויפן טאַרטאַק ראָד, דאָס ווילדעסטע, די גראָזן צו קענען אַרום דער שטוב האַלטן שאָף — די זיסטע.

נישט געווען נאָך אַזאַ איינזאַם באַשעפעניש אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אַ ייד, וואָס האָט געוואוינט מיט ווייב און קינד אין די בערג. תמיד אַ פאַרטויבטער פון גערויש פון די בערג־טייכן, פון געהייל פון די ווינטן און פון געשריי פון די ווילדע פייגל. אַ פאַר־שטויבטער מיט האָלץ־זעגעכץ, האָט ער נישט געהאַט אַפילו די מינוט ער זאָל קענען אַ טראַכט טאָן פון זיין יידישקייט, פון דעם, אַז דאָס לעבן איז קורץ און פאַרגענגלעך.

צום טרויעריקסטן זיינען געווען די נעכט, ווען דאָס ווייב האָט נאַס געמאַכט דאָס קישן פון טרערן און באַוויינט אירע יונגע פאַר־שניטענע יאָרן, וואָס ווערן אין די בערג פאַרצערט, ווי ס'ווערן פאַר־צערט די איבערבלייבעכצן פון חיות, וואָס זיינען פון וואָלף פאַרצוקט געוואָרן.

דאָך, אַ פרוי איז נישט קיין מאַנסביל. אַ פרוי פאַרגייט אין טראָגן און איר וויטיק ווערט לייכטער, איר טרויער שטילער און האַרטער.

אַנדערש זיינען מאַנסבילן.

כסדר מיט אַ האַרץ פול אומרו. כסדר, פאַראיבל אויף זיך, פול מיט תרעומות אויף וועמען? אפשר אויף דעם רבין וועמענס געבאָט זיי האָבן ווידערשפעניקט און אַוועק נאָך ברויט אין די ווילדערנישן פון די בערג?

צו אָט די יידן האָט געהערט גרשון גראַבשריפט.

גרשונס בליק איז נישט קיין יידישער. אַ שיפער, אַ שפיציקער, אַ פאַרבאָרגענער און אַ גוישע תאווה האָט פון אים געשפּאַרט.

נאָך דער חתונה האָט זיך גרשון גראַבשריפט באַזעצט אין ווילדסטן אָרט צווישן די בערג — אין אַ טיפן טאָל, וועלכן עס האָט אַרומגענומען אַן אַלטער וואַלד.

דעם טאָל האָבן דורכגעשניטן שטאַרקע שטראָמען אויף וועלכע גראַף סטאַניאַנאָווסקי האָט אַוועקגעשטעלט וואַסער־מילן און טאַרטאַקן צו זעגן ברעטער.

אויף אַ ברעג פון אַזאַ ווילדן טייך האָט געוואוינט לאַנגע יאָרן גרשון גראַבשריפט און זיין ווייבל סערל.

גלייך פון אָנהייב, ווי גרשון איז נאָר געקומען אין דעם געגנט האָט ער זיך מיט מענערישער גבורה געווערט אַקעגן דער ווילדקייט. וואָס האָט אים נישט בלויז צעבויגן, ווי אַן אַלטן שטאַם, נאָר זי, די ווילדקייט האָט אויך געפרואווט אים צעקרימען די שפּראַך אין זיין מויל.

מיט ציין און נעגל האָט ער זיך געמוזט טאָג איין טאָג אויס ווערן.

שווער איז געווען דער פרילינג. נאָך שווערער דער האַרבסט. דאָס וואַסער וואָס האָט געשניטן אין טאַרטאַק זיינע בוימער האָט אָפט אין די ערב־פרילינגס זיך צעפּענט און זיך צעגאָסן אויף קילאָ־מעטערס ווייט. דעמאָלט האָט מען געזען די שטוב פון גרשונען אויפן בערגל זיצן ווי אויף אַ קאָם פון אַ כוואַליע. ווער זאָל אים קומען ראַטעווען? ווער זאָל זיין באַשירמער זיין? דאָס יאָר האַרעוואַניע האָט דאָס וואַסער צעטראָגן ווי אויף זיבן ווינטן. מיט אַ פאַרשטיינערטן בליק פלעגט ער זיך צוקוקן ווי זיינע שאָף טרינקען זיך און ווי טויזנט מעטערס וואָלטן זיין לייב געשניטן פלעגט ער זיך צוהערן צום רעווען פון זיינע בהמות.

צי איז דען דער ווינטער בעסער געווען?

דער ווינטער, וואָס האָט פאַרשיט אויף צענער קילאָמעטער ווייט און ברייט — אין יוצא ואין בא! דער הימל האָט זיך אין די ווינטער טעג צעשרפעט מיט די בלויעסטע הימלען און די פרעסט האָבן פאַר־שטיינערט נישט בלויז דאָס געגנט נאָר אויך דאָס האַרץ פון גרשונען.

אָ, פיל ערגער זיינען געווען די טיפע טונקעלע האַרבסטן. צי האָט איר שוין געהערט אין די פינצטערסטע נעכט דאָס געוויי פון אַן אַלטן אומענדלעך גרויסן וואַלד? חיה און שטאָם זיינען דעמאָלט

אַקעגן גרשונען אויפגעשטאַנען. די ווינטן האָבן די בערג אין די לופטן געטראָגן און ווי שיפן אין די טיפע נעכט געשניטן דעם טייך אַהין און צוריק.

מיט ציין און נעגל האָט זיך גרשון אין אָרט איינגעביסן. בלויז מיט צוויי הענט איז ער אַלע סטיכעס אַקעגן געגאַנגען און זיי זיך אַקעגן געשטעלט.

אָ, צו גוט האָט גרשון גראַבשריפט געוואוסט וואָס עס וועט זיין די אונטערשטע שורה פון זיין לעבן. — אַ פורל, דערין אַ ביסל שטרוי, און אין שטרוי ליגט ער, גרשון. אַ פויער פירט אים קיין סאַנדז וואו עס איז דאָ אַן אַלטער יידישער בית־עלמין. ממש ער הערט, רעדן נאָך זיין טויט די שטעטלדיקע יידן, ווי זיי זוכן אַ מנין, וואָס זאָל ביי זיין קבורה זיין.

— ווער איז געשטאָרבן ? — פרעגט מען, ווער ? אַ דאָרפסמאַן.

— ניין, ער וועט נישט זיין ווי די אַנדערע יידן, וואָס וואוינען אין די בערג — האָט ער זיך געזאָגט. ער וויל נישט זיין צווישן די, וואָס לעבן צוזאַמען מיט בהמות און עופות אין שטוב. אין אַ שטוב, וואָס האָט קיין קוימען נישט און דער רויך, ווי אַ וואָלקן, הענגט איבערן פאַרשמאָלצענעם דיל.

אָט די יידן, זיינען אין מושב אויפגעצויגן געוואָרן, און געלעבט האָבן זיי דאָס גאַנצע לעבן זייערס צווישן וואַסער־געברום און פויגל־געשריי. אין אַ מוראדיקער וואַלד־שטילקייט. אויסגעוואַשענע פון די זומער שטורעמס זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די האַרבסט־רעגנס. ווינט און פראָסט האָבן זיי געפּאַטשט, אַזוי לאַנג, ביז די יידן זיינען געוואָרן טויב און טעמפּ. פון די בערג־וואַסערן האָבן זיי ווי אַלע בערג־איינוואוינער באַקומען קראַפּ־העלדזער, אַנגעשוואָלענע נעז און שווער איז געווען צו פאַרשטיין וואָס זיי רעדן.

לאַנג, לאַנג איז גרשון גראַבשריפט געווען אַן אַנדערער. מיט אַן אייזערנעם כח האָט ער זיך געוועירט קעגן דעם, מיט אַלע רמ״ח אברים האָט ער דערפילט די געפאַר וואָס לויערט אויף אים. דער־פאַר, האָט ער לאַנגע יאָרן אַכטונג געגעבן, אַז די שטוב זיינע זאָל האָבן איר יידישן חן. זיינע בגדים זיינען געווען די זעלבע וואָס עס טראָגן די שטאָט־יידן, פון זייער שניט און שטייגער. דאָס געשיר, דאָס מעבל איז געווען אַזוי אַוועקגעשטעלט ווי ביים פאָטער זיינעם אין גריבאָוו.

אין דער צייט פון דער אַרבעט אין טאַרטאַק, ווען ער האָט געמאָסטן ברעטער, צערעכנט זיך מיט די אַרבעטער, האָט געקענט אין דרויסן די גרעסטע פראָסט ברענען האָט ער, שטאָט דעם גאַליציאַנישן פלוש־קאַפעלוש, געטראָגן אויפן קאָפּ אַ יאַרמעלקע. פון אונטער דער סאַמעט וועסט האָט אַפּערגעקוקט דער טלית־קטן מיט לאַנגע אַרבע כנפותן. איז נאָר אַ קאַפּעטשקע דאָס וועטער לינד געוואָרן האָט מען שון פון דערווייטנס דערקענט גרשון גראַבשריפט לויט די בלאַנק ווייסע אַרבל פון העמד, און לויט די פּיאות, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט.

אין סאַנדז האָט מען פון אַט דעם קאַמף וואָס גרשון פירט געוואוסט און אויסגעטייטשט האָט מען עס, אַז גרשון אַכאַטניצער, — לויטן דאַרף צו וועלכן דער טאַל ווי גרשון האָט געוואוינט האָט געהערט, — פירט אַ מלחמה מיט דער ווילדער סביבה. אַ מלחמה, וואָס אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין איר וועט ער פאַלן אַ בייגעקומענער.

פון פרי מאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט איז גרשון געווען פאַרנומען ביי די עסקים; פירן האָלץ פון וואַלד, שניידן, סאָרטירן. ווינטער, ווען די וועגן זיינען פאַרפרוירענע — אַרויספירן די סחורה צום דונאַיעץ. פרילינגס־צייט — צונויפשלאָגן טראַטוועס און אָוועקשיקן די גאַנצע האַרעוואַניע פון קיילעכיקן יאָר הפקר, מיטן וואַסער קיין דאַנציג.

סערל, גרשונס ווייב, האָט אים קיין קינדער נישט געבוירן. כדי וועגן דעם פיל נישט נאַכצוקלערן האָט זי זיך זייער איפערדיק פאַרנומען מיט דער שטוב ווירטשאַפט. אין שטאַל האָבן אויף איר געוואַרט זעקס קי און אין די אַרומיקע וועלדער האָבן אירע פאַסטוכער געפאַשעט צוויי הונדערט אויסדערוויילטע שעפסן.

וואָלט אַ מענטש, מן הצד, זיך צוגעקוקט צו גרשונען און דעם ווייב זיינעם, וואָלט ער גלייך דערקענט, אַז די צוויי מענטשן אין דעם ווילדן העק ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין. דאָך, ווען עס איז געקומען דער אָוונט נאָכן טאָג האַרעוואַניע זיינען זיי איינער אַקעגן צווייטן שטיין געבליבן ווי אָפּגענאַרטע, אַנטוישטע.

נאָך יאָרן, זיינען זיי ביידע געוואָרן שטאַרק געעלטערט, ער גרשון, פון טיפן קומער און אַרבעט. סערל, כאָטש גאָר קיין אַלטע נישט, געריינצלט אויפן גאַנצן פּנים.

נישט געהאָלפן האָט מער דער קו־הישר, די מעשה ביכלעך, די ספרים וואָס גרשון האָט לרוב געקויפט. אָט דאָס אַלץ האָט מער נישט געקענט צעשניידן זייער איינזאַמקייט. אויסדערציילט זיך אַלץ, גלייכ־גילטיקע איינער צום צווייטן איז דאָס הויז זייערס געוואָרן ווי אַ חורבה וואָס קיינער לעבט מער נישט אין איר.

אין די אָוונטן זיינען אין גרשונס הויז זיך צונויפגעקומען זיינע אַרבעטער, פּאַסטעכער. זיי זיינען געזעסן אין דער גרויסער קיך, וואו אויף דער הורבע האָבן זיך געוואַרעמט טעפּ מיט מילך.

פון דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, פון די פאַרשוויצטע ברוינע האַלץ־ווענט האָט געשמעקט מיט שוויערקאַווע, זשיוויצע און שאָפן קעז. מחנות פליגן האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון נאַפט־לאָמפּ און פול געמאַכט דעם סופיט.

אין דער זעלבער צייט איז גרשון מיטן ווייב געזעסן אין דער מיטלשטוב. דאָרט האָבן זיי, אָוונט נאָך אָוונט, געטראָגן די קרוין פון זייער איינזאַמקייט ביז דער שלאָף, דער היילער פון אַלע וואונדן און מידקייטן, פון אַלע קומערן און האַרץ־ווייטיקן, האָט זיי דערלייזט ביזן אויפברוך פון טאָג.

אַמאָל, אין אַן אָוונט, האָט זיך אין דער מיטלשטוב, וואו גרשון איז געזעסן מיטן ווייב זיינעם, אַריינבאַקומען דער ריח פון יונגען ווייך, וואָס גרשונס אַרבעטער האָבן אין דער קיך געטרונקען. — מען האָט אים, פון נאָענטן אונגאַרן, אין ערדענע קריגן געבראַכט פאַר בחצי־חינם. — גרשון האָט דערהערט דאָס שיכורע געזאַנג פון זיינע קנעכט, זייער פייפן אויף די מויל־פייפלעך: „איידאַ, דינאַ, דאַנאַ".

גרשונס ווייב, סערל, איז אַ מידע אין יענעם אָוונט פרי געגאַנ־גען שלאָפן. אַזוי, אַז גרשון איז אַליין געזעסן ביים טיש איבער אַ ספר. ער האָט געקוקט אויף די אותיות מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, ווייל גע־הערט האָט ער דאָס געזונטע לאַכן, וואָס האָט זיך צו אים געטראָגן פון קיך.

גרשון האָט געעפנט די טיר אין דער קיך אַריין. אַלע, שיקסעס און שקצים זיינען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע שיכורע.

ניקידאַ, אַן אַלטער פּאַסטוך מיט אַ גראָען קאָפּ, גלייך צוגעשויי־רענע האָר וואָס זיינען אים געפאַלן אויף די אַקסלען און האָבן אַרויס־געזילבערט פון געדעכטן רויך, האָט געמאַכט ווילדע העויות.

גרשון האָט איבערגעטראָטן די שוועל. ס׳האָט אים אַ שלאָג געטאָן דער ווייַן־געריך אין דער נאָז, דער קאָפּ איז אים שווער געוואָרן. און ער האָט דערזען דאָס פּלעמל פון לאָמפּ ווי מען זעט די לבנה פון נעפּל אַרויס.

פון דרויסן האָט זיך געטראָגן דאָס שווערע און שמיידיקע וויגן זיך פון וואַלד אין די נאַכט־ווינטן, אונטער די ווענט האָבן די שאָף געוויינט פון זייער שלאָף.

— העי, העי, באַלעבאָס, קוק! קוק! — האָט גרשון דערהערט אַ קול.

ניקידאַ האָט צו גרשונען אויפגעהויבן זיין בליק און געזען ווי גרשון ווערט זיך, ער רייסט זיך צוריק צו דער טיר, מיט די הענט האָט גרשון אַזוי געטאַפּט און געזוכט אין די לופטן ווי איינער, וואָס וויל אַוועקשאַרן אַ פאַרהאַנג און קען איר ווינקל נישט געפונען.

ניקידאַ האָט זיך צעלאַכט.

איינער פון די יונגעזעלן האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן די ערדענע וויינקריג צום באַלעבאָס מויל און צו גרשונען אַ זאָג געטאָן:

— טרינק!

ווייזט אויס, אַז גרשון איז שוין אין גאַנצן געווען פאַרטשאַדעט, ווייל ער האָט פאַרגעסן, אַז דער ווייַן איז יין־נסך.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קריג און געטרונקען. משוגע, ווילד, און דורשטיק. גרשונס ליפּן האָבן געגליט. אַלע יאָרן וואָס ער האָט דאָ מיטן ווייב זיינעם פאַרברענגט אין דער ביטערער איינזאַמקייט האָט זיך געדאַכט וויל ער אַצינד פאַרגיסן אָדער לאָזן איבערגליען אין אַ פלאַם.

גרשון האָט געטרונקען אומאויפהערלעך און וואָס טיפער ס׳האָט זיך פון דער טאָן־קריג אַרויסגעהערט דער קלאַנג פון זיין זשלאָקען אַלץ בעסער און לייכטער איז אים געוואָרן. אָט צו וויינען און אָט צו לאַכן.

דער פאַסטעך האָט אַוועקגעריסן די קריג פון גרשונס מויל. דעמאָלט האָט גרשון צעשפּרייט די הענט און שוין אַ שווער־שיכורער, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרבונדענע אויגן, האָט ער געזוכט צום לעצטן

מאָל די טיר פון זיין מיטלשטוב. מער האָט ער זי נישט געפונען. קיינמאָל מער נישט! אַ רעזיגנירטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע און דערפילט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט פון נאַקעטע ווייבערשע אָרעמס, וואָס האָבן אַרום זיינע פיס זיך געפלאָכטן. ניקי־דאָס ליולקע האָט געדעכטער געראויכערט און אָנגעהויבן פּראָוזען זיינע שוואַרצקונצלערייען.

גרשון האָט די אויגן געעפנט און געזען:

די ווענט פון דער קיך זיינען מיט אַמאָל געוואָרן געדעכט באַ־וואַקסן מיט גרינע אַרבעס שויטן. ניקידאַ האָט נישט אויפגעהערט בלאָזן דעם רויך פון זיין פּייקע אויף די ווענט.

פּאַמעלעך האָט זיך דער רויך צעבונדן. אָט געוואָרן ווי אַ וואונ־דערלעכער טיול און אָט צעשרויפט זיך צו וואָלקנס אויף אַן אומ־רואיקן ווינטיקן הימל און, ווען זיי זיינען צערונען — האָבן וואונ־דערלעכע בלומען באַדעקט די ווענט און האָבן זיך אַזוי געעפנט ווי בלומען אין האַרבסט אין אַ פּריצישן גאָרטן.

גרשון האָט פאַר שרעק פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט זיי צוריק געעפנט און געזען גלייכע אומענדלעכע ליינען, ליכטיקע וועגן האָבן אַצינד פאַר אים די וועלט אויפגעשלאָסן. העל האָבן געלויכטן די האָריזאָנטן, ברייט האָט זיך געעפנט דאָס לאַנד פאַר אים.

גרשון האָט געגאַפּט, באַלד אָבער האָט אַ געוויין פון קלאָרע טרערן פון זיינע אויגן אַ פליוך געטאָן. די פאַרשאָלטענע בערג, די פינצטערע וועלדער, די אָפּטע שטורעמס זיינען פאַרשוואונדן. אויך איז מיט אַמאָל פון אים אויסגערונען זיין גאַנצע יידישקייט, זיין פרומקייט און פאַרשעמטקייט. אַ פאַרבאָרגענער כח איז אַרויס פון די פינצטערע באַהעלטענישן און געשלעפּט אים צו די שקצים און שיקסעס.

מעשיות, וואָס בטלנים האָבן דערציילט דעם דברי חיים

אין דער נאַכט ווען גרשון גראַבשריפט איז געלעגן אַ שיכורער ביי דער זייט פון זיינע פּאָסטעכער איז דער שלאָף פון סאַנדזער, דער רבי ר׳ חיים, געוואָרן אַ וואָגלער. נישט צו ליגן אויף דער רעכ־טער און נישט אויף דער לינקער זייט. מאָדנע חלומות האָבן דעם צדיק אין דער דאָזיקער נאַכט געפּלאָגט. קורצעדרימלען האָבן ר׳ חיימן ווי מיט קאַלטע אָרעמס אַרומגענומען און באַלד צוריק אָפּגע־לאָזט. אַזוי ביז פּאַרטאָג.

אין פּאָליש, לעבן דעם רבינס בית־המדרש, האָבן געוואוינט צוויי בטלנים נע־ונדניקעס ביידע האָבן זיך מפרנס געווען פון דעם, וואָס זיי האָבן געשריבן נומערן אויף די „סאַנדזער קוויטלעך״, וואָס האָבן אין דער ניטל נאַכט געדינט אַלס קאָרטן, (דער דברי חיים האָט נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן אין דער ניטל־נאַכט שפּילן אין די „אייבער־אייכל״ קאָרטן פון פּיאַטניקן, וואָס האָבן אויף זיך געהאַט מענטש־לעך, ווי דויבער און מכשפות).

זרח און צדוק זיינען געווען די נעמען פון די צוויי בטלנים, צוויי פּוילאַקעס, ליידיקגייער און נאַכקלערער. די איינציקע זיינען זיי געווען וואָס האָבן געוואַגט צום דברי חיים צו קומען מיט פראַגעס אַזעלכע, וואָס אין סאַנדז האָט מען איבערן מויל זיי נישט געטאָרט נעמען — ווי וועגן תכלית פון לעבן וכדומה.

— „פרעגט בטלנימלעך, מיינע״ — פלעגט דער סאַנדזער צו די בטלנים זאָגן, און ווען זיי האָבן געפרעגט אַזעלכעס, וואָס שווער איז געווען דערויף צו ענטפערן, האָט דער דברי חיים זיי אַ כאַפּ געטאָן ביי די קעלנער און אין פּאָליש אַריינגעוואָרפן.

נישט קיין הונגער, נישט קיין לייז אין העמד האָבן די ביידע בטלנים אַזוי געפּייניקט ווי דאָס, וואָס דער טאָג איז קליין און שוין ווידער מוז מען אַראָפּציען די שטיוול און אויסציען זיך אויפן טיש

צום שלאָף. אַ מעשה אָן אָן עק — האָט זרח אַ זאָג געטאָן, און נישט פאַרשטאַנען דעם תכלית פון דעם.

זרח איז אַמאָל געווען אַ באַווייבטער. אין ריגליץ אונטער טאַרנע האָט ער מיט זיין ווייב געוואוינט. וויפיל אָבער איז געווען די מאָס פון זיין ווייבל צו ליידן פון אים?

ער איז געזעסן אין בית־המדרש און געבעטלט און דאָס ווייב האָט לעבן דער שטוב געפירט אַ קרעמל מיט פויערישע שיך.

מאַכט זיך, אַז די יידענע איז קראַנק, און ליגט אין אַלקיר ביים קרעמל און זרח איז ווי דער לעגענדאַרער שאול וואָל, געוואָרן קעניג אויף איין טאָג. דאָס מיינט דער פאַרקויפער פון די שיך.

קומט אַריין אַ פויער און וויל קויפן אַ פּאָר שטיוול.

— וויפיל — פרעגט דער פויער — וועלן קאָסטן אָט די „גייערס?"

— זעקס קראָנען — ענטפערט זרח.

דערהערט פריידל, זרחס ווייב, אין אַלקיר וואו זי ליגט און קרענקט — שרייט זי מיט באַנומענע קולות:

— טפש, נאַר, שוטה, וואָס פאַרלאַנגסטו זעקס קראָנען, די שטיוול קאָסטן דאָך מיך אַכט. שמויכער, פרנסה־באַגרעבער, אומגליק מיינס! אוי, האָט מען מיך באַמאַנט, אַז אַזוי באַמאַנט זאָלן ווערן אַלע שונאי ישראל!

— וואָס שרייסטו, נאַרישע יידענע? לויפט זרח צו דער טיר פון איר ליגעכץ — אַ מסחר דאַרף מען קענען פירן! איך בעט דאָך זעקס קראָנען, איך וועל אים נאָך אַרויפציען אויף אַכט. קענסט דיך פאַר־לאָזן אויף מיר.

דאָס איז געווען זרח.

צדוק איז געווען אַ פיל, פיל גרעסערער „חכם" ווי זרח. די נאַ־טור האָט אים נאָך „באַשענקט" מיט אַ שוואַרץ ציגן בערדל און אויגן וואָס האָבן געזעצן קוים אויף אַ האַלבן טפח ווייט, אַזוי, אַז אַלע וועגט זיינען אים אַקעגן געגאַנגען און אין זיין פנים זיך אָפּגעשלאָגן.

איינמאָל האָט צדוק באַקומען געשענקט אַ פּאָר ברילן. האָט ער ערשט דערזען וואָס אַרום אים טוט זיך.

צו וואָס פאַרשווייגן. צדוק איז כל ימיו געווען זיכער, אַז די וועלט איז סאַנדז, דאָס בית־המדרש, דער קליינער מאַרק און דערצו

אַ צוויי דריי גאַסן וואָס זיינען לעבן מאַרק געלעגן. נאָכן אָנטוען די ברילן נו, נו, האָט זיך דאָס פּאַר אים געעפנט אַ וועלטל...

אין בית־המדרש האָט מען אָפט גערעדט פון אַמעריקע. וואָס דאָס איז, וואו דאָס איז האָט צדוק נישט נאָכגעקלערט, ער האָט בלויז געהערט, אַז פּיתום און רעמסס, אַזוינס און אַזעלכעס!

אָנגעטאָן די ברילן, דערזעענדיק סאַנדז, האָט ער נישט אויפגע־הערט צו רעדן צו זיך; — אַמעריקע! אַמעריקע!

ראש השנה איז ער מיט אַלע גלייך, ווי תמיד, אַוועק צום דונאַיעץ אויף תשליך, אָן די ברילן האָט ער קיינמאָל נישט געזען דעם צווייטן ברעג און זיכער איז ער געווען, אַז דאָרט איז עק וועלט און פּלוצעם. ער זעט פעלדער, אַ פּאָר פויערישע כאַטעס, אַ וועלדל לויפט אַראָפּ פון אַ בערגל. מלא התפעלות האָט ער אויסגערופן.

— ווי גרויס איז דיין וועלט, גאָט!

— נאָך גרעסער דיינע נאַראָנים! — האָט ווער אונטער די פּליי־צעס זיינע געענטפערט.

אַ צווייט מאָל האָט צדוק אין אַ פּראַסטיקן שנייאיקן טאָג גע־האָלפן אַ פרעמדן חסיד גיין אין די סאַנדזער מקוה; אַ גליטש, סכנות! דער חסיד, ווי אַ חסיד אין האַלב שיך און ווייסע זאָקן און צדוק אין שווערע שטיוול געקאָוועט מיט אייזנס.

זאָגט דער חסיד צו צדוקן:

— צדוק, זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס גליטש איך מיך יאָ און דו, גליטשסט דיך נישט? צדוק האָט אַ טראַכט געטאָן און גע־ענטפערט:

— איר פאַרשטייט ר׳ הענעך, די מעשה איז די, אַ פערד, אַז עס איז נישט געקאָוועט גליטשט עס זיך.

פון קינדהייט איז צדוק געווען אָן אַ היים, אָן משפחה. אַ לעבן לאַנג האָט ער אַרומשפּאַצירט אויף גאָטס וועלט ווי להבדיל אַ רינד אויף אַ פּאַסטוויסקע. טויזנט קשיות האָבן אים געמוטשעט און קיין ענטפער אין ערגעץ נישט צו געפינען. וועלנדיק ווען עפּעס זאָגן האָט ער עס געטאָן מיט אַ משל. דערפאַר האָבן אים די בית־המדרש בחורים גערופן „צדוק, וישא משלו".

צו די צוויי בטלנים איז דער סאַנדזער אַריינגעגאַנגען נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, אין פּאַליש, דאָס אָרט פון זייער געלעגער.

צוערשט האָט ער אַ טרייסל געטאָן זרחן:

— דערצייל מיר — האָט דער דברי חיים געזאָגט — וואָס האָסטו געהערט וועגן ראָפּטשיצער ז״ל?

זרחס האַלדז־קנעפּל איז אַ לויף געטאָן. די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, פאַר שרעק איז אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

— דערצייל, דערצייל! — האָט דער סאַנדזער האַרט באַפוילן.

ווי אַ ליכט־שטראַל וואָלט דורכגעשניטן זרחס מח איז אים אין קאָפּ ליכטיק געוואָרן. דאָס קליינע וואונדער טירל צום געדעכעניש קעסטעלע האָט זיך ביי אים געעפנט און ער האָט אָנגעהויבן:

— רבי, איך וועל נאָר אַ לויף טאָן וואַשן די הענט, קריאת־שמע זאָגן, וועל איך דערציילן אַ שיינע מעשה וועגן ר׳ נפתלי ראָפּטשיצער ז״ל.

—גיי און קום — האָט דער צדיק געזאָגט.

זרח איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, אַרויפגעצויגן די שטיוול, אַרויסגעלאָפן צום כיור, באַלד צוריקגעקומען אַ פּיכטער, מורמלענדיק קריאת־שמע, אָוועקגעזעצט זיך און אָנגעהויבן צו דערציילן.

— אין זשאָכעוו, האָט זרח אָנגעהויבן, איז קיינמאָל מער נישט געווען ווי אַ מנין יידן, אָבער, אויך נישט ווייניקער ווי אַ מנין. איז אַ ייד געשטאָרבן איז אויף זיין אָרט אַ קינד געבוירן געוואָרן. אין זשאָכעוו איז דאָ אַן אַלטע שול און אַ בית־החיים. אַמאָל איז דער ראָפּ־טשיצער זכותו יגן עלינו, געקומען קיין זשאָכעוו. גייענדיק אין מאַרק האָט ער באַגעגנט אַ מיידל און זי געפרעגט:

— זאָג מיר טאָכטער, כ׳בעט דיך, צו וואָס דאַרפן זשאָכעווער יידן אי אַ שול אי אַ בית־עלמין. ביי אייך איז דאָך תמיד דאָ נאָר אַ מנין יידן, נישט מער, און נישט ווייניקער? פרעגט זיך, לעבן אַלע, צו וואָס דאָס בית־החיים? חלילה, שטאַרבט ווער, איז דאָך קיין מנין נישטאָ, צו וואָס די שול?

— צו וואָס? האָט דאָס מיידל אַ פאַרדראָסיקע געענטפערט, — מיר דאַרפן דאָס בית־עלמין פאַר פרעמדע.

דער סאַנדזער האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און ערשט שפּעטער אַ שמייכל געטאָן.

— וועל איך, רבי, דערציילן עפּעס שענערס — האָט זיך צדוק אָנגערופן, — אויך אַ מעשה וועגן ראָפּטשיצער צדיק.

— דערצייל, צדוק — האָט אים דער סאַנדזוער געמוטיקט.

דאָס טרעפונג האָט געטראָפן, רבי, אין אַן ערב שבת. אויפן וועג, ווען דער ראָפּטשיצער איז געפאָרן מיט חסידים אויף שבת קיין לאַנצוט. האַרט פאַר דער שטאָט פירט דער וועג באַרג אַרויף. האָט מען געמוזט אַראָפּקריכן פון וואָגן כדי לייכטער צו מאַכן די פערד דעם גאַנג.

דער ערשטער, איז פון דעם וואָגן אַראָפּגעגאַנגען דער ראָפּטשיצער ז״ל. למה הדבר דומה, — צו אַ שר און זיינע חילות. וואָס דער שר טוט, טוען די חילות נאָך.

אַ לענגערע ווײַלע האָט דער צדיק געשפּאַנט אויפן שטראָז ווי תמיד, אַ פאַרטראַכטער. די חמימה איז געווען גרויס. אַ וואָך נאָך שבועות, קיין וואונדער נישט! ר׳ נפתלי איז שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך אויף די אַרומיקע פעלדער, אויף די תבואות און גראָזן, אויף די בוימער און טייכן, איינגעהערט זיך אין געזאַנג פון פייגל. ממש געוואַשן זיך אין די ליכטיקע קלאָרקייט פון העלן בריענדיקן טאָג! פּלוצעם, האָט דער רבי נאָך אַ צווייַ שפּאַן געטאָן, אַזוי שנעל, ווי למשל עס טוט עס אַן אינד, וואָס אין שיר השירים איז ער באַשריבן, און שוין האָט זיך ר׳ נפתלי געפונען אין מיטן פון די פעלדער.

די חסידים זיינען פאַרגליווערט געוואָרן! ווייל, אַ שפּרונג איז עס געווען ווי אַ פויגל פלי, ווי מיט די פליגל פון אַ מלאך געהויבן, און אָט, זעען זיי אים פון דער ווייטנס. אַ הויכן, אַ מעכטיקן, ער וואַקסט וואָס אַמאָל העכער איבער די פעלדער אַרויס. ער הייבט צו די הימלען דעם הייליקן קאָפּ, צעשפּרייט די הענט און עפּעס אַ גרויסע ליכטיקע גדולה שטראָמט פון אים, און די חסידים וואַרטן. ווייל באַלד וועט דאָך פון זיין הייליק מויל אַ גרויסער שבח צום בורא עולם אויפגיין.

דערווייל, האָט דער צדיק איינגעאָטעמט דעם ריח פון די פעלדער, און זיך אָנגעטרונקען מיט די זאַנפטקייטן, וואָס האָבן זיך פון די בלימלעך געטראָגן. אונטער אַ בוים איז ער אַרונטער און הנאה געהאַט פון זיין שאָטן. דורך אַ ריטשקע איז ער ווי אַ יינגל דורכגעשפּרונגען און געשפּיגלט זיך אין די וואַסערן.

דער סאַנדזער האָט דעם בטלן נישט געלאָזט ענדיקן, מיט געַ־ביילטע פויסטן האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צדוקן.

— פוילאַק, האָסט דיר די הענט נישט געוואַשן, קיין קריאת־שמע נישט געזאָגט! ריחות־רעות ליגן אויף דיין שפּיץ צונג און זיי זיינען דאָס מחרף און מגדף!

צדוק האָט זיך איינגעדרייט אין דרייען, פאַר שרעק, איז זיין קליין קינדיש פּנים בלייכער געוואָרן און דאַך, האָט ער צווישן די ציין, קוים צו הערן געשעפּטשעט:

— ס'איז אמת רבי, ס'איז אמת! וואָס איך דערצייל.

— וואָס איז ווייטער געשען? טיפּש איינער — האָט דער סאַנדזער געפרעגט.

— וואָס ווייטער? יאָ, וואָס ווייטער? לאָזטשע מיך אויסריידן — און ווי די חסידים זיינען אַזוי געשטאַנען פאַרשטאַרט און פאַרוואונ־דערט געקוקט אויף דעם צדיק האָט דער ראָפּטשיצער אויסגעשריגן:

— ווי דאָ שמעקט! אַ מחיה! מיט ארץ־ישראל שמעקט דאָ! מיט הייליקייט שמעקט דאָ! מיט גן־עדן ריחות שמעקט דאָ! די ערד איז דאָך דאָ אַ הימל! די ערד איז דאָך דאָ וואָרעם און גוט!

דער סאַנדזער האָט אויפגעציטערט. וואָס פאַר אַ רייד רעדט עס דער טיפּש?

ער האָט געפּרואווט אַנשרייען אויפן דערציילער, נאָר כּוחות האָבן דעם רבין פאַרפעלט צו מאַכן פון דעם שלים־מזל כּלו — פאַרלענדן אים אין דער רגע.

און דער סאַנדזער האָט ווייטער געפרעגט:

— וואָס איז ווייטער געשען?

— דאָס האָט פּאַסירט ערב־שבת, און אין זעלבן מוצאי־שבת איז דער ראָפּטשיצער נפטר געוואָרן און דאָרט צו קבר ישראל געקומען.

דער סאַנדזער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. דער אויסדרוק אויפן פּנים איז געוואָרן מילד. מיט אַ פּאָטערלעכן שמייכל, פול מיט חרטה, וואָס ער האָט אויף דעם בטלן געשריגן האָט ער אויף צדוקן אַ קוק געטאָן מיט ליבשאַפט און זיך ווי זיין טבע איז געווען — פאַרטראַכט.

לאַנג האָט דער סאַנדזער געשוויגן. מיט די קורצע גראָבע פינ־גער איז ער זיך אַריינגעקראַכן אין דער געדעכטיקייט פון דער באָרד.

אַרויסגענומען און ווידער אַריינגעשטעקט. אויפגעשטעלט זיך און צו־געגאַנגען צום פענצטער. פלוצעם האָט ער זיך אויסגעדרייט און זיך געווענדעט צו זרחן.

— דערצייל דו עפּעס זרח?

— איך קען דערציילן וועגן טויט פון גרויסע צדיקים.

— וועגן טויט פון הייליקע צדיקים — האָט דער סאַנדזשער אים אויסגעבעסערט.

— אין זשאָכעוו — האָט זרח אָנגעהויבן — איז דאָס בית־החיים אַן אַלטס, זייער אַן אַלטס. אפשר דאָס עלטסטע אין דער וועלט! קיין גדר האָט עס נישט, און עס ליגט אין אַ פרייען וואַלד ווייט פון דער שטאָט. אויך מצבות שטעלט מען אויף דעם בית־החיים נישט. דער־קענען דערקענט מען וואו דאָס בית־עלמין געפינט זיך, לויט אַכט הויכע אַלטע, סאָסנע ביימער, וואָס וואַקסן דאָרט. פאַרוואָס מען שטעלט אויפן זשאָכעווער בית־החיים קיין מצבות נישט, איז די מעשה נפלא אַזאַ:

— געוואוינט האָט אין זשאָכעוו, מיט יאָרן צוריק, אַ פרומער ייד, אַ למדן, אַ גרויסער גביר, ר׳ דוד אַלטשטעטער איז געווען זיין נאָמען.

האָט דער שטן, ימח שמו! ר׳ דודן געגעבן אַ געדאַנק, ער זאָל זיך פעדערן און גיין אָננעמען זיך די קריוודע פון די פויערים. ווייל די פויערים ווערן דאָך כידוע, פון די פריצים געפּלאָגט.

איז ר׳ דוד אַרויס אין מלחמה קעגן די פריצים, נקמה נעמען פאַר די פויערימס עוולה. אַ גרויסע אימה האָט ער מיט זיין גבורה אויף אַלע אָנגעוואָרפן. אַזאַ אימה, ווי עס האָט אויף די פריצים אָנגע־וואָרפן יאַקאָוו שיעלאַ, דער פוילישער רוצח, וואָס האָט פיל פריצים דערהרגעט און זייערע פאַרמעגנס צו רויב געמאַכט. אַזוי, אַז מען האָט אָנגעהויבן ר׳ דודן רופן „דוד קרול״, איבער דער גרויסער גבורה זיינער.

אין יענע יאָרן האָבן איבער לענדער און ימים געוואַנדערט אַכט הייליקע צדיקים, אָפּשטאַמיקע פון די גולי־ספרד. זיי האָבן פון אבות אבותיהם איבערגענומען, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן דאָרט, וואו אויף זייער וואַנדער־וועג וועלן זיי אָנטרעפן יידן, וואָס וועלן זיך וועלן שטויבן אין שטויב פון די צדיקימס פיס.

האָבן זיי געוואָנדערט. אַ לעבן לאַנג האָבן זיי געוואָנדערט — וואו זיי זיינען געקומען, האָבן די צדיקים געטראָפן יידישע ישובים פאַרטאָן אין מסחר איבער די אויערן — פאַרשטייט זיך, — האָט זרח אַ כאַפּ געטאָן דעם אָטעם, און געזאָגט — מסחר איז קיין חטא נישט. אָבער זיין דערין פאַרטאָן דאָס גאַנצע לעבן, יומם ולילה — טאָג און נאַכט און האַלטן זיך פאַרן אויבערשטן פון שטויסל, פיינט האָבן תלמידי־חכמים, בלאָז פון זיך, איז שוין גאָר אַ גרויסער חטא און טאַקע אַן עבודה־זרה, אַז נישט געפּרואווט זאָל מען ווערן!

האָבן די צדיקים נישט אויפגעהערט שפּאַנען איבער די פאַר שטויבטע וועגן פון דער וועלט. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, ווי שאָטנס זיינען זיי געקומען און ווי שאָטנס — פאַרגאַנגען. צו זייער וואָרט האָט זיך קיינער נישט צוגעהערט. דאָס מתיקותדיקע קול האָט בלויז דער פויגל אין פעלד באַנומען. האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שוועל, די מידע פיס אָפּרוען. זיינען באַלד געקומען אָפּשפּעטערס געצירטע אין גאָלד און אין זילבער, וואָס גאָטס וואָרט איז שוין וויין וייט און פרעמד געוועזן פון זייערע פאַרפעטסטע הערצער און חוזק און שפּאָס פון די צדיקים געטריבן. זיינען די צדיקים אין גאָס געגאַנגען, האָט מען זיי פון וועג געיאָגט. אַזוי, זיינען זייערע טעג אַוועק ביז אַלטע, מידע, זיינען זיי געקומען קיין זשאַכעוו.

אין יענע צייטן איז זשאַכעוו געווען אַן עיר ואם בישראל. וואָס איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען, אַז אַלע אירע איינוואוינער סיי יידן סיי גויים זיינען געווען פאַרטאָן אין גזלה.

די פּויערים האָבן באַרויבט די פּריצים. גאָלד, זילבער, טייערע כלים זיינען געוואָרן בחצי חינם. מיט עסטרייכישע פּאַפּיר דוקאַטן האָט מען די ווענט אויסגעקלעפּט. טייערע מאכלים געוואָרפן ביי די מאַגנאַטן, ווי ציילאָנער טיי, וכדומה, האָבן די פּויערים פאַר די חזירים געוואָרפן.

אָבער, ווי דער סדר העולם איז: כיון שנתנה רשות למשחית אינו מבחין בין טוב לרע. האָבן די פּויערים באַנדעס אָנגעהויבן באַפאַלן יידן. יש אומרים, אַז עס האָבן זיך געפונען מאחינו, וואָס האָבן אָנגעוויזן די רוצחים, ווער ס'האָט גאָלד און אבנים טובות.

ווי די פּריצים האָבן זיך יידן געמוזט אין די קעלערן באַהאַלטן און שיצן זיך פון זייערע נוגשים. אָבער ס'האָבן זיך געפונען אַזעלכע

יידן ימח שמם! וואָס האָבן געפּירט די רוצחים ווייזן ווי יידישע קינ־דער ליגן באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן געמיינט דורך דעם אויסצוקויפן זייער לעבן און פאַרמעגן פון דעם רוצחס האַנט. אַזוי האָט אַ ברודער זיין אייגענעם ברודער אַרויסגעגעבן, אַ זון — אַ טאַטן, פאַר וועלן ראַטעווען ס׳אייגענע לייב האָט מען אַפילו דעם מערדער דאָס אייגענע ווייב געשענקט.

האָבן ווידער זיך געטראָפן יידן וואָס האָבן נקמה גענומען אָן די פושעים, און פיל יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן.

אַ ייד איז אויף אַ ייד געגאַנגען און די רוצחים, די גויים, זיינען געשטאַנען און געקוואַלן ווי קין איז ווידער אויפגעשטאַנען אויף זיין ברודער הבל, ווייל, כידוע, ווייל דאָך קין קיין ברודער נישט האָבן. אַ ברודער האָבן, הייסט ליב האָבן, הייסט רחמים האָבן.

און קיין רחמים איז נישט געווען! אַ לויט אַפילו נישט! אָט למשל, ווען מען האָט אין שטעטל פּרישטיק געפּירט אָן עדה יידן צו דער שחיטה האָט זיך דאָרט געפונען אַ ייד, ימח־שמו, וואָס איז צווישן דער עדה אַרומגעגאַנגען מיט אַ גילדערנער טאַץ אין האַנט, און געזונגען מיטן ניגון פון „יידעלעך צאַן קדשים״.

„יידעלעך, צאַן קדשים, אייך איז דאָך שוין סיי ווי סיי אַלץ איינס, ווער ס׳האָט אַ גאָלדן רייפל, אַ קניטל און אַנדערע תכשיטין וואַרפט עס אַריין! איר וועט אייך אַ ליכטיק גן־עדן דערפאַר אויס־בעטן!״

זנות, שיכרות, האָט דעמאָלט די אויבערהאַנט גענומען און ווי פון אַ מצורע די קרעץ, אַזוי האָבן סיי פון די יידישע, סיי פון די גוישע רוצחימס הענט, אַראָפּ געבלישטשעט גילדענע רינגען, אויערינגען, וואָס מען האָט פון די אויערן פון די קרבנות אַראָפּגעשניטן.

ערשט, ווען עס איז שוין אַזוי ווייט געקומען האָט דוד אַלטשטע־טער דערזען אין וואָס פאַראַ בלאָטע ער איז פאַרקראָכן. און אַ גרויס געשריי און אַ ביטערס, האָט ער פון זיך געלאָזט הערן אין די גאַסן פון שטאָט אויפן גרויסן בראָך, וואָס האָט געטראָפן די קינדער פון זיין פאָלק.

דעמאָלט, ווען דאָס האָט פּאַסירט זיינען די אַכט צדיקים געקומען קיין זשאַבעוו.

אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מידע און קראַנקע. דער טאָג פון זייער קומען איז געווען אַ הייסער. דוכט זיך גאָר תשעה באב איז עס געווען. אין וואַלד וואו זיי זיינען געקומען דאָרט זיינען זיי אַנידערגע־פאַלן פון מידקייט, אויסגעהויכט זייערע נשמות און צו קבר־ישראל געקומען.

אוי, און אוי, נישט געפונען האָט זיך דעמאָלט אין זשאַכעוו, אין דער עיר ואם בישראל, איין יידישע האַנט וואָס זאָל די מידע אַ ביסל וואַסער צו די צעגליטע ליפּן צוטראָגן, זייער היות צו דער־קוויקן.

די זון האָט זיך געזעצט און זי האָט אויף זשאַכעוו אירע לעצטע שטראַלן געוואָרפן, ווי עס שטייט געשריבן: „וישקף על פני סדום, און גאָט האָט געקוקט אויף סדום...

ויהי היום, איז געקומען דער טאָג און צו דוד קרול איז דער־גאַנגען די שמיעה וועגן טויט פון די אַכט צדיקים. האָט ער זיך געזעצט שבעה זיצן און באַוויינט די גרויסע אבידה, וואָס עס האָט דאָס הויז פון ישראל געטראָפן.

ווייל אַזוי איז שוין דער דרך העולם, — באַוויינען און פאַר־געסן.... אַפילו די, וואָס דורך זייער טויט זיינען אַוועק די לעצטע צדיקים, אָפּשטאַמיקע פון די גולי־ספרד און דאָך איז אין דוד אַלט־שטעטערס האַרץ גרויס געווען דער ווייטיק. נישט אַזוי, וואָס ס׳זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אַכט גרויסע לעבנס, נאָר ווייל קיינער האָט נישט געוואוסט די נעמען און דעם יחוס פון די נפטרים. אין ספרים און אין די בריוו וואָס מען האָט געפונען אין זייערע בייגאַרטלען, זיינען זייערע נעמען און אָפּשטאַם נישט באַשריבן געווען.

נאָך אַ שטיקל צייט איז אויף יעדן קבר פון די צדיקים אויפגע־וואַקסן אַ בוים. צוזאַמען אַכט אין צאָל. הויכע זיינען דיביימער, דינע ווי די ציפּרעסן, נאָר אָן צווייגן וואַקסן זיי, אַז אַ מידער וואַנדערער זאָל אין זייער שאָטן נישט קענען רוען ווי זיי, די צדיקים, האָבן קיין רו נישט געהאַט.

טויט און אייביק, פאַרגליווערטע ווי אין אַ טיפן ווייטיק שטייען זיי. קיין ווינט, אַפילו דער ווילדסטער, קען זיי קיין בויג נישט טאָן. דורות לאַנג וואַקסן זיי, גלייכע, דינע אין הימל אַריין און אין דער אייביקייט אַריין!

רבי, דאָס איז דער סוד, וואָס מען שטעלט נישט אין זשאַכעוו קיין מצבות. מען וויל נישט פאַרשעמען די אַכט גרויסע אומבאַקאַנטע צדיקים.

— פון דעמאָלט אָן — האָט זרח געזאָגט — איז זשאַכעוו געגאַנ־גען מטה, מטה. אָט האָט אַ מגפה אויסגעבראָכן, וואָס האָט אַ האַלבע שטאָט ווי מיט אַ בעזעם אויסגעקערט, פון צייט צו צייט האָבן פייערן שטיקער פון איר פאַרלענדט, נישט איינמאָל האָט דער נאָענטער טייך — די ווייסלאָקא זיך אין שטאָט אַריינגעריסן און שטיקער פון איר אויסגעקניפּט

כמעט יעדן זומער האָט מען מיילן ווייט פון זשאַכעוו געזען ווי די וואַסערן טראָגן: קינדער־וויגלעך, בעלקעס, שטרוי און שינדל דעכער.

בלויז די אַלטע הילצערנע שול איז אין זשאַכעוו שטיין געבליבן. אַן אונטערגעשווענקטע פון בייזע וואַסערן, אַ געשמיסענע פון ווינטן, וואָס האָבן געוויגט מיט אירע גאַנקעס, קרוזשגאַנקעס און פּאַטשינעס.

נאָך דעם ווי די אַלע אומגליקן האָבן פּאַסירט האָט דוד קרול זיך באַקענט צו זיינע זינד און איז אַוועק אין דער נאָענטער שטאָט מעליץ. דאָרט האָט ער געלאָזט פאַר זיין געלט בויען אַ בית־המדרש וואָס מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „די מויער", מחמת דעם, וואָס זי איז געווען געבויט פון ציגל. אָבער אויך די דבר־מצווה האָט נישט אָפּגעמעקט זיינע זינד. די פּיס וואָס זיינען צום בייזן געגאַנגען, האָבן מער דעם גוף נישט געקענט טראָגן.

כאָטש פון זשאַכעוו קיין מעליץ איז אַ מייל ווייט האָט דוד אַלט־שטעטער דעם וועג דורכגעמאַכט צוויי מאָל טעגלעך. צו שחרית און צו מנחה. האָפּסענדיק אויף אַלע פיר. ביי אַ יעדן האָפּס זיינען אים די יסורים ביז אונטערן האַרץ געגאַנגען, און טאָג איין טאָג אויס האָט מען שפּעטער אויפן וועג פון זשאַכעוו קיין מעליץ געהערט ווייַ־געשרייען, וואָס האָבן אַפילו די פייגל אין די ביימער געמאַכט אויפ־ציטערן.

אין סאַנדזער בית־המדרש איז אַן עולם געקומען שחרית דאַ־ווענען.

אַלע האָבן געוואַרט אויפן סאַנדזער.

מיט נייגער און צעטומלטקייט האָבן חסידים אַריינגעקוקט דורך די קליינע טיפע פענצטערלעך אין פּאַליש. פאַרוואונדערט האָבן זיי געפרעגט:

— וואָס האָט עפּעס דער רבי זיך אַוועקגעזעצט אויסטענהן זיך מיט די צוויי פּויליאַקעס?

דער סאַנדזוער האָט געשפּאַנט אַרויף, אַראָפּ אין פּאַליש. אַ שווערער אומרו האָט אים אַרומגענומען.

איז עס געווען פרייד? צער?

דער סאַנדזוער האָט געטראַכט וועגן שכר און עונש, וואָס נישט בלויז זינד — נאָר אויך גורל און געשעענישן וויקלען זיך דורך שלשים און רבעים; וועגן דעם, ווי גאָט ברוך הוא וואָס גראָד ווי ביי אים איז דאָ דער טיפער מיין, ווען ער טוט מזווג זיין זיווגים; אַזוי איז אויך דאָ אַ זין אין טרעפעניש וואָס קייטלען זיך דורך דורות איינס אַריין אינעם צווייטן. נישט פאַראַן קיין צופעליקייטן, און אַלע נסתרות ווערן נגלה. קלאָר, ווי דאָס ליכט פון טאָג.

דער רבי האָט געטראַכט: ווי גאָט לייגט עס אַריין אין ליים לעבן, אין אָט דעם גולם זרח, וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן, ווי גאָט האָט עס אים געעפנט דאָס מויל! דורות יידיש לעבן, האָט ער דער בטלן דאָ אויפגעוויקלט. אָט דער מכלומרשטער שוטה, וואָס קען דאָס ווייב זיינס אין קרעמל אַפילו נישט העלפן אַ פּאָר שיך פאַר־קויפן.

דער שטיין האָט וואַסער געגעבן!

— דערצייל ווייטער זרח — האָט דער סאַנדזוער באַפוילן.

דער בטלן האָט ווייטער דערציילט:

— וואָס מער זשאָכעוו איז געפאַלן, אַלץ מער איז מעליץ נתעלה געוואָרן. פון אַ וויסטער בלאָניע איז געוואָרן אַ בליענדיקער ישוב. מעליצער יידן האָבן אין פּאַוויאַט דערוואָרבן גרויסע ערד־שטחים וואָס פּריצים האָבן זיי אַוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש, מורא האָבנדיק צו בלייבן אין דערפער אויף פּאָסעסיעס אויג אויף אויג מיט די פּויערים. ס'האָט זיך צעבליט דער האַנדל מיט ווייטע מקומות, מיט פוץ־פעדערן האָט מען געהאַנדלט, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט קיין פּאַריז. אויך תבואה סוחרים האָבן אין מעליץ געעפנט שפּייכלערס און געשיקט גערשטן אין

מאַליץ פאַבריקן פון טשעכן. דאָך, ווער זעט דעם וואָרעם וואָס טאַטשעט דאָס שיינע עפּעלע?

אין זאַוואַליע געסל אין מעליץ האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער יונג. וואו גענעכטיקט דאָרט נישט געטאָגט.

די איינוואוינער פון געסל האָבן זיך דערמאָנט, אַז אָט דער יונג איז צווישן זיי דערצויגן געוואָרן. דער פאַרשוין און מנובל האָט אין שטעטל פּרישטיק ביי דער עדה וואָס איז צו דער שחיטה געגאַנגען די תכשיטין אויסגענאַרט, שפּעטער ווען ס'איז אין לאַנד שטיל געוואָרן האָט ער אַ קינד געבערענגט אויף כּאַוואַניע, און געזאָגט האָט ער: אַז דאָס איז זיינס. ווער איז דעם נפשלס מאַמע געווען? קיינער האָט עס נישט געוואוסט.

דאָס קינד האָט זיך געכאָוועט ביי אַן אָרעמען היטלמאַכער וואָס האָט אים געלערנט יידישקייט, ווען דאָס יינגל איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר איז דער היטלמאַכער געשטאָרבן און דאָס בחורל איז ערגיץ וואו פאַרשוואונדן. שפּעטער מיט יאָרן איז ער צוריקגעקומען, אַ באַוואַקסענער ווי אַ שעפּס, אַ טונקעלער, אַ טרויעריקער און אַן אומהיימלעכער. צו מענטשן האָט ער נישט גערעדט. און רק ער האָט געדאַונט. פון רחמנות האָבן מענטשן אים געשפּייזט, ווער יאָ, און ווער נישט. מ'האָט געוואוסט ווער זיין טאַטע איז, און וואָס פאַר אַ זינד עס ליגט אויף דעם נפש.

— און ווער איז געווען אָט דאָס נפש? — האָט דער סאַנדזשער אַ געשריי געטאָן, אַז די ווענט האָבן זיך צעשאָקלט.

יידן אין בית־המדרש האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר פון פּאַליש.

— שאַ, שאַ, שטילער זאָל זיין! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן — לאָזט הערן אַ וואָרט.

זרח האָט דערציילט, און אַ גרויסער עולם, אַ נייגעריקער, האָט אים געהערט:

— דער יונג איז געווען דער זיידע פון גרשון אָכאָטניצער. אַ פאָטער פון שמואל גריבאָווער. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר — האָט זרח געזאָגט — זינט דער יונג האָט זיך באַוויזן אין מעליץ איז די שטאָט באַפאַלן אַ מחנה „נישט גוטע".

זיי האָבן מיט דער שטאָט לצנות געטריבן. די „נישט גוטע״ האָבן אויפגערופן פאַרשפּעטיקטע דורכגייער לעבן דער שוהל און געלייענט פאַר זיי די תורה אויף פאַרקערט, אָנהייבנדיק פון: „לעיני כל ישראל״ ביז „בראשית״. אויף פאַרשידענע אופנים האָבן זיי געבראַנגט פּירוד־הלבבות די מעליצער יידן. אָרעמע אַלמנות — זעט איר — האָבן זיי גראָד יאָ געהאָלפן. למשל, ווען ליכטציערינס, חלב טריפעדינס, האָבן אין די שבת־צו־נאַכטן חלב געקאַכט, האָבן די „דייטשלעך״, ווי מען האָט גערופן „די נישט גוטע״ דורך די קוימענס צוגעגאָסן אין די טעפּ חלב, און געזונגען מיט אויסטערלישע ניגונים „הישועה ממעני בששון מים וישבתם״.

אין נעכט ווען איבער דער שטאָט האָבן געבושעוועט שטורעמס, האָבן די לצנים צו די גבירישע הייזער צוגעשאַרט דעם גאַנצן שניי, און מען האָט אין דער פרי נישט געקענט אַ טיר עפענען, בײַ די שוועלן אָבער פון אָרעמעלייט האָבן זיי אויסגעקערט ווי צו אַ חתונה.

אין מעליץ איז געווען אַ ייד ר׳ לייזער מיילעך. וואו נעמט מען היינט אַזאַלכע יידן?! געהאַלטן האָט ער דעם אַקציז. אַ ייד אַ זקן, אַ בן שבעים. זיצט ר׳ לייזער מלך מוצאי־שבת, שפּעט אין אָוונט, ביי זיך אין שענק צווישן די פעסער ווייז און בראָנפן. פלוצעם דער־הערט ער אַ קלאַפּ אין שויב, און דערנאָך אַ קול:

— ר׳ לייזער מלך! ר׳ לייזער מלך! זייטזשע טויזנט מאָל מוחל! קומט אַרויס אויף אַ מינוטעלע, ס׳גייט וועגן אַ נפש!

דערהערט, אַז ס׳גייט וועגן אַ נפש, קלערט ר׳ לייזער מלך נישט לאַנג, און גייט אַרויס. וואָס, ער דאַרף מורא האָבן?

דער ווינטער איז אין יענעם יאָר געווען אַ לייכטער. נאָר שנייען זיינען געפאַלן גרויסע, און ר׳ לייזער מלך זעט נישט, אַז אונטער אַ יעדן שנייעלע לויערט אַ שרויטל, אַ צווערקל, אַ לצל, און מיט חוזק און איינגעהאַלטענעם געלעכטער קוקן זיי אויף אים, פון די איינ־פאַר־הייזער פון די דעכער אַראָפּ. זיי זיצן אין די שטאַלן ביי די בהמות, ווי די פליגן, זיי זיצן אין די קעמערלעך ביי די הינער, העג־גען אויף צווייגן פון דיביימער. זיי רוען קיין איין מינוט נישט. אָט זיינען זיי דאָ און אָט פערציק מייל ווייטער. אָט אונטער די הימלען און אָט אין כף־הקלע.

קוקט זיך ר׳ לייזער מלך אַרום און זעט קיינעם נישט. גיט ער אַ פרעג:

— ווער האָט מיך גערופן ?

נו, נו, האָט זיך דאָס פון אַלע זייטן אַ געלעכטער אָפּגעריסן. און אַקול הערט זיך : — נו, למדן, מיוחס, פּראָפּינאַטאָר און פרנס וואו איז דײַן חכמה ? אַדרבה געפין אונדז !

פאַר שטײַט איר דאָך אַלע אין וואָס פאַראַ סכנה דער ייד איז געווען. און דאָס געלעכטער שטאַרקט זיך פון אַלע זייטן אַרום אים.

טוט עס שוין ר׳ לייזער מלך׳ן פאַרדריסן. הויבט ער אויף דעם שטעקן ווי ער וואָלט געוואָלט עמעצן פון זיי איבערן קאָפּ דערלאַנגען. ווייל פון פּחד האָט דער דאָזיקער ייד קיינמאָל נישט געוואוסט. פּלוצעם דערהערט ער אַ קינד וויינען. אין דער זעלבער מינוט האָט אַ שאַרפער שניי פון אַ דאַך זיך אַראָפּגעשניטן און ר׳ לייזער מלך׳ן אַן אויג פאַרשיט.

דאָס געוויין פון נײַ געבוירענעם גייט אים ביז אונטערן האַרצן. אַזוי יאָמערלעך ! אָט פאַרקייכט עס זיך, און אָט הערט ער אַ שטיל קינדיש קלאָגן, אַז אַ רוצח, אַ גוי, דאַרף מען זיין עס זאָל ביים האַרץ נישט כאַפּן !

די גאַנצע ליבשאַפט צו אַ קינד, וואָס ווייסט דאָך נישט פון זינד האָט ר׳ לייזער מלך׳ן דורכגענומען.

אַן אויפגעקאָכטער, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערהערט, אַז דאָס געוויין גייט פון אונטער די קופּע געהילץ אַפּער וואָס אַ שכן האָט צונויפגעפירט נאָך פּסח, אם ירצה השם דערפון אַ הויז צו בויען.

די ביימער פרישע נאָך אין דער קאָרע, שווערע, און דאָס געוויין הערט זיך פון סאַמע אונטן.

אַ מינוט, נישט מער ! האָט געדויערט ווי ר׳ לייזער מלך איז שטיין געבליבן צעטומלט. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַז אַ נפש גייט אויס און ער שטייט ווי אַ גולם.

שנעל האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שפּענצער און וויפיל כוחות ס׳איז אין אים געווען האָט ער דאָס געהילץ מיט ציין און נעגל געשלעפּט. אויסגעווייקט אין שווייס האָט ער אויף זיך ביימער געטראָגן און נישט געזען האָט ער ר׳ לייזער מלך, און נישט גע־הערט האָט ער, ווי מחנות שדים׳לעך, אַנגעטוענע ווי שררות, טאַנצן אַרום אים, קנייפּן זיך די בעקלעך פאַר פרייד און זינגען ;

האָפּסאַ, האָפּסאָפּ דעם גביר באַקומען!
האָפּסאַ, האָפּסאַ, דעם פּרנס באַקומען!

זיי כיכין און ניסן, שאַרפן זיך פון פרייד די פּיסלעך, און לעקן מיט זייערע צונגען די אייזצאַפּעלס, וואָס הענגען פון די דעכער אַראָפּ.

אַט הייבט אָן שיטן אַ שניי. הענגט זיך יעדער פון זיי אין אַ שניי פליטערל אָן, און עסווירבלט שוין דער ווינט. אַט, באַלד וועט זיך אָנהייבן דער משוגע־אויסטערלישער טאַנץ.

עס טאַנצן די הייזלעך, דער פּלומפּ אין געסל, די קוימענדלעך פון די הייזער זיינען שיכור, און אין דער מיט טאַנצט אויך ר׳ לייזער מלך.

ביי די ווערטער האָט דער סאַנדזוער איבערגעריסן זרחן:
— יאָ, אָבער ווען און וואו האָט דער ראַפּשיטצער צדיק גע־ראַטעוועט מעליץ?

זרח, אַ צעפלאַמטער פון דערציילן, האָט זיך מיטן אַרבל אָפּגע־ווישט דאָס פּנים און ווייטער געצויגן:

— יאָ, דער ראַפּשיצער האָט מעליץ געראַטעוועט. מיטן ווייטן אויג זיינעם האָט ער געזען, וואָס דאָרט טוט זיך, און אין אַן ערב שבת האָט ער זיך אין שטאָט באַוויזן.

נאָך דער מעשה מיט ר׳ לייזער מלכן האָבן זיך גרויסע קרירות אין לאַנד געשטעלט. דאָך האָט עס דעם צדיק נישט אָפּגעהאַלטן פון צו גיין זעכצן פּוילישע מייל צו־פוס כדי צו ראַטעווען די שטאָט.

אָנגעטאָן אין אַ פּויערישע קוטשמע איז דער ראַפּשיצער ווי אַן איינפאַכער דאָרפס־ייד אַריינגעקומען אין אַ יידישער שטוב.

געזאָגט „גוט מאָרגן״, און באַפוילן גלייך שפּאַנען אַ פּאָר פערד אין אַ שליטן.

ווער ס׳האָט אין מעליץ געלעבט האָט זיך אויף די פיס געשטעלט, כדי נעענטער לעבן צדיק צו שטיין, און אַלע האָבן זיך מיט תרעומות צו אים געווענדעט; איבער דער צרה וואָס האָט די שטאָט געטראָפן, ווייל אַזוי איז שוין דער סדר העולם: אַנדערע זינדיקן און דער צדיק דאַרף דעם עול טראָגן. יעדער האָט אין זינען זיין סיר הבשר און צום גאָטס געזאַלבטן, וואָס אַ פּאַסנע שטיקל ברויט איז זיין שפּייז, צו אים קומט מען מיט טענות!

דער ראָפּשיצער אין זיין גרויס גוטסקייט האָט מער נישט גע־ענטפערט, ווי:

— פון היינט אָן און ווייטער, וועט איר שוין וויסן פון מנוחה, — און ער האָט זיך אויפן שליטן געזעצט.

אַ קנאַק מיט דער בייטש און פון אַלע ביימער אַראָפּ האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מחנות גרינע פייגל, וואָס האָבן געהאַט דעם משונה־דיקסטן און עקלדיקסטן אויסזען, ווי שפּינען.

פון די קוימענס האָבן זיך אַרויסגעריסן שוואַרצע רויבן, גאַנצע כמאַרעס. אַ שטורעם האָט אין די לופטן אַ ווירבל געטאָן און זיי מיט אַ קראַ — קראַ אַוועקגעטראָגן צו די וויסטע וועלדער און פּוסטע פעלדער.

וואו ערגעץ אַ בוידעם, אַ קאַמער, זיינען פון דאָרט אַרויסגע־שפּרונגען שוואַרצע קאַטערס, געלע קעץ.

די פערד האָבן פון אָרט זיך אַ ריס געטאָן. די גזשיוועס הויבט דער ווינט, די פּאַדקאָוועס שיטן פייער און דער שליטן טראָגט דעם צדיק איינמאָל, ס'צווייטע מאָל, אַרום דעם מאַרק.

צום דריטן מאָל האָבן זיך פון אַלע יאַטקע־קלעצער, פון די מיסטן אַראָפּ, אַ לאָז געטאָן קרעציקע הינט מיט אויסגעדאַרטע ריפּן, און אַ געוואָי האָבן זיי אַרויסגעלאָזט, וואָס אַזעלכעס האָט מען זייט וועלט איז וועלט נישט געהערט.

טראָגט זיך דער רבי אויפן שליטן. ער זיצט נישט, ער שטייט! אין איין האַנט די לייצעס, אין דער צווייטער, די בייטש. די פערד־לעך די געטרייע זיינען אָדלערלעך געוואָרן און ווי אויף פליגלען דעם רבין געטראָגן.

דער ווינט רייסט דעם רבין אַרויס די בייטש, כאַפּט דער צדיק די פּאַטשיילע אַרויס, ס'צעשיט זיך דער שליטן, ס'פּלאַצן די פּאַס־טראָנגעס. ווערט דער שליטן אַ שיף, די פּאַטשיילע אַ זעגל, דער מאַרק אַ ים אַ צעשטורעמטער, און די וועלט הוידעט זיך אויף אירע פונדאַמענטן.

ווי אַ כלב ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס, אַזוי לייגט זיך דער שטורעם ביי די פיס פון ראָפּשיצער צדיק, און צוריק האָט די וועלט באַ־קומען איר אָנהאַלט און פעסטקייט.

פון יענעם פרייטיק אָן איז שטיל געוואָרן אין מעליץ, אויף איי־ביק שטיל געוואָרן. שטאָט האָט זיך גענומען צו מסחר און קיין שום געשעענישן האָבן די מענטשן פון דעם פלאַכן לאַנד נישט געקענט מער רירן פון זייער וועג אין לעבן.

די שדים, וואָס דער ראַפּשיצער האָט פאַרטריבן פון די בוי־דעמער און פון די שטאַלן אַרויס, האָט ער אָבער נישט געקענט פאַר־טרייבן פון די מענטשלעכע הערצער....

דער סאַנדזער האָט זיך אויסגעגלייכט. אַ קוק געטאָן איבערן עולם ווי ער וואָלט וועמען געזוכט און באַלד אַ זאָג געטאָן:

— פּיוויש שטעל דיך דאַווענען!

— פּיוויש קראָקעווער, ר׳ פּיוויש! האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

אין בית המדרש האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען שחרית.

וירא — און ער האָט געזען, כי — וואָרעם. לא יכל לו, ער איז אים נישט בייגעקומען

שנעל זיינען פאַרלאָפן אין דעם יאָר די ימים נוראים און דער יום־טוב סוכות אין סאַנדז.

אין צווישנצייט איז דעם רבינס הויז איינגעהילט געוואָרן אין טרויער. ס׳איז נפטר געוואָרן די רביצין, וואָס איז געלעגן צוויי יאָר קראַנק.

און אַנדערש ווי אין חודש אלול, וואָס איז אין יענעם יאָר געווען אַ קאַלטער, אַ שאַרפווינטיקער, האָט זיך דער חודש חשון געשטעלט אַ וואַרעמער און אַ ליכטיקער.

פאַרפּסחדיקע ווינטלעך האָבן זיך לייכט און מילד געשפּילט אין די לופטן. וואו נישט וואו האָט זיך אויף אַ בוים באַוויזן אַ פאַר־שעמטער קנאָספּ.

דאָס יאָר איז געווען אַ יאָר פון גרויסע גערעטעניש. אַזוי, אַז די פּויערים האָבן געהאַט פולע קאַמערן מיט הערעשקע און קאָרן — די והותר, צו פאַרקויפן.

טאָג נאָך טאָג האָבן זיך געשטעלט גרויסע יאַרידן. דער קליינער מאַרק איז פול געווען מיט סטראַגאַנעס, מיט אַ געשריי פון געננז. פּוי־ערים, וואָס האָבן באַדאַרפט פאַר זיך איינקויפן שטיוול און צייג, האָבן צונויפגעפירט געהילץ פון זייערע וועלדער, פאַרשידענע אויס־אַרבייטונגען פון ליים און פון האָלץ.

אין איינעם פון די טעג, אין אַ נאָכמיטיק, האָט דער סאַנדזער גע־שיקט נאָך שמחה בונמען.

שמחה בונים, דער עלטסטער חסיד פון סאַנדז, איז אין די לעצטע חדשים געווען איינגעהילט אין אַ טיפער מרה־שחורה.

ער, שמחה בונים, איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געזען דאָס פאַרשוואונדן ווערן פון סאַנדזער גלאַנץ. באַנומען, אַז דער סאַנ־דזער רבי, ר׳ חיים איבערכאַפּט די מאָס, אַז ער האָט פאַרלאַנגט מער פון דער וועלט ווי זי קען געבן.

קיין אָפּהאַלט איז מער נישט געווען!

שמחה בונים האָט געקענט גוט דעם סאַנדזער, און געוואוסט האָט ער, אַז דער רבי וועט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג נאָך ווערן האַרבער צו זיינע שאָף און פון מינוט צו מינוט וועט ער שטייפער פאַרציען דעם שטריק אַרום די העלדזער פון די חסידים זיינע.

אַרום יענער צייט איז סאַנדז פול געוואָרן מיט נישט פריילעכע נייעסן. פון הונדערטער מייל, פון ווייטע לענדער, זיינען יידן געקומען אין דעם שטעטל ניעפּאָלאָמיץ צום רבין ר׳ הושע העשלען.

אַרום ר׳ חיימען איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שיטערער. מיט שרעק האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז אַפילו פון דער אייגענער שטאָט, דאָ וואו ס׳געוועלטיקט דער סאַנדזער טרעפט מען שוין מענטשן אין ניעפּאָ־לימיץ. נישט קיין גוטע גרוסן זיינען אויך געקומען וועגן אַלטע סאַנדזער חסידים פון דער פּראָווינץ, אַז מען האָט זיי אויך שוין געזען ביי ר׳ הושע העשלען...

ווען שמחה בונים האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון רבינס חדר, איז דער סאַנדזער געזעסן איבער אַן אָפענער גמרא.

ניִשט בעטנדיק שׂמחה בונימען זיצן, ניִשט ענטפערנדיק אויפן „גוטן מאָרגן", האָט זיך דער רבי אויף אַ מינוט איינגעהערט אין דעם קלאַפּן פון אַ פליג אין דער שויב, און איידער ס'איז נאָך צייט געווען וועגן עפּעס אַ טראַכט צו טאָן, האָט דער רבי ר' חיים אָנגעהויבן:

— יאָ, צום ענין, — ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען די האַנט פון דער גמרא, און שנעל, אָן אָפּהאַלט, אָנגעהויבן רעדן:

— זיין גאַנצע פּראַכט, זיין כבודו מלא עולם, האָט ער איבער בערג און טאָל אויסגעשפּרייט. און יעדן בלעטל און גרעזל, אין אויפגאַנג און אין אונטערגאַנג פון דער זון, אין די קאָלירן פון די הימלען, וואָס טוישן זיך נאָך שנעלער, ווי עס באַוועגט זיך דאָס לעפל פונעם אויג, אין גלאַנץ פון די שטערן ביינאַכט, אין די ריחות פון די טשאַטשקעס, און אין טעם פון עסן. פרעג איך: פאַר וועמען טוט ער עס?

דער סאַנדזער האָט זיך אויפגעשטעלט. צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויפגעהויבן זיין האַנט און געוויזן צום קליינעם מאַרק וואָס איז אין דער צייט געווען אָנגעפּראָפּט מיט פורלעך, פול מיט יאַרידישן טומל נאָר טויב צו ווערן.

— קוק נאָר זיי אָן! — האָט ער געזאָגט מיט חוזק — זיינע זיי עס ווערט?!

שאו עיניך — הויב אויף, שׂמחה בונים, די אויגן דיינע! קוק דיך איין אין די בערג, זע די וועלדער! דאָס איז דאָך גרויס ווי דער נס פון קריעת ים־סוף. ניִשט בלויז בימי משה, יעדער רגע געשעט עס דאָך! ווער עס איז ניִשט בלינד און זאָגט ניִשט שירה איז אַ מתחייב בנפשו!

מילא, צו די אומות העולם האָב איך קיין טענה ניִשט. אויף מיר מענטשן, מ'שטיינס געזאָגט, על חרבך תחיה, אָבער יידן?

יידן וואוינען אין וועלדער, נאָענט ביי טייכן און פלוסן. פּראָסטע, באָרוועסע, וואָכענדיקע. זיי לעבן אין דער גרויסער שיינקייט פון דער יצירה און פאַרשוועכן גאָטס ווערק מיט פּראָסטע רייד. וואוינען צוזאַמען מיט די גוראַלעס, זיינען עוסק אין אַרבעט און אין פרנסה.

גיי צו זיי, שׂמחה בונים! זיי זיי מתעורר און גוזר, אין נאָמען פון די גרויסע און הייליקע אָבות זייערע, אַז זיי זאָלן די איינגעזעסענע

ערטער פאַרלאָזן. זאָלן זיי אַוועקגיין אין יידישע שטעטלעך, בויען פון געהילצן נעסטן, שמאָלע געסלעך זאָלן זיי אויסטרעטן, מיט מקח און ממקר און לימוד תורה זיך פאַרנעמען.

דער סאַנדזער האָט זיך אַוועקגעזעצט און, ווען שמחה בונים איז אַקעגן אים געשטאַנען נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, — האָט דער סאַנדזער רבי, מלא כעס, אויף אים אַ געשריי געטאָן:

— וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ גולם! גיי, האָב איך דיר געזאָגט!

*

און שמחה בונים איז געגאַנגען.

שמחה בונים האָט געוואוינט אין אַן איינציקן חדר מיט דער בת יחידה זיינער — אַ בתולה פון אַ יאָר פערציק.

צוואַנציק יאָר איז ער געווען אַן אַלמן. מער האָט ער נישט חתונה געהאַט. די טאָכטער זיינע אָנהערנדיק זיך מיט מעשיות פון פאָטער פון איר פריעסטער יוגנט, מעשות פול מיט וואונדער און מופתים, האָט זי זיך מיט זיי אַזוי דורכגענומען, אַז יאָרן האָט זי די שטוב נישט פאַרלאָזט, ביז זי איז געוואָרן אַן אַלטע און פרומע מויד. קיינמאָל האָט מען זי אין גאַס נישט געזען. איר איינציקער שפּאַציר איז געווען אַרויסקוקן דורך דעם פאַרהענגל פון פענצטער אויף דער וועלט. שכנים האָבן פון איר געחוזקט: — זי וויל אין גאַס נישט אַרויסגיין, ווייל דורכשפּאַנענדיק די שוועל מאַכט זי דאָך מיטן טריט אַ צלם.

אַ פּאָר טעג זיינען אַדורך און מענטשן האָבן באַמערקט, אַז שמחה בונים איז נישטאָ. פון זיין טאָכטער איז שווער געווען עפּעס צו דערגיין, ביז יידן דאָרפס־גייער, האָבן געזען שמחה בונימען אין אַ ווייט אָפּגעלעגן דאָרף אויף אַ וויסטן וועג. ער האָט אַוועקגעשפּאַנט פון סאַנדז!...

אין אַ צייט אַרום איז דאָס לאַנד אויפגעציטערט געוואָרן פון דריי איבעראַשנדיקע נייעסן אויף אַמאָל.

די ערשטע: לעבן אַ פעלדז אין די בערג, נישט ווייט פון אַכאַטניצע האָט מען געפונען וואָפּקע פאַכאָלעק אַ טויטן מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן. קראָען און פעלד־מייז האָבן אים שוין אויף אַ העלפט צע־פרעסן.

די צווייטע נייעס: אין ניעפּאָלימיץ, אין חדר פון ר׳ הושע העשלען, אין געדראַנג און אין טומל, איז אַן אַלטער ייד פאַרחלשט געוואָרן. ביז מען האָט פאַרן פאַרחלשטן געברענגט אַ ביסל וואַסער האָט ער אויסגעהויכט די נשמה. מיט שרעק האָבן אַלע אין בר־מינן דערקענט, דעם ערשטן און געטרייעסטן חסיד פון „דברי חיים״ — שמחה בונימען

די דריטע נייעס איז געווען אויסטערלישער ווי די ערשטע צוויי.

סאַנדז האָט אויפגעקאַכט. מענטשן, כאָטש נישט קיין קרובים פון גרשון גראַבשריפט, האָבן קריעה געריסן: גרשון אַכאַטניצער און זיין ווייב סערל האָבן זיך געשמדט.

אַ שרעק איז געווען צו הערן, וואָס יידן האָבן דערציילט.

— טויזנטער גויים האָבן גרשונען און דאָס „ווייבערל״ זיינס געפירט מיט גרויס פאַראַד, מיט קלויסטער פענער אין דער ניימאַרקער טיפלע אַריין. איבער די אַרומיקע בערג האָט זיך שעהן לאַנג גע־הערט אַ בלעקעצן.

גרשון גראַבשריפט, ימח שמו! איז געזעסן אויף אַ פורל אָנגע־טאָן אין אַ „קראַקאָוויאַק״, אַן אָנגעגאָלטער, און ס׳איז קוים געווען אים צו דערקענען.

סערל דאָס „ווייבערל״ האָט געטראָגן אַ גויעשן סטאַן. זי האָט נישט אויפגעהערט וויינען און געהאַלטן זיך ביים משומדס האַנט.

אין ביימאַרק האָט מען געהאַקט שויבן אין די יידישע הייזער. די מיעשטשאַנעס פון דער שטאָט האָבן זיך דערמאָנט: „די זשידעס האָבן דערהרגעט יעזוסן און נוצן קריסטלעך בלוט אויף פסח״.

*

נאָך אָט די געשעענישן איז אין אַ מיטוואָך אויסגעפאַלן ראש חודש טבת. אין גוטע צייטן איז מען אויף ראש חודש געקומען פון אַלע מרחקים צו דער ראש־חודש סעודה קיין סאַנדז. אין דעם יאָר איז כמעט קיינער נישט געקומען.

הערש גבאי, האָט שוין געהאַט צוגעגרייט עפּל מאָסט. בלויז אַ פּאָר סאַנדזער יידן זיינען געזעסן ביים טיש אין בית המדרש, און גע־וואַרט אַז דער רבי זאָל זיך באַווייזן.

דער רבי האָט זיך געלאָזט זען אין דער טיר פון זיין חדר. אַרומ־געקוקט זיך, אומגעקערט, און צוריק אַוועקגעזעצט זיך לערנען.

הערש גבאי, וואָס איז געשטאַנען ביי דער ביישטול פון דער טיר, האָט אַ הויב געטאָן די האַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט צוריק האַלטן דעם סאַנדזער. און צוריק די האַנט אַראָפּגעלאָזט. שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, האָבן זיך די פּאָר יידן אַרויסגעשאַרט פון בית־המדרש.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

ווער וואָלט עס אַמאָל געגלייבט, אַז יידן וועלן פאַרלאָזן דעם סאַנדזער? אַלע, חוץ הערש גבאי, וואָס איז געבליבן דער עבד נאמן ביז צו דער פטירה. פאַרגעסן האָבן אַלע דעם וועג קיין סאַנדז. אָפּגע־קערט האָבן זיי זיך פונעם צדיק דעם דברי חיים.

צי איז דער רבי ר׳ חיים פאַר די יידן צו האַרב געוועזן? צו אַלט? צו שלעכט? תירוצים, וואָס מען האָט פאַרן מויל נישט געוואָלט אַרויסברענגען, זיינען געוועזן גענוג.

אַלע זיינען אַנטלאָפן פון רבינס גרויסקייט, פון זיין אומרו, אי־בערגעלאָזט אים אַן אַלטן, אַן אָפּגענאַרטן, און עלנטן.

צו אים זיינען שוין נישט דערגאַנגען די קולות פון די נייע מחלוקת׳ן וואָס האָבן זיך ווידער איין סאַנדז צעפלאַקערט.

ביי אַ יונגענמאַן האָט מען געפונען אַ ביכל, וואָס האָט געהייסן „אהבת ציון״ פון איינעם אברהם מפּו.

אין אַ ווייטער גאַס האָבן יונגעלייט איבער אַ טיר אַרויסגעהאַנגען אַ שילדל „בית יהודה״, מיט אַן איבערשריפט „בית יעקוב לכו ונלכו״.

ניעפּאָלימיצער חסידים זיינען אַוועק צום אָרט פון „פאַרברעכן״ כדי צו פאַרטיליקן דעם „שמד״ וואָס האָט זיך אין שטאָט אַריינגעכאַפּט.

אין אַ נאָכמיטיק, איז דער אַלטיטשקער רבי ר׳ חיים געזעסן ביים פענצטער. צו מנחה איז נאָך ווייט געוועזן. ער האָט געקוקט אויפן הימל וואָס איז געהאַנגען איבערן קליינעם מאַרק.

פלוצעם האָבן קנוילן ווייסע פאַרע צווישן די בערג זיך אויפ־געהויבן. דער דאַמף האָט זיך לענג אויס דעם האַריזאָנט צעשנירט און די שטאָט אַרומגעוויקלט מיט אַ זילבערנער רייף.

ס׳ערשטע מאָל אין לעבן האָט ר׳ חיים זיך דערשראָקן. פּאַר שרעק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און אָנגעכאַפּט זיך ביי די פענצטער־פליגל.

— הערש! הערש! וואָס זאָל דאָס באַדייטן?!

הערש גבאי איז געקומען צו לויפן. גלייך מיטן רבין געקוקט אויף דער מאָדנער זעאונג.

זיי האָבן געהערט אַ קאָלערן ווי לייכטע דונערן וואָלטן זיך אויף זייערע קעפּ געשאָטן.

וואָס אַמאָל שנעלער, נעענטער, און העכער.

אַ שאַרפער פייף האָט די לופט דורכגעשניטן, וואָס אַזעלכעס האָט מען נאָך קיינמאָל אין סאַנדז נישט געהערט.

דער „דברי חיים״ האָט אַ ציטער געטאָן. הערש גבאי האָט אַרויס־געלאָזט אַ געשריי פול מיט שרעק:

— רבי!

די ערשטע באַן איז געקומען קיין סאַנדז.

אַ בליק אויף אַמעריקע

יאָסעלע

די נאָכמיטיק זון האָט נאָך טיפער געמאַכט די שטילקייט אַרום דער וועראַנדע וואו מר. דזשאָזעף מייטעליס איז געלעגן אין אַ וויג־שטול, די פיס זיינע צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמען פלעט.

זיי געלב אויסגעצערט פנים האָט אַצינד געלויכטן מיט רייפקייט. דער טויט האָט זיך דערין געשפיגלט.

דזשאָזעף מייטעליס, דער געוועזענער חזן פון אַ קאָנסערוואַטיוון טעמפל אין ניו־יאָרק, האָט מיט גלעזערנע אויגן געקוקט אויף די צווייג, רייען ציגל־הייזלעך, אויף די וועראַנדעס וואָס לויפן פאַר זיין בליק איינע נאָך דער צווייטער ווי וואַגאָנעס. ער האָט געקוקט אויף די ליידיקע גרינע וויגשטולן וואָס דער ווינט הוידעט אַרויף און אַראָפּ.

די לופט איז דאָ פול געוועזן מיט שטויב. די ערד מיט ציַיטונגס־פאַפיר, מיט שפּילצייג און ליידיקע מילך פלעשער. פון ערגעץ ווייט איז צו אים צוגעשוואומען אַ שווערער גערוך פון בענזין וואָס האָט געביסן די אויגן און אַרויסגערופן אין קראַנקן אַ מענטנע שלעפעריי־קייט.

מיט געציילטע טעג צוריק האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ הויז קעגן איבער מייטעליסעס שטוב אַ פאַמיליע „ניי־געקומענע”, אַ מאַן מיט אַ פרוי און צוויי קינדער.

אין דער צייט ווען די מענטשן האָבן זיך באַוויזן אין דער גאַס איז נאָך דער קענסער ווי געשלאָפן אין מייטעליסעס געדערים.

באַפרייט פון די מוראַדיקע יסורים האָט אין זיין בליק אויפגע־לויכטן אַ לייכטקייט און אַ קינדישע פרייד, וואָס האָט ברייט אויפ־געריסן דעם בליק פון קראַנקן. מיט נייגיר האָט ער זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, צו דעם, ווי זיי טראָגן אַריין די חפצים אין זייער נייער היים.

אַ יונגע פרוי אַ שמאָלע, אַ שוואַרצע, אַ טרויעריקע האָט געפירט ביי די הענט אירע קינדער; אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע.

איר מאַן האָט מיט מענערישער שווערקייט געטראָגן צוויי טשע־מאָדאַנעס אין די הענט אין זיין גאַנג, אין די באַוועגונגען זיינע האָט עפּעס געציטערט אַן אומרו פון בראשית. ביי מייטעליסן האָבן זיך פאַרמאַכט די אויגן. אין זיין זכרון איז ער אָוועקגעשוואומען צו יע־נעם וויַיטן טאָג מיט פינף און פערציק יאָר צוריק, ווען ער האָט ווי די „ביי־געקומענע" דאָ געאַנקערט.

צוערשט טראַכט זיך אים פון שטעטל זיינעם אין דער אוקראַינע. דער פאָטער מאיר שלמה מייטעליס, דער חזן.

אַ שטוב מיט קינדער. איינס קלענער פון צווייטן. משוררימלעך אַרום די צעפלויגענע פּאָלעס פון טאַטנס טלית.

מער ווי בערד און ברענענדיקע ליכט דערמאָנט זיך נישט מיי־טעליס. נאָר די היץ אין בית־המדרש, דער צעוויגטער ברען פון די מתפללים — פילט ער נאָך היינט, אָט אַצינד אין די ביינער.

מייטעליס שמייכלט. ווי קליינטשיק איז געווען זייער שטעטל. צופוסנס פון בערגלעך איז עס געלעגן. אין אַ טאָל ווי אין אַ שויס פון אַ מאַמען.

שטובלעך, פענצטערלעך, טירלעך, געסלעך, גוט־מאָרגנדלעך און גוט־אָוונטלעך. אָט־בענטשט מען גשם און אָט — טל. אָט טריפט זיך אַ רעגנדל און אָט פאַלט אַ שנייעלע. גאָט מיינער! דאָרט אין דער אוקראַינע דאַכט זיך איז מען נישט געוואַקסן אַזוי הויך און שטאַרק ווי דאָ.

אַ לענדעלע — אין לשון פון די מענטשן — פון צערקוועלעך, וויַיבערלעך און מענערלעך, פון אַ פויערל וואָס קומט אויפן יאַריד.

מייטעליס' טאַטנס שטוב איז געווען ווי אַלע שטיבלעך אין מאַ־קעווע. פון פאָרנט אַ געסל, פון אונטן אַ גערטנדל. צו דעם, דריי פיר ביימלעך און אַ ציג. דאָס איינציקע וואָס איז אין דער היים געווען מיט באַדייט, איז געווען דער ברונעם אין גאָרטן, די נאַסע שעפּ, אי דאָס קוועלנדיקע וואַסער וואָס האָט געשניטן די ציין מיט זיסקייט און קעלט.

דערנאָך, יאָרן אין טעמפּל.

אַ זאַל געוויקלט אין שאַטנס, אין רויטע שווערע פּלוש פּאָרהאַנ־גען. בלויז די עשרת־הדיברות אויף ווייסן זיידנס שטעכן דורך דעם שוואַרצן אומעט וואָס ליגט אין זאַל.

באַלקאַנען מיט גאָלד באַליישט, בלומען און פענער און אָרגל־געקלאַנג.

מייטעליס שטייט אויף דער בינע און זינגט.

די מתפּללים זיצן ווי שול־תלמידים און קוקן אויף אים מיט פרעמדקייט, מיט בליקן פון „אָט בין איך אַריינגעקומען אין טעמפּל און אָט גיי איך מיר אַוועק". קיין באַוועג פון אַ מוסקל אויף אַ פּנים.

*

פלוצעם האָט אַ טיר אַ קלאַפּ געטאָן. מיט יענעם היימישן קלאַפּ אין אַ פאַרנאַכט, ווען אַ מאַמע גיט אַ לויף אַרויס אַ צעפלאַמטע ברענ־גען פון גאַס אירע קינדער.

מייטעליס האָט געהערט ווי די פרוי פון „די ניי־געקומענע" האָט גערופן אין אַזאַ פרישן יידיש, וואָס האָט אים אַ שמעק געטאָן ווי ברויט אָקאָרשט אַרויסגענומען פון אויוון:

— יאָסעלע לויף נישט אַליין אַרום אין גאַס. דאָ איז אַמעריקע!

— יאָסעלע, לויף שנעל אין שוהל דער טאַטע וואַרט אויף דיר!

אַזוי האָט אַמאָל אין דער היים דזשאָזעפן זיין מאַמע אים, דזשאָ־זעפן גערופן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען.

*

דער קראַנקער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אַ דרימל, וואָס קומט צו אַלטע לייט אומגערעכט, איז אים באַפאַלן. פון שוואַכקייט איז דער שלאָף געווען אַ זיידענער, אַזאַ דינינקער, אַז מייטעליס האָט געהערט דאָס גיין פון דער הייך־מאַשין אין זיין קעלער און דאָס רוישן פון די טונעלן אין די טיפענישן פון דער ערד וואו עס לויפן די שטאָ־טישע באַנען און...

דאָס רופן פון דער פרוי, וואָס האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו וואָרענען איר יינגל: — יאָסעלע דאָ איז אַמעריקע!

אסתר

(פאַרצייכענונג)

גאָר נישט האָט מאיר אַבעלמאַן פאַרמאָגט ווען ער איז געקומען פון די דייטשע לאַגערס, חוץ דאָס איינטימע געפיל, אַז אָט באַלד וועט ער זיך זען מיט דער איינציקער שוועסטער פון זיין אומגעקומענעם פאָטער, — מיט דער מומע אסתר.

ווי נאָר די שיף האָט געאַנקערט, און די אייגנאַרטיקע ניו־יאָרקישע פאַנאָראַמע האָט זיך אויפגעוויקלט פאַר אבעלמאַנס בליק, האָט אים באַוועלטיקט אַ היימישקייט און אַ געפיל פון פרייד; אָט דאָ, אין די הייזער וואוינט די מומע אסתר.

דאָס וואָס די מומע וואוינט דאָ, האָט מאירן נעענטער געמאַכט די ״נייע וועלט״, און מיט אַ לייכט האַרץ האָט ער זיך געלאָזט איינ־שלונגען פונעם כרך.

און דער כרך האָט טאַקע מאירן פאַרשלונגען. נישט אַזוי דער טומל, די מיליאָנען מענטשן, די ליכטער און די פינצטערניש פון דער ריזן־שטאָט, ווי דאָס רעטעניש, וואָס האָט געהייסן אסתר.

אין דער היים, אין שטעטל, אין הויז פון מאירס עלטערן איז דער נאָמען אסתר געווען באַהאַלטן אין אַ פּאָר קאָנווערטן מיט אַמעריקאַנער מאַרקעס; געלעגן דאָרט, אין פאָטערס חדר צווישן די זאַכן, וואָס זיינען טייער געווען דער משפחה, נישט פול זיינען געווען די בריוו. און די דאַטעס ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן זיינען געווען זייער אַלט. . . .

אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג פלעגט מאירס פאָטער אַרויס־נעמען די בריוו פון זיין שוועסטער און אַ זאָג טאָן: „אָט, ווען איך דער־האַלט אַזוי היינט אַ בריוו פון אסתרן״. געמיינט האָט דאָס: נישט בלויז וואָס אין אַזאַ בריוו וואָלט געקענט ליגן אַ צענערל, וואָס וואָלט געראַ־טעוועט דאָס הויז אויף דערווייל פון הונגער, אַזאַ בריוו וואָלט געברענגט זיכערקייט, אַז ערגעץ ווייט איז דאָ אַן אָנהאַלט, וואָס וועט שטיצן ווען עס וועט נויטיק זיין.

דער אָנהאַלט איז נישט געווען, און די הילף איז קיינמאָל, אַפילו אין די טרויעריקסטע צייטן, נישט געקומען. געבליבן איז בלויז דאָס איינציקע פון וועלכן מאירס פאָטער האָט געקענט שעפּן פרייד פון זיין שוועסטער ; דאָס באַרימען זיך פאַר שכנים מיט איר רייכקייט.

ווייל אין אמתן איז דאָך די שוועסטער נישט געווען בילע ווער, וואָס מוטשעט זיך דאָרט אין די אַמעריקעס. זי איז געווען אַ מיליאָ־נערקע, פון וועמען מען קען דערציילן „פּיתום און רמסס"!

*

די לעצטע וועלט־מלחמה האָט אַלץ אָפּגעמעקט. פאַרטיליקט די מענטשן מיט זייערע ליבעס און זייערע געפילן. זייערע נאַרישקייטן און פוסטע באַרימערייען. אויך פון מאיר אבעלמאַנס משפּחה איז גאָרנישט געוואָרן, בלויז אויף אים אַליין, איז געפאַלן דער גורל, און דער חוב פאַר דער פאַרטיליקטער משפּחה, אָנצוהאַלטן די ליבשאַפט צו זיין פאָטערס שוועסטער, צו דער ווייטער און דאָך אַזוי נאָענטער אסתר.

גלייך אין די ערשטע טעג פון מאירס זיין אין ניו־יאָרק האָט ער פאַרוואָרפן אַלע זיינע דאגות און אויסגעשפּרייט אַ נעץ „צו פאַנגען די מומע". ער האָט איר אַדרעס געפונען אין טעלעפאָן־בוך. אָבער וואו און וועמען טעלעפאָנירן, אַז צענדליקער ביוראָען, פאַבריקן, קראָמען טראָגן דעם נאָמען „אסתר שואמער, קאָ" ?

גאַנצע טעג איז מאיר אבעלמאַן געזעסן ביים טעלעפאָן. מיט אים האָבן גערעדט פרעמדע, קאַלטע שטימען פון אָנגעשטעלטע, פון מענער און אָפיס־מיידלעך און צווישן זייערע סוחרישע רייד אין פאַר אים אַזוי פרעמדן ענגליש האָט זיך געדרייט ווי אַ טייוול אין ווינט אסתרס נאָמען. די אָפיציעלקייט, די פרעמדקייט האָט מאירן געטריבן פון טעלעפאָן. איז ער געוואָרן צודרינגלעכער האָט מען אים אָנגעשריגן, האָט מען דאָס געשפּרעך איבערגעריסן.

אויף אַזאַ אופן האָט ער אָנשטאָט אַ מומע, אָנשטאָט די שוועסטער פון זיין פאָטער, פאַר זיך געהאַט אַ פירמע, אַ נעץ פון ביזנעס, אַ נאָמען פון שילדן און רעקלאַמעס, סחורה־צייכנס, נישט מער !

גייענדיק אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט אין גאַס האָט מאיר געזען אַ שילד „אסתר שואמער, קאָ". אינעווייניק, אין דער „גראָסערי" האָט אים פאַרבליפט און פאַרבלענדט דער גלאַנץ. צענדליקער פאַרקויפערס און פאַרקויפערינס.

מאיר האָט געבלאַנדזשעט אַ פרעמדער צווישן הונדערטער קונים, און געקוקט אויף די אָנגעשטעלטע, — קיין איין יידיש פּנים, קיין איין יידיש וואָרט אַרום!

— זאָל אָט די פרעמדקייט צו מיר האָבן אַ שייכות? — האָט ער זיך געפרעגט.

אַ צווייט מאָל האָט מאיר געקויפט אַ מין שפּייז אין דער דאָזיקער „גראָסערי״ און געזען אויפן שאַכטל אַ צייכענונג פון אַן אַלטער פרוי וואָס זיצט אין אַ פאָטער־שטול. אַרום איר שטייען מענער אין פראַקן ווי אויף אַ באַל, מיט כוסות אין די הענט גרייט צו מאַכן אַ לחיים. אונטן פונעם שאַכטל — אַן אונטערשריפט: „ווען צו דיר קומען קרובים פון ווייט, איז דער איינציקער באַשייד: „אסתר שואמערס פוטער קעקס״.

אַ דריט מאָל האָט ער אין יידישער צייטונג געלייענט: „לאָרד בייראָן איז דערפאַר געווען אַן איינזאַמער, ווייל ער האָט נישט געטרונקען דעם וויין פון אסתר שואמער״. אין די נעכט האָבן רויטע און גרינע ליכטער געצונדן און געלאָשן זיך איבער ניו־יאָרק „אסתר שואמער קאָ, אסתר שואמער קאָ״.

*

אַוועק אַ צייט און אבעלמאַן האָט זיינס דערגרייכט. אין אַ נאָכמיטאָג איז ער שטיין געבליבן אין אַ פאַרוואָרפענעם אָרט אין ניו־יאָרק, אין אַ געגנט פון די רייכע. ער איז אַריין אין אַ הויז, אַ פּאַלאַץ. פאַר דער טיר האָט געוואַרט אַ נעגער, וואָס האָט אים געפירט דורך לאַנגע פאַרהוילענע גענג, ביז ער האָט אים געבערענגט אין אַ זאַל. דאָרט האָט ער אויף אַ רעדל־שטול געטראָפן זיצן אַ זקנה. אַרום איר זיינען געשטאַנען דריי מענער. זיי האָבן אים באַגריסט, אַ שאָקל טוענדיק מיט די קעפּ. די זקנה איז געווען ווי אַ ביסל די גרויס; איינגעשרומפּן פון אַלטקייט. אירע הונדערט יאָר זיינען געלעגן אויסגעגאָסן אויפן פאַרמעט פון פּנים. מיט מייזל־אייגעלעך האָט זי אויף אים געקוקט מיט אַ בליק, וואָס זעט גאָרנישט, וואָס ווייסט גאָרנישט. איר פאַרינצלט מיילעכל האָט געפישטשעט ווי אַ ניי געבוירן פייגעלע. די דריי מענער, אסתרס אוראייניקלעך, וואָס זייערע ליפּן האָבן געשמייכלט מיט אַ חוזקל, מיט ביטול, וואָס פאַרניכטעט דעם צווייטן מיטן בלויזן בליק, האָבן געקוקט ווי די צוויי — מאיר און די זקנה

— ראַנגלען זיך מיט פרעמדקייט און אַלטקייט. זייער עלטער־באָבע האָט אַצינד אויסגעזען נאָך מער קאַמישער ווי תמיד, נאָך קאַמישער ווי דער פרעמדער, וואָס גיט זיך אויס פאַר אַ קרוב.

איינער פון זיי, ווייזט אויס אויס רחמנות, האָט אים אָנגעבאָטן אַ ציגאַר. אַ צווייטער האָט אים געפרעגט צי ער האָט ביי זיך געלט צו באַצאָלן דעם באַס און געשמייכלט האָבן זיי ווי זיי וואָלטן געכאַפּט איינעם ביים אָפּטאָן די גרעסטע נאַרישקייט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, אַ נוירס האָט זיך באַוויזן, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די שטול און אַוועקגעפירט די זקנה.

*

אין דרויסן האָט זיך מאיר לאַנג אַרומגעדרייט אין דער פרעמדער געגנט. דאָס פּנים זיינס האָט געפלאַמט. פון פאַרלוירנקייט האָט ער געבלאָנדזשעט און געזוכט אַ וועג ווי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין.

אינהאַלט

פאָרוואָרט 3

מיטן טויט אויף דו 9

יצחק פעניכל 33

ר׳ משה אהרן 43

ברודער קעגן ברודער 59

אין איינער אַ שטאָט 81

דער סאַנדזוער 93

אַ בליק אויף אַמעריקע 163

פון זעלבן מחבר:

1

„מיטן פנים צו זיך"

2

„מיטן פנים צו זיך"

ד ע ר צ ײ ל ו נ ג ע ן

פאַרלאַג „יידיש בוך"

װאַרשע 1932

„אויסטערלישע געשיכטן"

פאַרלאַג „יידישע זעצער"

רעגנסבורג 1948